STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00666

# ONKL MOZES

Sholem Asch

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Beverly, Marty, Shoshi, Micah & Ilana Goldfus*
*in honor of*
*Shirley & Carl Rubman*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# אָנקעל מאָזעס

ראמאן

אין דריי טהיילען

פון

שלום אַש.

ארויסגעגעבען פון „פאָרווערטס"
175 איסט בראַדוויי, ניו יארק
1918

Copyright 1918
by
SHOLEM ASH
(all rights reserved)

# אינהאלט

## ערשטער טהייל

זייטע.


1. איבער וויליאמסבורג בריק — 5
2. קינדער — 12
3. פארטאג — 18
4. דער ברודער בעריל מיט זיינע קינדער — 23
5. אנקעל מאזעס — 30
6. דער „אמעריקאנער" אין אמעריקא — 35
7. אנקעל מאזעס'ס לעבען — 44
8. דער נייער פרעה — 51
9. — 58
10. קוזמינער לאנדסלייט — 64
11. אסתר און אחשורוש — 70


## צווייטער טהייל


1. ער וועט האבען קינדער — 79
2. מאשא — 84
3. א חתן — 89
4. מאנעס אגיטאטאר — 94
5. אנקעל מאזעס זעהט אלס פאראוים — 101
6. מאשא ווערט א כלה — 107
7. משארלי מעלניק — 112
8. קוני איילאנד — 121
9. — 124
10. „טויזענד און איין נאכט" — 132
11. די כלה וויל נישט — 138
12. דער טייפעל נעהמט איהם — 144
13. מאשא טרעפט זיך מיט'ן אנקעל — 153
14. דאס בלויע צימער — 160


(זעה די צווייטע זייט).

## דריטער טהייל

1. מאַן און ווייב — — — — — — — — — — — — — — — 171
2. — — — — — — — — — — — — — — — — — 177
3. — — — — — — — — — — — — — — — — — 181
4. — — — — — — — — — — — — — — — — — 186
5. דער סטרייק פון די קוזמינער לאַנדסלייט — — — — — — — — — 191
6. — — — — — — — — — — — — — — — — — 199
7 אויף דער צווייטער זייט — — — — — — — — — — — 205
8. מענשען, וואָס טהוט זיך דאָ ? — — — — — — — — — — 211
9. איינזאַמקייט — — — — — — — — — — — — — — 218

# ערשטער טהייל.

## 1.

### איבער וויליאמסבורג בריק.

איבער דאון טאון ניו יארק איז די זון פון דער וועלט אונטער־געגאנגען. עס האט זיך געדאכט, אז פון דער גאנצער וועלט האט זי אויסגעקליבען די פערוואלקענדע הויכע קאסטענס וואס שטעהען ביים ברעג פון איסט ריווער, איבער זיי, אונטערצוגעהן. און ווי הויך די קאסטענס זיינען ניט געווען, ווי העכער איינער האט נישט געפרואווט איבער'ן אנדערען איבערצושטייגען, האט מען ערשט פון דאנען, פון דעם וויליאמסבורג בריק אנגעזעהען ווי קליין און ווי נידעריג זיי זעהען דאך אויס געגען די הויכקייט פון הימעל. ווי פאפיערענע קארטען הייזלאך, וואס קינדער האבען אויפגעשטעלט צו שפיעלען זיך מיט זיי. נאר די קארטען הייזלאך האבען איינזאם און פערלאזט געבלאנדזשעט אין דער ברייטער און הויכער אונענדליכקייט פון חלל, און זיינען פערשעהמט געווארען, וואס זיי האבען געוואגט זייערע קעפ אויפצוהויבען אזוי הויך פון דער ערד...

א פייערדיגע זון איז ארוים פון איהר טהוי־בעדעקטען רונדיגען פארם און א צובלוטיגטע האט זי זיך אויסגעגאסען איבער'ן גאנצען הימעל — גאנצע טייכען האט זי פערפלייצט. און א שטארקע מעב־טיגע האנד האט פון דער זייט פון ים מאטע שלייערס געצויגען און איבערגעוועבט איבער די טייכען רויט־בלוט, און איבער די בלאהע פעלדער, וואס האבען זיך געצויגען איבער די ווייטקייט און ברייט־

קייט פון ניו יארקער דאון־טאון'ער הימעל. ווי זיי וואלטען גע־וואלט פערשטעלען פון מענשען'ס אויגען וואס דארט, אונטער די שלייערס, קומט פאר. די גרויסע איינזאמע שטיינערנע קאסטענס, האבען זיך מיט אמאל אנגעצונדען. גאנצע וועגד־שויבען האבען געברענט אין בלישטשענדיגען שיין פון דער רויטער אונטערגעהענדער זון. און דאון טאון ניו יארק, בעגאסען מיט דער אונטערגעהענדער זון, האט זיך אויסגעדוכט אויסצוזעהן ווי א צושטערטער בבל. ווי א צופאלענע אלטע שטאדט, וואס איז צוטרינען געווארען פון אלטקייט. די הויכע איינזאמע פינקעלדיגע ווענד זיינען די חורבות פון פערגעסענע זור־נען־טעמפלען פון ווילדע הימעל־שטייגענדע טהורעמס. וואס מענשען האבען אמאל אויפגעשטעלט אין די הימלען צו שטייגען און מיט די געטער מלחמה צו האלטען...

די וויליאמסבורגער בריק איז געווען ווי אן אייזערנער לעבע־דיגער ריעז וואס זיך אויסגעצויגען איבער דעם איסט ריווער און מיט זיינע הענד און פיס אנגעכאפט דיביידע ברעגען פון טייך און אי־בער זיין רוקען זיינען געפלויגען, ווי ווילדע אייזערנע חיות מיט אנ־געצונדענע קעפ, איין באהן נאך דעם אנדערען. און די חיות האבען געהאט אין זייערע בייכער איינגעשלונגען טויזענדער און טויזענדער מענשען. זיי זיינען געשטאנען קעפ אויף קעפ און מיט ערשראקענע גערייצטע אויגען ארויסגעקוקט פון די פענסטערלאך, פון די אייזערנע חיה'שע פענסטער אויגען. דאס האבען די אייזערנע קאסטענס, וואס פינקלען זיך יעצט אין דער רויטער זון, צוריקגעשיקט זייערע איינ־וואהנער אויף איבערנאכט צו זייערע ווייבער און קינדער איבער דעם טייך.

די לויפענדע באהנען מיט די מענשען זיינען געווען אזוי פיעל, און אזוי אפט, אז דער אייזערנער ריעז — דער וויליאמסבורג בריק האט געקרעכצט אונטער זייער לאסט. טהיילמאל האט זיך געדאכט, אז דער ריעז וועט עס ניט אויסהאלטען און אבלאזען זיינע הענד און פיס און אלעס וועט פאלען אונטער איהם אין טיעפען טייך אריין. נאר יעדעס מאל ווען א באהן איז דורכגעלאפען, האט דער ריעז געגעבען א ציטער. זיין רוקען האט זיך געגעבען א ווייכען עלאסטי־שען בויג. און דער באהן האט זיך דורכגעגליטשט איבער איהם ווי שטאלענע גליטשערס איבער'ן אייז.

אונהיימליך פיעל זיינען געוועזן די באהנען. פון אלע עקען פון ניו יארק זיינען זיי פון די לעכער פון די ערד געקראכען און אלע זיינען זיי דורך איבער דעם רוקען פון ריעזן. איינער נאכ'ן אנדערען. און צוויי מיט אמאל, און דריי מיט אמאל — און איינער האט דעם אנדערען איבערגעיאגט. איבער דיביידע זייטען פון ריעז'ס בויך זיינען געלאפען וועגען און פראכט־וועגען, אויטאמאבילען און טראמוואיען, ווי פליעגען וואלטען זיך אנגעזעצט אויף א גרויסען קערפער. און אלעם האט אויף זיך אויסגעהאלטען דער ריעז, געקרעכצט און אויסגעהאלטען.

אביסעל אן א זייט ציהט זיך א שמאלער וועג פאר פוס־געהערס איבער דעם רוקען פון בריק, נור דער פוס־וועג איז דער איינציגער איינזאמער וועג אויפ'ן בריק — איבער איהם זיינען יעצט, אין פריהען הערבסט'דיגען פארנאכט, געגאנגען טאטע און טאכטער פון ניו יארק נאך ברוקלין — האפקינס סטריט — צופוס אהיים. אונטער זייערע פיס זיינען דאס געפלויגען די באהנען מיט די מענשען, און פאר זייערע אויגען האט דאס דאון־טאון ניו יארק געלויכטען זיך אין פארנאכטליכען זונען־שיין. נאר זיי האבען דאס ניט בעמערקט. זיי זיינען פערטיעפט געוועזן אין זייער געשפרעך. און דער רעש פון די באהנען האט זייער אויפמערקזאמקייט ניט אבגעווענדעט.

האבענדיג זייער וואהנונג אונטער דעם דאך פון דעם עלעוויי־טער איז זייער געהארך אזוי צוגעוועהנט געווארען צום געזאנג פון אייזען, אז עס האט זיך זיי אויסגעוויזען, אז דער קוויטש פון ראד אויף דער רעלסע איז דאס געהער פון דעם הויך פון דער לופט, וועלכע זיי אטהעמען אין זיך אריין... זייער אויג האט זיך אויך ניט אפגעשטעלט אויף דעם גראנדיעזען בילד וואס די זונען פארבען שפיעלען אב מיט די שויבען פון די דאון־טאון'ער פענסטער. זייער אויג איז געווארען איינגעוואהנט צו זעהן נור ניצליכע זאכען און ניט זיך אבצושטעלען אויף אויסערליכע צופעליגקייטען. זייער געשפרעך איז אויף א מינוט ניט געווארען אפגעהאקט. און די טאכטער האט ווייטער געפיהרט איהר בעלעבט ווארט.

— שעם זיך, טאטע, צוויי טעג קומסט דו ניט אהיים, ניט געוואוסט וואו צו זוכען דיך, מאמא האט געוויינט, קינדער האבען געוויינט, געמיינט ביזט פערלוירען געגאנגען. שעם דיך, טאטע!

די טאָכטער, וועלכע האָט געריעדט צום פאָטער אַזעלכע רייד, איז אַלט געווען פערצעהן און אַ האַלב יאָהר און איז געווען אין 8־בי, אין פּאַבליק סקוהל, דאָך איז זי געווען אַזוי איינפערטרויט מיט אַלע געהיימניסען פון איהר משפחה, אַז זי האָט זיך גאָר ניט געשעהמט צו רעדען מיט איהר פאָטער דערפון. איבעריגענס איז מאשא שוין נישט געווען אַ קינד. מיט איהר פערצעהן און אַ האַלב יאָהר לעבען, מיט איהר אַמעריקאַנישע „עקספּירענס“ און מיט איהר 8 „בי“ פּאַב־ליק סקוהל איז זי קליגער און ערצויגענער געווען פון איהרע עלטע־רען, וועלכע זיינען איבערגעבליבען אַזוי גרין און אונערפאַהרען, אַזוי ווי זיי זיינען געקומען פון קליינעם שטעדטעל פון פּוילען.

מאשא איז אַ מינוט שטיל געוואָרען. איהרע קליינע בעקעלעך זיינען רויט געוואָרען און איהרע שוואַרצע, שוואַרצע אויגעלאך האָבען נאָך מעהר אָנגעהויבען צו פינקלען. זי האָט זיך גלייך געמאַכט איהר לאַנגען שוואַרצען צאָפּ, דאָס איינציגע ציערונג וואָס זי האָט געהאָט אויף זיך, און וועלכער האָט גאָר נישט געפּאַסט צו איהר קליין אויס־געוואַקסען קליידעל, פון די קורצע אַרבעל האָט זיך אַרויסגעוויזען מאשא'ס לאַנגע רויטע הענטלעך. דאָס מיידעל האָט געהאַלטען אין איין ציהען די אַרבעל פון קאַפּטענדעל איבער איהרע הענד, נור ווען איין אַר־בעל האָט נאָכגעגעבען, האָט דער צווייטער זיך אַרויפגעגליטשט און מאשא האָט געהאַלטען אין איין קעמפּפען מיט איהרע אַרבעל.

פון דער זייט פון ים האָט געבלאָזען איבער די וויליאַמסבורגער בריק אַ קאַלטער ווינד, און האָט געטראָגען דעם גרינעם פייכטען ריח פון ים איבער דער בריק, און האָט געזאַלציג געמאַכט דאָס מויל — דעם פאָטער מיט דער טאָכטער האָט זיך געגלוסט עסען. דער ווינד האָט צויאָגט מאשא'ס האָאָר און געטראָגען איהר צו־קורץ קליידעל פון וועלכער עס האָבען זיך די הויכע שעהן מיידעלשע פיס צו ווייט אַרויסגעזעהן. מאשא האָט געקעמפּפט מיט'ן ווינד, און דאָ געשלעפּט דאָס קליידעל אַראָפּ צו פערשטעלען איהרע פיס, און דאָ געשלעפּט דאָס קליידעל אַרויף צו פערשטעלען איהרע נאַקעטע הענד. און די פרייד וואָס דער פאָטער געהט מאָרגען צו דער אַרבייט, האָט זי גע־טראָגען מיט אימפּעט אַהיים צו דער מאַמען...

אַז דער פאָטער מיט דער טאָכטער זיינען אָנגעקומען אין האָפּ־קינס סטריט, איז שוין טונקעל געווען. ווארימע גאַז־ליכט האָט זיך

ארויסגעגאָסען פון די געוועלבער, און פאַר די מואווינג פּיקטשור און פאַר'ן „אייז־קרים פּאַרלאָר" זיינען געשטאַנען קינדער און מיט זשעד־נע אויגען צוגעקוקט ווי „באָים" און „גוירלס" געהען אהין אריין און האָבען „פּלעזשור".

א פּאָאַר פון די קינדער האָבען אין אהרן מעלניק, וועלכער איז דורכגעגאַנגען, געפיהרט פון זיין טאָכטער מאַשאַ'ן — דערקענט זייער פּאַטער, און מיט אַ געשריי און אַ ליאַרם: פּאַפּאַ! זיינען זיי איהם נאָכגעלאָפען. מאַשאַ האָט זיי בערוהיגט מיט אַ וואונק און מיט אַ וואָרט, און מורא האָבענדיג, אז דער פּאַטער זאָל ניט פערשווינדען פאַר דער טהיר פון הויז, האָט זי זיך געהאַלטען אַן איהם זעהר נאָ־הענט. נאָר וואָס נעהענטער אהרן מעלניק איז צו דער טהיר פון זיין הויז צוגעקומען, איז אהרן מעלניק'ס צוריקקומען אַלץ געוואָרען מעהר זיכער אי פאַר איהם און אי פאַר זיין טאָכטער מאַשאַ. פאַר דער טהיר פון הויז זיינען אין וואָרימען פאַרנאַכט געזעסען די ווייבער, וועלכע האַלב אָבגעוואַשען און אָנגעטהאָן האָבען אָבגעוורט זייערע מענער, וועלכע קומען צוריק פון דער ארבייט. די אַלע שכנים וועלכע האָבען אַ לעבעדיגען אינטערעס גענומען אין די פאַמיליע אַנגעלעגענ־הייטען איינער פון אַנדערען, האָבען, זעלבסטפערשטענדליך, געוואוסט פון אהרן'ס אַנטלויפען פון דער ווייב מיט די קינדער און האָבען מיט גרויס אינטערעס צו זייער אַלעמענס גרויסע צופריעדענהייט, צוגעזעהן, ווי מאַשאַ פיהרט יעצט אהיים דעם פאַטער, און ווי זיי וואָלטען זי אריינגענומען אין זייער ווייבערשער חברותא, האָבען זיי איהר צו־געוואונקען מיט די בליקען און די מי נעס פאַר די גוטע ארבייט, וואָס זי האָט געטהאָן, צוריקבריינגענדיג דעם טאַטען.

אין דער שטוב האָט אהרן געפונען זיין ווייב ראָזע מיט דאָס קליינע קינד אויף דער האַנד, וועלכעס אזוי ווי עס וואָלט געוואוסט געווואוסט, אז עס איז דער איין־איינציגער זוהן צווישען די פיער טעכ־טער וואָס אהרן האָט געהאַט מיט זיין ווייב — האָט עס קיינמאָל ניט געוואָלט אַראָפּ פון די מוטער'ס הענד. ראָזע, וועלכע האָט מיט איהר דרייסיג יאָהר לעבען אויסגעזעהן שוין ווי אַ אידענע אין די אייניגע און פערציג, האָט נאָך איין רעשט געהאַט איבעריג פון איהר יוגענד און דאָס זיינען געווען איהרע געדיכטע שוואַרצע האָהר, וועל־כע האָבען מיט זייער יוגענדליכען גלאַנץ זיך גאָר ניט צוגעפּאַסט

צו איהר פערעלטערט געזיכט, קאליע געווארענע גאלדענע צייהן, וואס האבען דא און דארט ארויסגעקוקט פון איהר מויל. זי איז געווען פערביטערט און בייז פון צרות און קלאג, און זי האט געליטען פיזישע ליידען א גאנצען טאג פון האלטען דאס קינד אויף די הענד. זי האט אנגעקוקט איהר מאן:

— גיב נאר א קוק — ער איז דאך שוין דא. די מציאה האט זיך דאך שוין אבגעפונען.

ראזע האט געוואלט עפעס ווייטער רעדען, נאר די קליינע מאשא איז אונטערגעשפרונגען, ארויסגענומען פון איהרע הענד דאס קינד, און געזאגט:

— מאמא, שוויג, דו וועסט ניט שווייגען?

— וואס זאל איך שווייגען? — וואס, ער וועט אנטלויפען, דער תכשיט! — האט די מוטער געזאגט מיט מעהר דרייסטקייט און מוטה, נאכדעם ווי זי האט געהאט פרייער אבגעאטהעמט פון דעם קינד'ס לאסט וואס זי האט געפיהלט א גאנצען טאג אויף די הענד — זאל ער אנטלויפען. ווער האט געשיקט נאך איהם?

— מאמא, דער טאטע געהט דאך מארגען ארבייטען, דער אנקעל בעריל האט געשאפט א פליים, שוויג.

דאס ווארט „ארבייט" האט געבראכען א ביסעל דעם אייז, און איהר טאן איז געווארען א ביסעל אנדערש.

— אזוי, ער געהט שוין ארבייטען, ער וועט מיך שוין ניט לאזען הונגערען מיט מיינע שוואלבען, א־ווא, אן איינזעהעניש.

נור אהרן האט דער וויב ניט געוואלט צוליעב טהאן. די טאג־טעגליכע צרות, וואס דאס לעבען האט זיי געשאפט, האבען איז מאן און ווייב'ס הערצער אנגעזאמעלט אזוי פיעל ביטערניש איינער אויפ'ן צווייטען, אז זייער איינציג ביסעל נחת איז געווען, ווען איינער האט דעם צווייטען געקענט קרענקען. דאך האט זיי די פיינדשאפט ניט געשטערט צו לעבען צוזאמען פופצעהן־זעכצעהן יאהר, קינדער האבען, און עס איז געווען ווי די פיינדשאפט וואלט געווען דער ליים, וואס קנעט צוזאמען זייער לעבען, און אז אהרן האט געזעהן ווי דער ווייב'ס אויגען זיינען רוהיגער געווארען פון דער טאכטער'ס רייד, האט עס איהם געקרענקט.

— די מאמע וועט קענען געהן ארבייטען, זי קען ניט ארבײ־טען מיט די זייטען — פאר וואס מוז איך דאס? — האט ער זיך אנגערופען פון ווינקעל ארויס.

— צו וואס האסטו איהם אהיים געבראכט? — האט ראזע אנ־געהויבען צו שרייען אויף דער טאכטער — די טהיר וועל איך אויס־קלאפען מיט איהם. געה ארויס פון מיין שטוב, די מינוט פון מיין שטוב.

מאשא איז געבליבען שטעהן פערצווייפעלט. זי האט געזוכט אן עצה, ווי צו ראטעווען די לאגע. זי איז געשפרונגען פון איינעם צום אנדערען און געבעטען זיך מיט איהרע קינדערשע אויגען און הענטלאך:

— מאמע, שוייג, איך בעט דיר. טאטע, שוויג, איך בעט דיר. עס איז דאך ניט שעהן פאר די שכנים.

אין איהר קליין קעפעל איז אויפגעגאנגען א געדאנק: דער טאטע איז הונגעריג און מיעד, און די מאמע איז הונגעריג און מיעד; און שטוב איז פינסטער און טרויעריג — דורך דעם קריעגען זיי זיך. ווען זי וואלט געקענט גרייטען צום טיש און אויפגעבען סאפער, אין שטוב וואלט געווען ליכטיג, וואלטען זיי זיך ניט געקריעגט. זי האט פלינק אנגעצונדען די גאז, דאס שטיבעל איז בעלויכטען געווא־רען. און ווירקליך, ווי עס איז אין שטיבעל ליכטיג געווארען, האב־בען זיך מאן און ווייב אויפגעהערט צו קריעגען. זיי האבען זיך געשעהמט איינער פאר'ן צווייטען אין דער ליכט, פאר'ן קינד'ס אוי־גען. ראזע האט אנגעהויבען צו וויינען אויף איהר ביטער מזל, וואס דער גזלן האט איהר געשלעפט אין וויסטען „אמעריקא", „און איהר פאטער און מוטער וועלען קיין רוה אין קבר ניט האבען, ווען זי וואלט זיי נור אויף זייערע קברים געקענט אנזאגען אין וועמעס הענד זיי האבען זי איבערגעגעבען". אהרן איז געזעסען א פארשטיינערטער אין ווינקעל און געשוויגען. אין שטיבעל האבען זיך אנגעהויבען צו קלייבען די קינדער פון דער גאס און אנגעהויבען צו פאדערען סאפער. די מוטער האט זיי אפגעשיקט צום פאטער און צום טייפעל. דעמסט־מאל האט מאשא איבערגעלאזט דאס קליינע קינד אויף א שוועסטע־ריל'ס הענד און איז אליין ארויס אין גאס שאפען סאפער. זי האט זיך אפגעזאגט פון געדאנק, וואס זי האט פריהער געהאט, צו בארגען

ביי די בוטשערין, אויפ׳ן ערשטען פלאר, פופציג סענט ביז דער טאטע וועט ארבייטען. דאס וואס דער פאטער איז צוריקגעקומען און דער אנקעל לואי האט איהם געקראגען א פליים, האט איהר מעהר שטארקייט און גלויבען געגעבען אין זיך. זי איז אריין מיט דרייסטקייט אין די גראסערי וואס איז געווען אין ווינקעל גאס און האט זיך געהייסען געבען ברויט און פוטער און קעז, און טאמייטא־זופ אין קען, און זי האט נאך פערלאנגט א מארינירטען הערינג און פיקעלס. האט זי דער גראסערי־מאן אנגעקוקט פערוואונדערט. האט זי שטאלץ אפגעענט־פערט: פאפא געהט מארגען אויף א פליים אנקעל בעריל האט איהם פערשאפט. האט דער גראסערי מאן פערשטאנען, און שוין גאר ניט געזאגט. איהר ווארט „פאפא געהט מארגען אויף א פליים" איז גע־ווען א ווינש־פינגעריל, וואס האט פאר מאשא׳ן אויפגעעפענט דעם גראסערי־מאן׳ס גראסערי, דעם בוטשער׳ס שאפ און זי האט גע־קראגען וואס זי האט געוואלט.

און מאשא האט רעכט געהאט. קוים איז ליכטיג געווארען אין שטיבעל און מאשא האט אויפ׳ן טיש דערלאנגט דעם רייכען סאפער, מיט׳ן מארינירטען הערינג און די פיקעלס, און די טאמייטא־זופ, איז ניט נור מאן און ווייב האבען זיך אויפגעהערט צו קריגען. נור אהרן מעלניק האט זיך דערמאנט, אז ער איז א פאטער פון פיער טעכטער און א זוהן, האט די קינדער ארומגעזעצט ביים טיש, אנגע־זאגט זיי, אז זיי זאלען זיצען ערענטליך — און אין שטיבעל ביים טיש זיינען ארום געזעסען די גליקליכסטע פאמיליע און געגעסען זייער אבענד־ברויט.

---

.2

## ק י נ ד ע ר.

אהרן מעלניק האט א ליגען געזאגט. קיין שטעלע צו ארביי־טען האט איהם קיינער ניט צוגעזאגט. ביינאכט, ווען ער איז געלע־גען אין בעט מיט צוויי קינדער פוןביידע זייטען — האט ער זיך דער־מאהנט אין וואס פאר א לאגע ער געפינט זיך און זיין גאנצע משפחה. ער האט מורא געהאט פאר דעם מארגענדיגען טאג, ווען די ווייב מיט

די קינדער וועלען זיך אויפהויבען און וועלען איהם געפינען אין דער היים. און דער ערוואקסענער איד, דער פאטער פון פינף קינדער, האט זיך געפיהלט ווי אמאל אין די קינדער־יאהרען, ווען ער איז אנטלאפען פון חדר אוןווארט אויף א פסק. און דאס געפיהל האט איהם געמאכט היימלאז און קינדיש, און א שעהמעוודיגקייט האט איהם ארומגענומען פאר זיינע קינדער, וואס טוליען יעצט די קע־פעלאך צו איהם.

אהרן האט ניט ליעב געהאט זיינע קינדער צוזאמען, ווייל ער האט אין זיי געזעהן די אורזאכע פון זיין אונגליק, פון זיין פערשקלא־פונג. אבער צו יעדען קינד האט ער געפיהלט א בעזונדער געפיהל, און יעדעס קינד האט געהאט א בעזונדערס ארט אין זיין הארצען. ציליע, דאס מיידעלע נאך מאשא'ן, האט ליעב געהאט א שרעק די „מואוויעס“, און כאטש זי איז נאר איינמאל געווען אין די „מוא־וויעס“, ווען דער אנקעל לואי האט זי אמאל מיטגענומען, דאך פון דענסטמאל אן שפיעלט זי נאך אלסדינג, וואס מען האט אין די „מואוויעס“ געשפיעלט. זי נעהמט א קישענדעל און מאכט זיך א פאפע און הילט זיך דערמיט איין אין די מאמעס טוך, און שפיעלט דאס שטיק: „די מאמע מיט'ן קינד“. און ערשט היינט אין אבענד, נאך דעם רייכען סאפער, האט די פאמיליע מעלניק געפייערט דאס איבער־בעטען צווישען טאטע־מאמע מיט ציליע'ס א פארשטעלונג. אהרן האט פערגעסען זיין היימלאזיגקייט און זיין ביטערקייט און ער האט געלאכט און געפרעהט זיך מיט'ן קינד'ס שפיעלען. און אייגענטליך איז דאס געווען ציליע, וואס האט מיט איהר פארשטעלונג דעם טא־טען צוריקגעצויגען אין שטוב אריין, איהם אריינגעפיהרט אין דער משפחה אריין... יעצט אבער איז ציליע צוריק געווארען א קליין, קליין מיידעלע, מיט א שקאציש שמוציג פנים'על, וועלכעס האט אפילו אין שטילען שלאף ארויסגעפאדערט אלעמען מיט דעם חוצפה'דיגען זיכערען אויסדרוק. עס איז געווען ווי א זארג וואלט אראפ פון קינד'ס געמיטה, און מעהר זיכער שוין, וואס דער טאטע איז דא אין דער היים, האט עס זיך ווי א קעלבעל איינגעטוליעט מיט די פיס, מיט די הענד, מיט'ן קעפעל אין טאטען'ס לייב אריין.

דאס צווייטע קינד, סטעלא, איז געווען גאר א גאנץ אנדערע פון ציליען — זי איז שטענדיג געווען א שרעקעדיגע און א שעה־

מעוודיגע. איז אַ מענש אין שטוב אַריינגעקומען, האָט זי זיך בע־האַלטען אין אַ ווינקעלע און געוויינט. די טאַטע־מאַמע'ס קריגען זיך, אין וועלכעס זי איז ערצויגען געוואָרען, האָט אויף דעם קינד אַרויפ־געוואָרפען אַזאַ שרעק פאַר מענשען, אַז זי האָט געוויינט ביינאַכט פון שלאָף אַרויס, פון שרעקליכע חלומות וואָס זיינען זי בעפאַלען. צייט דער פאָטער איז אַוועק פון דער היים, האָט דאָס קינד גאָר מורא געהאַט צו שלאָפען. זייענדיג געוועהנט איינצוטוליען איהר קערפע־רעל אין פאָטער'ס שטאַרקע ברוסט און דערמיט זיך פיהלען זיכער, האָט דאָס קינד ביינאַכט געזוכט דעם פאָטער אויפ'ן געלעגער. היינט, דאָס ערשטע מאָל זינט דער פאָטער איז אַוועק, איז דאָס קינד איינ־געשלאָפען רוהיג.

אהרן האָט געפיהלט די צוויי קינדישע פאַכעדיגע קערפערלאַך, איינגעקנאַטען און איינגענאַרעט אין איהם אריין, אַזוי ווי זיי וואָל־טען זיך אָנגעהאַלטען אַן פאָטער און ניט געוואָלט איהם אַוועקלאָזען פון זיך און געבעטען זיך ביי איהם, אַז ער זאָל זיך פאַר זיי ווידער איינשפאַנען אין דעם יאָך, וועלכען ער האָט אַזוי פריי פון זיך אַראָב־געוואָרפען...

און אין יאָך זיך איינשפאַנען האָט ער ניט געוואָלט. ער האָט זיך דערמאָהנט אַן די יאָהרען, ווי ער איז געזעסען אויף דער בויערי. און די אַלע האָפנונגען און חלומות וואָס ער האָט געהאָפט אַרויסצו־רייסען זיך פון די בויערי און אַליין ווערען עפּעס אַ שטיקעל מענש פאַר זיך קומען צו אַ תכלית. און די אַלע האָפנונגען האָט ער איינ־געגייהט מיט דער נאָדעל אין די הויזען אריין, וועלכע ער האָט אויף דער מאַשין געקלאַפּט... ביז אַמאָל האָט זיך ביי איהם געפונען די קראַפט איבערצורייסען, אַבצוהאַקען דאָס לעבען און זוכען עפּעס נייעס. יעצט זאָל ער ווידער צוריקגעהן — צוריקגעהן אויף דער בויערי אָהן האָפנונגען, אַז אַמאָל וועט אַנדערש זיין, אַז עס איז נאָר אויף דערווייל, נאָר בעגראָבען זיך אַליין אויפ'ן לעבען לאַנג, אָהן האָפ־נונג אויף בעסערס?...

די אונזיכערקייט און די היימלאָזיגקייט האָט איהם ביינאַכט געפייניגט און געדושעט איהם ווי אַ ניט גוטער. עס האָט זיך איהם גע'חלום'ט אַ שרעקליכער חלום, אַז ער האָט אָנגעהויבען צו וויינען אויס דעם שלאָף אַרויס. אָבער ניט אַ בעדרויערענדעס מענשליכעס

וויינען, נאר א געוויסען־בייסענדעס קלאגען פון א חיה. — ער האט געוויינט פון שלאף, ווי ניט גוטע וואלטען איהם געפייניגט. מען האט איהם געריסען פון שלאף, ער האט זיך אויפגעכאפט:

— הע, וואס, מאשא?

— טאטא, וואס איז דיר? וואס שרייסטו?

— ווער איך? גאר ניט. וואס האסטו זיך אויפגעכאפט?

— האסט אזוי שרעקליך געוויינט, ווי ווער וואלט דיר שלעכטעס געטהאן.

— גאר ניט. קום אריין אין בעט. עס איז קאלט...

די קינדער זיינען געשלאפען מיט די עלטערען. די קלענערע מיט דער מאמע'ן און די גרעסערע מיט'ן פאטער. די איינציגע וואס איז שוין געשלאפען בעזונדער, אויסגעבעט אויף דריי שטוהלען, איז געווען די עלטערע, מאשא. נאר ווען עס פלעגט איהר קאלט זיין ביי־נאכט, פלעגט זי אריינקומען צום פאטער אין בעט אריין. זי האט זיך דערפרעהט מיט'ן פאטער'ס איינלאדונג. זיי האבען פערדרוקט די שוועסטערלאך אין א זייט.

אז מאשא איז אריינגעקומען אין בעט אריין, האט זיך דער פאטער פלוצלונג אפגערופען:

— מאשא, דו ביזט דאך שוין א קלוג מיידעל, הארך מיך אויס. ווילסטו, אז דער טאטע דיינער זאל שטענדיג זיין פערשקלאפט ביי דער נעה־מאשין, ביים אנקעל מאזעס, און מיר זאלען שטענדיג לעבען אין ארימקייט? דו פערשטעהסט דאך, דו ביזט דאך א קלוג מיידעל, אז איך וועל צוריקגעהן אויף א פליים ארבייטען — וועל איך שוין שטענ־דיג ארבייטען ביי דער מאשין, זיין א פינסטערער אפערייטאר, אהן האפנונגען אויף עפעס בעסערס. און איהר אלע, דו און די קליינע קינ־דערלאך, וועלען נאך קיין צייט ניט האבען אויפצואוואקסען, וועט איהר שוין מוזען געהן באלד ארבייטען. ווילסטו אזוי? יא?

— איז דאך שוין אונזער מזל אזעלכער, אז מיר זאלען געבוירען ווערען ביי אן ארימען פאטער, וועלען מיר אויך ארבייטען. וואס דען קענסטו טהאן?

— ווען איך וואלט נור צייט געהאט, צייט געהאט א פאאר חדשים, אז איך זאל זיך קענען ארומקוקען עפעס אנדערש. און, אז איך זאל נאר האבען אביסעל געלד, א קליין ביסעל געלד אנהויבען

עפּעס אַנדערש. אַמ איז ערשט ניט לאַנג געקומען אַ לאַנדסמאַן, האָט ער בשום אופן ניט געוואָלט אַריינקומען צום אַנקעל מאָזעס אין שאַפּ. „שטאַרבען אויף דער גאַס איידער אַרבייטען" האָט ער געזאָגט, גע־קראַגען פון ערגעץ אַביסעל געלד, גיט דזשולערי אויף אויסצוצאָהלען. און ער האָט שוין אַ ביזנעס פאַר זיך. ווען איהר וואָלט מיר נאָר אַביסעל אַבגעלאָזט, נאָר דעם אָטהעם כאַפּען.

דאָס מיידעלע האָט זיך פערקלעהרט אַביסעל — זי האָט גע־קוקט אויפ'ן פּאַטער, און ביים קליינעם שיין פון דער גאַז, וואָס האָט געברענט אַ גאַנצע נאַכט, האָט זי געזעהען דעם פּאַטער'ס רויטע אויגען און זי האָט אויף איהם רחמנות געהאַט. זי האָט געטראַכט און געזאָגט:

— איז וואָס וואָלט געווען, ווען דו וואָלסט געהאַט אַביסעל געלד?

— וואָלט איך געווען עפּעס איינגעקויפט און וואָלט געפּעדעלט. איך וואָלט דזשולערי געווען געגעבען אויף אויסצוצאָהלען, איך וואָלט גראָסערי זאַכען צוגעשטעלט אין די הייזער, אין געפּענגענים וואָלט איך ניט צוריקגעגאַנגען, אויף דער בוידעם.

— און וויפיעל בעדאַרפסט דו?

— הונדערט דאָלאַר, מיין קינד, הונדערט דאָלאַר. וואָס קומט אַרויס?

— און דער אַנקעל מאָזעס קען דיר אויסבאָרגען, אַז ער וויל?

— אַז ער וויל, — געוויס קען ער. וואָס קומט אָבער דערפון אַרויס. אַרויסגעוואָרפענע רייד. איך וועל צוריקגעהן אויף אַ פּליים; איך וועל... לאָז זי וואַרטען אַ מינוט, — ווייזט ער אויף דער ווייב — ביז איך וועל קריגען. — צום אַנקעל מאָזעס קען איך דאָך ניט געהן, ער וועט דאָך מיך ניט נעהמען צוריק.

— האָסט דאָך געזאָגט, אַז דו האָסט שוין אַ פּליים, אַז דער אַנקעל בעריל האָט דיר געשאַפט.

— ליגען געזאָגט. איך האָב אייך ניט געוואָלט די שמחה פער־שטערען. ווי אַזוי האָב איך אַ פּליים? צו אַנקעל מאָזעס קען איך דאָך ניט צוריקגעהן. איך האָב דאָך איהם בעליידיגט. איך וועל

ניט געהן ארבייטען, ניט אייך אן עצה אהן מיר. לאז אייך דאכטען, אז איך בין געשטארבען, בעגראבען, איך בין ניטא...

דאס מיידעל האט שוין געשוויגען. אין איהר קליין קעפעל האט געארבייט א געדאנק. זי האט געקלעהרט ועגען א פלאן ווי אזוי צו שאפען דעם פאטער הונדערט דאלאר, אז ער זאל פרואווען זיין מזל. עס איז נאר געווען איין איינציגער וועג, דער וועג צו אנקעל מאזעס. זי האט נאך דעם אנקעל מאזעס קיינמאל ניט געזעהן, נאר זי איז געווען זיכער אין זיך, אז ווען זי זאל איהם זעהן — וועט זי ארויסקריגען פון איהם דאס געלד וואס זי דארף פאר'ן פאטער. און דעם מיין האט זי ביי זיך אבגעמאכט.

דערווייל האט מאשא'ס קערפערעל, וואס איז צוגעקומען אין בעט אריין, פערלאנגט אן ארט פאר זיך. די פיסעלאך האבען זיך צונויפגעמישט, און ווארפענדיג איינס אן דאס אנדערע האבען זיי זיך געקאפיעט ביז אלע דריי שוועסטערלאך האבען זיך אויפגעכאפט. דערזעהן די גדולה, אז מאשא איז אריינגעקומען צו זיי אין בעט אריין, — האט זיך זיי ניט געגלוסט שלאפען. די שוועסטער האבען זיך אנגעהויבען צו שפיעלען, צו קיצלען און צו שטארכען איינס דאס צווייטע און אנגעהויבען צו לאכען. מאשא האט פערגעסען אן די גרויסע פלענער וואס זי האט פאר'ן פאטער ארויסצוקריגען די הונדערט דאלאר, וואס איז נויטיג פאר איהם אנצוהויבען דאס נייע, „גרויסע", גליקליכע לעבען — און ערהאלטענדיג א שטארך און א קאפיע — האט זי אבגעגעבען דאס איהריגע. די שוועסטער האבען אנגעהויבען צו קריכען און געמאכט דעם פאטער'ס גרויסען מענליכען קערפער פאר דעם לייטער, אויף וועלכען זיי זיינען ארויף און אראפ געגאנגען. אהרן האט אויך פערגעסען אן אלע זארגען. עס איז איהם אנגענעהם געווען די קיהלע קינדישע לייבעלאך, וועלכע האבען אזוי געגלעט זיין לייב. ער האט זיך אנגעהויבען שפיעלען מיט די קינדער, יעדעס מאל געכאפט איינס און אבגעצעהלט אויף דעם אנגענעהמסטען ארט, וואו עס איז זיס צו פאטשען... אזוי פיעל פעטש פאר יעדען קינד, וויפיעל עס צעהלט יאהרען. דאס פאטשען אין די געזעצלעך האט די קינדער זעהר אמוזירט און זייער לאכען און פרייד האבען אויפגעוועקט די איבעריגע קינדערלאך, וועלכע זיינען געשלאפען מיט דער מאמע'ן. און עס האט אנגעהויבען צו ווערען א

פעלקער־וואנדערונג, פון טאטע'ס בעט צו דער מאמע'ס און פער־קעהרט, ביז אזוי לאנג אוןברייט, ביז זיי האבען ארויסגערופען דעם „שאטען", זיי האבען אויפגעוועקט די מאמע'ן.

— וואס פאר א שווארצע יאהר אויף זייערע קעפ? וואס האסטו טאג געמאכט? ווענינ איז דיר דער טאג, בעדארפסט נאך די נאכט?

די קינדער האבען איבערגעצויגען די קאלדרעס איבער די קעפ־לאך און געמאכט זיך שלאפען, שנארכענדיג הויך. איינס, נאר דאס קליינע, האט זיך ניט געקענט איינהאלטען און ארויסגעהילכט מיט א געלעכטער. האבען איהם די אנדערע גלייך נאכגעטהאן, וואס דאס האט פערהילכט דאס קליינע שטיבעל.

אהרן האט צוזאמען מיט זיינע קינדער איבערגעצויגען די קאלדרע איבער'ן קאפ, אויך מורא האבענדיג פאר דער ווייב. און די קינ־דער'ס לאכען און פרייד האבען ארויסגערופען ביי איהם נייע שטרא־מען פון ענערגיע. ער האט מיט אמאל אנגעהויבען צו פערשטעהן דעם געדאנק פון הויזען־נייהען... ער האט פערשטאנען זיין אכט־יעהריגעס לעבען, פאר וואס ער איז אבגעזעסען אויף דער בוידעם ביים אנקעל מאזעס, און בעשטימט ווידער זיך איינצופעדים'ען אין דער נאדעל — פאר דעם לאכען און פרייד פון די קינדער...

---

### .3

## פ א ר ט א ג.

עס איז נאך געווען טיעף אין דער נאכט, ווען די זארג האט אהרן מעלניק ארויסגעיאגט פון שטוב. אין די בעטען זיינען נאך אלע, דאס ווייב און די קינדער געשלאפען. אהרן מעלניק האט זיך אנגעטהאן אין דער שטיל. ער איז אריין אין דער קיך, אויפגעהויבען דעם טאפ, אונטער וועלכען דאס ווייב האט בעהאלטען דאס ברויט פאר די קינדער, געוואלט ארויסנעהמען דאס שטיק. ער האט זיך אן עפעס דערמאנט, געגעבען א מאך מיט דער האנד און איז צוגעגאנ־גען צו דער טהיר.

— טאטע, וואו געהסטו? — האט איהם מאשא אנגעכאפט ביי דער האנד.

— דו ביזט עס, מאשא? וואס האסט דו זיך אזוי פריה אויפ־געכאפט? צוריק אין בעט אריין!

— איך האב געזעהן, ווי דו האסט זיך אנגעטהאן. איך וועל דיר ניט לאזען געהן. איך האב מורא, וועסט ניט צוריקקומען.

א פער'עקשנ'טער ביטערער שמייכעל האט פערקרימט אהרנ'ס ליפען:

— נאר, געה צוריק אין בעט אריין, וועסט מיר יערען טריט נאכגעהן? איך געה ארויף צום פעטער בעריל — איך בעדארף זיך מיט איהם אן עצה האלטען. מיר וועלען צוזאמען געהן צום אנקעל מאזעס.

מאשא האט געקוקט דעם פאטער אין די אויגען אריין.

— וועסט אין אבענד אהיים קומען?

— געוויס וועל איך אהיים קומען — וואו דען וועל איך געהן?

מאשא האט פערגעסען, אז זי איז שוין „אן ערוואקסענע". עס איז עפעס איבער איהר געקומען. זי האט זיך פלוצלונג געגעבען א נארע צו צום פאטער, אריינגעשטעקט איהר קעפעל אין זיין בויך אריין און האט געזאגט:

— האב נישט קיין זארג. — וואס האסטו זארג? מיר'ן זיך שוין אן עצה געבען... איד'ל נעהמען אין גראסערי, ער וועט בארגען... זארג ניט פאפא, עס וועט זיין אלל־רייט.

אהרנ'ען האט עפעס פערדראסען די רייד, האט ער געמורמעלט:

— עס איז אלל־רייט, גוד באי. און ער האט פלינק פערלאזט דאס הויז.

איבער דאונ־טאון ניו יארק איז אויפגעגאנגען די זון, ווי א פרעמ־דער וואס קומט צום ערשטען מאל אין א לאנד אריין, האט זי גע־בלאנדזשעט איבער די ווייטקייט און בריימקייט פון הימעל און האט פאראוים פאר זיך אויסגעגאסען וועללען מיט ליכט, וועלכע האבען פערפלייצט פעלדער־הימעל. נאך האט גערוהט אין טיעפען שלומער די שטילקייט פון דער נאכט איבער די איינזאמע הויכע שפיצען און דעכער פון די דאונ־טאונ'ער הימעל־קראצערס. עס איז געווען, ווי זיי וואלטען זיך געוועקט פון א שלאף אויף — און די מויזענדער,

טויזענדער שויבען־וועגד האבען אנגעהויבען אנטקעגען צו פינקלען דעם מארגען־ליכט. דאס מארגען־ליכט האט געוועקט, און אויף דער אייזערנער ריעז, דער וויליאמסבורגער בריק, וואס ליגט איבער'ן טייך, האט זיך געוועקט פון שלאף, אויסגעצויגען העגד און פיס און דאס ערשטע שטיקעל ארבייט אבגעטהאן — אריבערגעפיהרט די פערשלאפענע קאר מיט אהרן' מעלניק און א שלאפענדען קאנדוקטאר... איבער די גאסען פון דאון־טאון האבען זיך אנגעהויבען צו ווייזען די ערשטע... איינזאמע זיינען ,זיי נאך געווען... מענשען וואס לעבען אין דער נאכט, מילך־וועגען און בעקער־וועגען, און צייטונגס־טרעגער... דאס גרויסע ניו יארק וועקט זיך ערשט... דאס ערשטע רופען... פון ערגעץ־וואו קלינגט א קאר, קלאפט אן איינזאמער עלעווייטעד איבער די קעפ... איבער די גאסען זיינען נאך פערשפרייט די רעשטלאך פון נעכטיגען טאג. קאנען אש, האלבע פערברענטע קאסטענס וואס אינגלאך האבען נעכטען אנגעצונדען, אלטע שטיקער מעבעל ארויסגעווארפען פון א שטוב... אויף די ברעטלאך פאר די פענסטער לופטערט זיך דאס נעכטיגע עסען... און פערדארטע, אויסגעטריקענטע שטיקער וועש טאנצען ווי פריה־מארגען־שדים אויף די פייער־עסקייפס, אויף די שניערען... די נאכט איז געווארען געכאפט פון טאג און ענטפלעקט פאר די ליכטיגקייט אלע פערבארגענהייטען און סודות פון דער נאכט...

מיט א שולדיג בעוואוסטיג שמייכעלע איז אהרן ארויף אויף די פינסטערע טרעפ. שטיקענדע ריחות פון נעכטיגען עסען, פון שלאפענדע מענשען, פון ניט־געלופטערטעם בעט־געוואנד האט זיך געהערט פון אלע טהירען... אין איינעם מיט די ריחות האבען זיך פערנומען קינדישע שטימען, וואס ווייגען פון די וויעגען ארוים; פון א טהייל טהירען האט זיך פערנומען א שילטען צווישען מאן און ווייב, און איבער זיי אלעמען, אויפ'ן לעצטען שטאק, האט אהרן געהערט פון דער טהיר ארוים דעם ברודער'ס בעקאנטען גמרא־נגון, לערנענדיג משניות.

דעם ברודער האט ער געטראפען אין טלית און תפילין, זיצענדיג ביים טיש, אין א ריין ווינקעל אין די קיטשען, און הויך לערנענדיג משניות. זיין גמרא־נגון האט ניט אויפגעוועקט טשארלי'ן, דעם זוהן, פון שלאף, וועלכער איז געלעגען אין אן אויפגעלעגט בעט אין א

צווייטען ווינקעל. בעריל האט דערזעהן זיין ברודער, האט ער אי־בערגעהאקט דעם גמרא־נגון און אויסגערופען מיט פרייד, וועלכער איז געקומען פון דעם אידענ׳ס קלאָהרע אויגען ארויס, ווי א טויב:

— הער, זעה נור, ווער עס איז דא, אהרן, וואס טהוסטו אזוי פריה?

— איך בין ארויפגעקומען דיר הערען לערנען. איך ווייס אז דו לערנסט אין דער פריה בעפאר דו געהסט ארבייטען.

דער ברודער האט זיך ארומגעקוקט אויב קיינער הערט נים, האט ער זיך אבגערופען אין דער שטיל:

— וואס האסטו דיר געמאכט א ברוגז? מיט וועמען? מיט דיין ווייב און קינד? וועלכער איד טהוט דאס? נעכטען איז דא געוועז דיין מיידעל, מאשא, דיר זוכען. עס איז דאך א רחמנות, וואס טהוסט דו!

— איך בעט דיר, רעד נים מיט מיר וועגען דעם — האט זיך אהרן אבגערופען שטרענג, אז ניט האסט דו מיך שוין מעהר ניט. איך בין ארויפגעקומען צו דיר, געפינט זיך דארט, ביי דיר אין שאפ, א פליים, אפשר?

— וואס, ביי שוירטס, צווישען שיקסעס? וויפיעל וועסטו פער־דיענען? און וואס איז די מעשה מיט׳ן אנקעל מאזעס? מען האט דאך מיר געזאגט, אז דו לערענסט זיך פאר א קאטער — און ער האט צוגעזאגט.

— זאל ער ברענען, זיין שוועל וויל איך נים איבערטרעטען מעהר — איך בין איהם מוחל די גליקען. אוים משפחה, ארביי־טען ביי משפחה איז ערגער ווי גיהנום. שוין גענוג, איך וויל פרואווען ביי א פרעמדען.

— אבער ביי שוירטס, צווישען אלטע אידען און שיקסעס. להבדיל, דו, א טאטע פון פיער קינדער — וויפיעל וועסטו פער־דיענען?

— וואס עס זאל נים זיין — אבי עפעס נייעס. — אבי עפעס אנדערש. — מיר ועלען זעהן. — מיר וועלען פאהרען אין איינעם.

גנענדעל איז ארויס פון דער צווייטער שטוב, און באטש גנענדעל איז שוין געוועזן א באבע פון א גאליציאנער אייניקעל — און גנענ־

דעל איז שוין צוועלף יאהר אין אמעריקא און האלט פינף קינדער אין באארד, און מיט אנגסטען רייסט זי פון זיי ארויס די פעי, דאך טראגט נאך גנענדעל דאס זעלבע עלעגאנטע שייטעל מיט דריי געקרייזטע לאקען אויף דעם גלאנצענדיגען שטערן, אזוי ווי זי איז געוואהנט געווען אין דערהיים, אין פוילען, ביי א פאראדנע שוהל־גאנג אין שבת און יום־טוב. אזוי ווי אמעריקא האט געהאט א פערניכטענדען עפעקט אויף איהר מאן בעריל, געמאכט אויס איהם אין א גאנץ קורצע צייט אן אלטען אידען, מיט אן איינגעהויקערטען רוקען, אזוי האט אמעריקא געווירקט אויף גנענדלען, זיין ווייב, גאר פערקעהרט. גנענדעל איז אין אמעריקא איינגער געווארען. זי איז דא געווארען „ליבעראל“. אנשטאט דעם צאינה וראינה, וועלכעס איז געווען איהר גייסטיגע שפייז פון דערהיים — האט זי דא געלעזען אידישע צייטונגען, מיט אלסדינג זיך אינטערעסירט. די קינדער האבען זי אפט מיטגענומען אין אידישען טהעאטער, פון וועלכען זי האט גרויס הנאה געהאט, און ליעב געהאט זיך צו פוצען אין די טעכטער'ס אויסגעטרעטענע קאמאשען אדער איבערגעמאכטע קליידלאך, אזוי, אז גנענדעל האט אין א געוויסער מאס אנגעהאלטען די „מאדע“ נור אביסעל פערשפעטיגט... דעם מאן'ס לערנען און פרומקייט, וועלכעס איז געווען איהר שטאלץ און איהר גליק אין דערהיים — האט דא ביי איהר וועניג ווערטה געהאט, און ווייל די מאשין האט אויס בעריל'ען אזוי פריה געמאכט אן אלטען, איינגעהויקערטען מאן, האט ער פערלארען יעדען חן און אנזעהן אין איהרע אויגען. ער האט געהאט ביי איהר א שווער לעבען אויף דער עלטער.

— נו, פאק איין דיין פעקעל און מאך פלאץ, די קינדער דארפען ברעקפעסט עסען (גנענדעל האט זעהר ליעב געהאט צו בענוצען אין איהר שפראך די נייע ווערטער פון די קינדער).

— שוין, שוין, עס איז שוין טאג געווארען. די חברה הויבען זיך אויף — האט בעריל געזאגט צום ברודער מיט א שמייכעלע, וואס איז געקומען פון זיינע ריינע קוואלענדיגע אויגען — צונעהמענדיג זיינע ספרים און אוועקטראגענדיג זיי אין א ווינקעל אריין — דו ווייסט, אהרן, אין דער היים האב איך געלעבט ביי טאג, מיט אלע מענשען צוגלייך, ווען אלע זיינען וואך. דא לעב איך ביי נאכט, ווען אלע שלאפען. ביי טאג וואס בין איך? גאר נישט, א וויסטער שווירט־

מייקער, זיץ צווישען איטאַליענישע שיקסעס און נעה העמדער. איך בין גאָר ניט ביי מיין ווייב, ביי מיינע קינדער. ביינאַכט, זעהסטו, אָבער, ווען אַלע שלאָפען — בין איך ווידער צוריק בעריל, לערן איך מיר מיין בלאַט גמרא, מיין משניות. איך הער אוים, וואָס דער תנא זאָגט, ווי אין דער היים. מיר דאַכט זיך, אַז איך בין אין בית־המדרש און לערן. אמעריקא איז אַ פערדרעהטע וועלט. דאָ לעבט מען ביינאַכט, און מען איז טויט ביי׳טאָג.

---

4.

## דער ברודער בעריל מיט זיינע קינדער.

— טשאַרלי, טשאַרלי, הויב דיך אויף, נו, ס׳זיינען דאָך שוין אַלע אנגעטהאָן — האָט די מוטער געוועקט דעם באָי, וואָס איז גע־שלאָפען אין דער קיטשען אויפ׳ן אויסגעשטעלטען בעט, וואו דער פאָטער האָט געדאַווענט.

— וואָס ער שלאָפט נאָך, דער לערן־בחור? ער מיינט, אַז ער איז אין דער היים. ער וועט ווידער פערלירען דעם דזשאָב, און מיר וועלען מוזען ארבייטען פאַר איהם — האָט זיך אָנגערופען דבורה, בעריל׳ס עלטסטע טאָכטער, אַ מיידעל פון אַ יאָהר עטליכע און צוואַנ־ציג, וועלכע איז אריינגעקומען פון צווייטען שטוב אָנגעטהאָן אין העט און זשעקעט גרייט ארויסצוגעהן, און פון איהר טונקעל־ברוין געזיכט האָבען ארויסגעקוקט אַ פּאָר פרישע אויגען, נור די דיקליכע ליפּען און די בלאַסע אַדערען ביים האַלז, וועלכע זיינען געווען זעהר דין, האָבען געמאַכט איהר אויסזעהן רחמנות׳דיג, אַז אויסזעהן, וואָס האָט דאָס פערעלטערטע מיידעל זעהר אויפגערעגט. און צייט איהר אינגערע שוועסטער, ראָחעלע, האָט חתונה געהאַט פריהער פאַר איהר, איז די מיידעל געוואָרען אונטערטרעגליך אין שטוב.

— שוין, זיך אויפגעהויבען, וואָס ווילסטו פון איהם? — האָט די מוטער זיך אריינגעמישט.

נור טשאַרלי, מיט אַ גרויסע פערפעדערטע טשופּרינע און מיט אַ פערוועבט פּנים פון שלאָף, האָט זיך אויפגעכאַפּט, ווי אַ פייער־

וואַלט אויסגעבראָכען, אַרומגעקוקט זיך פערוואונדערט. באלד זיך גע־פונען אין דער לאַגע, אויסגעריבען זיך די אויגען און גענומען זיך אָנטהאָן לאַנגזאַם.

— מאמא, דער ברעקפעסט נאָך ניט פערטיג? אי דאָן קער, וועל איך עסען ברעקפעסט אויס־סייד. איך האָב ניט קיין צייט צו וואַר־טען, אַז דער פּאַרמאַן זאָל מיר אַראָברעכענען פון דער פּעי.

— אָבער דבורה, אַט שוין, די קאַווע שטעהט שוין אויפ'ן טיש. דער טאַטע האַט זיך נור פערשפּעטיגט אַביסעל מיט'ן דאַווענען. דער פעטער איז געקומען, זעהסט, אַט שוין, וואָס ווילסטו? — איז די מוטער פלינק צוגעלאָפען צום קיכעל.

— עס איז ניט מיין ביזנעס, יאָ פעטער אָדער ניט פעטער, אַז איך קום אַרויס דאַרף מיין ברעקפעסט שטעהן אויפ'ן טיש. איך קען מיך ניט פערשפּעטיגען צוליעב מיין פעטער.

— דבורה'לע, — האַט זיך דער פאַטער אָנגערופען צונויפלייי־גענדיג די תפילין — דבורה'לע!

דבורה'לע, וועלכע האַט נאָך גוט געדענקט דעם פאַטער פון דער היים, געדענקט נאָך די גוטע צייטען, ווען דער פאַטער איז געווען דער אָנגעזעהענער חסיד אין שטעדטעל, און געפיהרט דאָס שעהנע הויז; דורכגעמאַכט די ביטערע צייט, ווען דער פאַטער איז אָרעמער געוואָרען, איז אָנגעקומען מיט די פאַמיליע אין אַמעריקא שוין אַן ערוואַקסענע, האַט געפיהלט צום פאַטער אַ געוויסען רעספּעקט מעהר ווי אַלע אַנדערע קינדער. דעם פאַטער'ס רופען „דבורה'לע" האַט זי דערמאָנט אָן דער אַלטער היים, אין די שטוב אין שטעדטעל, ווען פאַטער און מוטער האָבען זי גערופען מיט דעם זעלבען נאָמען. זי האַט זיך אָבגעשטעלט, געוואָלט צוגעהן העלפען דער מאַמע'ן גרייטען דעם ברעקפעסט צום טיש, ווי זי איז געוועהנט געווען, נור ווען זי האַט געקוקט אויפ'ן באָי, וועלכער האָט זיך לאַנגזאַם אָנגעטהאָן, נישט גע־איילט, מיט אַ רוהיגקייט, האַט עס איהר פערדראָסען.

— וועל, אַז ביי אונז געהט אַלעס מיט'ן קאָפּ אַראָב.

דבורה איז געווען די ערשטע פון די קינדער וועלכע האָבען פער־דיענט געלד און אַהיים געבראַכט דער מאַמען. זי האַט פערדיענט געלד פון ערשטען טאָג אָן וואָס זי איז אַראָבגעקומען אין אַמעריקא — האַט זיך איהר געדאַכט, אַז זי איז די אמת'ע בעל־הבית'טע פון שטוב.

זי האָט ניט פערגונגען וואָס איהרע אינגערע ברידער און שוועסטער האָבען נאָך פערכאַפּט די פּאַבליק סקוהל, איינער אַ יאָהר, דער אנדע־דער צוויי. זי האָט געמוזט געהן באַלד ארבייטען — האָט זיך איהר אַלץ אויסגעדאַכט, אז זי, די איינציגע, האָט געאַרבייט פאַר דער שטוב. כאָטש איהרע ברידער און שוועסטער האָבען שוין לאַנג געאַרבייט און פערדיענט געלד, נור אַם מעהרסטען האָט זי ניט פער־גונען דעם אינגערען באָי, טשאַרלי, וועלכער איז געקומען קיין אמע־ריקאַ נאָך אַ קינד, און ער האָט פערכאַפּט מעהר פּאַבליק סקוהל ווי די איבריגע קינדער, און כאָטש היינט איז ער שוין ערוואַקסען, דאָך געהט ער ניט ארבייטען „סטעדי", נור האַלט זיך אין איין לערנען אין די אבענדען אין „פּריפּערעטאָרי סקוהלס", און ביימאָג ארבייט ער ביי וואָס עס מאַכט זיך, אַמאָל יאָ, אַמאָל נישט. די שוועסטער האָט איהם ניט פערגונען, וואָס דער באָי וועט באַלד אריינקומען אין קאַ־לעדזש, און אפשר וועט ער זיך דערשלאָגען צו אַ לאָיער, צו וואָס ער שטרעבט. עס האָט זיך איהר אַלץ אויסגעדאַכט, אז דאָס האָט זי אויף איהם אַזוי שווער געאַרבייט אין דער יוגענד, און דאָס צוליעב איהם זיינען איהרע ליפּען און הענד געוואָרען אַזוי גראָב און איהר האַלז דין און בעצויגען מיט בלאָהע אָדערען... צוליעב איהם איז זי איבער־געבליבען אַן אַלטע מיידעל...

— עני־האָו, מיין ברעקפעסט וועט ניט פערפאַלען ווערען. עס איז דאָ ווער עס זאָל עס אויפעסען — האָט זי געוואָרפען אַ בליק אויפ'ן באָי.

דער באָי האָט פערשוויגען די שוועסטער. ער איז געווען צו־געוועהנט צו אַזעלכע סצענעס פון זיין יוגענד אָן. ער האָט די שוועסטער פערשטאַנען און רחמנות געהאַט אויף איהר. און ווי אַ שולדיגער, וואָס ער האָט זיך אויפגעצויגען אויף איהר חשבון, האָט ער זיך אַנגעטהאָן אין שווייגען.

— וועל, וואָס איז, ווערער די בעל־הבית'טע? האָט זיך גע־הערט קלאַראַ'ס שטימע פון צווייטען שטוב. זי איז ארויסגעקומען

— קוקסט מיך אָן, דערקענסט מיך ניט — שמייכעלט דער על־טערער ברודער גוטמוטהיג — יענער בעריל איז געשטאָרבען. דאָ בין איך נאָך אַמאָל געבוירען געוואָרען. איך געדענק שוין אַליין ניט יענעם בעריל. דאָ איז אַ גאַנץ אַנדערער.

אויך שוין אנגעטהאן אין העט און מאנטעל. זי איז געווען מיט יאהרען אינגער פון דער שוועסטער; האט פערכאפט א יאהר פאבליק סקוהל און ארבייט שוין ביי א בעסערען טרייד, ביי ליידיעס העטס, אלס א סיילס-ליידי, און די עלעגאנץ, וועלכע נויטיגט זיך ביי איהר טרייד, האט מען אנגעזעהן אן איהרע קליידער און איהר בעוועגונג.

— עני-האו, מאמא, זי איז דאך נישט די גאנצע בעל-הבית'טע דא אין שטוב, מיר גיבען דאך אויך צושטייער צום שטוב. איז נאט סא, מאמא?

די שוועסטער האט אבער שוין נישט געהערט קלארא'ס ווערטער. זי איז שוין געווען הינטער דער טהיר.

— נעהם שוין צונויף דיינע תפילין, מיט'ן תהילים, מיט'ן טלית, נעהם שוין צונויף, אלעס איז איבער דיר. אז עס קומט אין דער פריה צולייגט ער זיך אזוי — אז די קינדער האבען ניט וואו ברעקפעסט צו עסען. האט גענענדעל אויסגעלאזט איהר ביטער הארץ אויפ'ן מאן.

בעריל האט זיך געשעהמט פאר'ן ברודער, האט ער געשמייכעלט מיט זיינע קלאהרע קינדישע אויגען.

— גענענדעל, עס איז דאך ווער דא אין שטוב, גענענדעל.

גענענדעל האט זיך גאר ניט אנגערופען. שמיל געגרייט צום טיש. אין א מינוט איז דער געבעט-טיש געווארען פערוואנדעלט אין אן עס-טיש. בעריל האט זיך געוואשען און געשטופט דעם ברודער צום טיש.

אהרן, וועלכער האט זיך שרעקליך געפיהלט ביים ברודער, האט שוין לאנג געוואלט ארויסלויפען פון שטוב, נור ער האט גרויס רחמנות געקראגען אויפ'ן ברודער, און ער האט איהם זעהר ליעב געקראגען, זעהענדיג זיינע ליידען, האט ער אנגעטהאן א כח איבער זיך, געוואשען זיך (כאטש ער האט עס קיינמאל ניט געטהאן) און אוועקגעזעצט זיך ביים טיש מיט'ן ברודער עסען.

אז דער באי איז צוגעקומען צום טיש אהן הוט, אומגעדאווענט און אומגעוואשען, עסען, האט בעריל, וועלכער האט דענסמאל געהאלטען פאר דער המוציא און ניט געטארט מפסיק זיין, געברומט צום יונג: נו—נו—נו.

— וואס נו, אט שוין נו, — האט געגענדעל גענומען דעם באַ׳ס הימעל און אנגעטהאן איהם אויפ׳ן קאפ — נעה, טשארלי, זאג קריאת־שמע.

דער זיעבצעהן־יאהריגער באַי האט געטהאן וואס די מאמע האט איהם געהייסען, גענומען דעם טאטענ׳ס טלית ביי די ציצית, געמורמעלט א פאר ווערטער, א קוש געגעבען און אוועקגעזעצט זיך עסען.

— געגענדעל! — האט בעריל געברומט בייז.

— וואס איז? שוין, דו דאוועגסט פאר איהם. דו דאוועגסט פאר אלע. אין אמעריקא האט מען ניט קיין צייט צו דאוונען.

אהרן האט אנגעקוקט די שוועגערין און האט זי ניט דערקענט. איז דאס די פרומע אידענע, וועלכע פלעגט אין דער היים זיין די זאַגערין אין דער שוהל און לויפען יעדעם מאל אין בית־המדרש אריין מיט א לעפעל, מיט א טעפעל א שאלה פרעגען? שטענדיג האט זי געהאט שאלות צו פרעגען. וואס איז דאס געווארען מיט איהר דורך דער קורצער צייט וואס זי איז אין אמעריקא!

נור געגענדעל, ווי געזאגט, איז אין אמעריקא געווארען „ליבעראל“. דאס הויז ביים פעטער בעריל איז געווען צוטהיילט אין צוויי פארטייען. איין פארטיי איז געווען דער פאטער מיט די עלטסטע צוויי טעכטער, דבורה, די פערזעסענע, און א איגגערע, וואס האט חתונה געהאט פאר א גאליציאנער, וועלכע האבען געדענקט דעם טאטען פון דער היים, ווען ער איז געווען גוט־אב, און רעספעקט געהאט פאר איהם. די אנדערע פארטיי, די מאמע מיט די אינגערע צוויי קינדער, טשארלי און קלארא, וועלכע האבען זיך האלב דא ערצויגען. זיי האבען די מוטער ליעב געהאט און די מוטער האט זיי ליעב געהאט. און די רייבונגען פון די „פארטייען“ האט זיך געפיהלט ביי יעדען מאלצייט.

בעריל האט אויך נישט פערשטאנען וואס איז געווארען אין אמעריקא מיט זיין ווייב, נור ער איז געווארען צוגעוועהנט דערצו. ער האט אזוי פיעל זאכען נישט פערשטאנען דא אין אמעריקא — און איז געווארען צוגעוועהנט, און גאר ניט מעהר געפרעגט. דער איד האט געלעבט די צוועלף יאהר, וואס ער איז אין אמעריקא, איינזאם, אליין, אין מיטען קרייז פון זיין פאמיליע. ער האט מיט קיינעם קיין

וואָרט ניט געהאַט אויסצורײדען, ניט נאָר זײנען זײנע קינדער פּערוױי־טערט געוואָרען פאַר זײנע אויגען, נור זײן אײגען װײב, מיט װעלכער ער האָט קינדער געהאַט און געלעבט אַדורך זײן לעבען, איז איהם דאָ אין אַמעריקאַ פּערפרעמדט געוואָרען. די אײנזאַמקײט האָט דעם פרומען אידען אַרײנגעטריבען אין רעליגיעזער התפעלות. ער האָט געזוכט זײן לעבען אין זײן רעליגיאָן. די װעלט האָט ער שוין ניט געהאַט — האָט ער געוואָלט, אַז די צװײטע װעלט, װאָס ער גרײט זיך אָן, זאָל זײן װאָס רײכער און הערליכער... ער האָט ניט גע־געסען פון דעם זעלבען ברויט װאָס זײן משפחה. מוצאי שבת איז ער געגאַנגען צו אַ בעקאַנטען אידען, אין אַ אידיש געסעל, װעלכער האַנדעלט מיט כשר'ע פּוטער און קעז און װעלכען ער האָט געקענט אַלץ אַן עהרליכען אידען. ער האָט געדאַװענט מיט איהם אין אײן שטיבעל — און האָט זיך געקויפט אַ האַלב פונט פּוטער און אַ קעזעל און פון דעם האָט ער געלעבט פון אײן װאָך צו די אַנדערע... און פון דעם כשר'ען עסען האָט ער יעצט געגעסען.

אין אַ פערטעל שעה אַרום איז שוין גענענדעל'ס שטיבעל געװען לײדיג און שטיל — אַלע זײנען אַװעק צו דער אַרבײט.

אַז אַהרן מיט בערלען זײנען אַרױסגעקומען אויף דער גאַס אַרויס — האָט אַהרן אַנגעקוקט זײן ברודער און ערשט יעצט האָט ער געזעהן װי דער ברודער האָט זיך פערעלטערט דורך דער קורצער צײט װאָס ער איז אין אַמעריקאַ. ער איז שוין געװען אַן אַלטער מאַן מיט אַ גרויע באָרד און אַן אײנגעהויקערטען רוקען. און װי לאַנג איז עס גאָר, װי אַט דער אַלטער מאַן איז געװען בעריל חסיד פון קוזמין, מיט אַ שװאַרצע באָרד און מיט בליהענדע רויטע באַקען און מיט גלאַנצענדיגע שװאַרצע אויגען? בעריל חסיד, װעלכער פלעגט זיך קאָכען אין קהל'שען טאָפּ, אַ איד אַ ברען, אַ סוחר פון אַמאָל, געפאָהרען נאָך גער צום רבי'ן — אַ װאױלער לערנער — דאָס איז ער? אַהרן'ען האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט צװײ ברידער. אַז יענער בערעל חסיד איז איבערגעבליבען אין דער הײם, אין'ם קלײנעם שטעדטעל, און דער, דאָ, איז אַן אײנגעהויקערטער אַלטער אַפּערײטאָר, אַ קלאָגענדער צובראָכענער איד...

בעריל האָט בעמערקט װי אַהרן קוקט איהם אָן, און פערשטאַנען װעגען װאָס ער קלעהרט.

— אָבער, בעריל — שמייכעלט אהרן — ווי קענסטו דאָס...

אהרן האָט געוואָלט עפּעס זאָגען און אָבגעהאַקט אין מיטען.

— נאָר, עס איז שוין נעהענטער ווי ווייטער. איך האָב גאָר ניט צו פערלאַנגען פון דער וועלט. איך בין שוין צופריעדען.

אהרן האָט ערשט יעצט פערשטאַנען פאַר וואָס דער ברודער ביי דער גאַנצער פערשקלאַפּונג האָט נישט פערלוירען דעם מוטה און האָפנונג. ער האָט ניט געוואוסט ביז איצט פאַר וואָס דער ברודער איז אַזוי רוהיג און גליקליך; פארוואָס זיינען זיינע אויגען אַזוי קלאָהר און ריין געבליבען. יעצט האָט ער עס געזעהן. דער ברודער האָט אַ גלויבען אין יענער וועלט, און וואָס נעהענטער ער איז געקומען צו יענער וועלט, אַלץ גליקליכער און רוהיגער איז ער געוואָרען. עס האָט זיך איהם געדאכט, אַזוי ווי ער זעהט דעם ברודער צופאָהרען צו אַן אינזעל, וואו עס וואַרטען פאַר איהם אַנגעגרייט אוצרות וואָס ער האָט אַנגעזאַמעלט דורך דעם גאַנצען לעבען און ער פאַהרט אָבנעהמען זיין פערמעגענס. וואָס נעהענטער ער קומט צו צו דעם אינזעל, אַלץ רוהיגער און גליקליכער ווערט ער. דער גלויבען אין דער צווייטער וועלט האָט דעם ברודער געגעבען כח איבערצוטראָגען אַזוי רוהיג, מיט געדולד, די נויטען פון דער וועלט. און דעם ערשטען מאָל האָט אהרן מקנא געווען דעם ברודער זיין גלויבען. און ער האָט אָנגעהויבען צו זוכען אין זיין לעבען עפּעס אזעלכעס, וואָס זאָל עהנליך זיין צום ברודער'ס גלויבען, און ער האָט גאָר ניט געפונען. זיין לעבען איז געווען פּוסט — און נור אָרימקייט, וואַכעדיגקייט און טרוקענע שקלאַפּישע ארבייט פאַר דעם אָרימען טאָג־טעגליכען ברויט...

— קום, אהרן, מיט מיר.

— וואו אהין?

— איך וועל דיר צוריקפיהרען צום אָנקעל מאָזעס. איך וועל בעטען פאַר דיר, אַז ער זאָל דיר צוריקנעהמען אויפ'ן פּליים. מן הסתם איז דאָך שוין אונזער מזל אַזוי... מיר מוזען אָבריכטען גלות. געהייסען פון אויבען... אפשר אויף דער אַנדערער וועלט... ווער ווייסט? זאָג מיר, אהרן, דו דאַווענסט אַמאָל?

— איך האָב קיינמאָל נישט געקלעהרט וועגען דעם — האָט אהרן צו זיך אַליין געזאָגט.

— אויב אזוי, צו וואָס טויג דאָס גאַנצע לעבען? צו וואָס לוינט עס זיך?

— „צו וואָס לוינט עס זיך" — האָט אהרן נאָכגעזאָגט דעם ברודער'ס ווערטער אין זיין געדאנק, און טאַקע נישט געוואוסט צו וואָס עס לוינט זיך — אַז קיין אנדער לעבען ווי אויף דער וועלט האָט ער נישט געהאַט. און דאָס לעבען איז געווען אַן אָרימעס, אַ מיאוס'עס — און אַ לאַנגווייליגעס... און דאָך איז ער געגאַנגען נאָכ'ן ברודער צום אָנקעל מאָזעס בעטען זיך, אַז מען זאָל איהם לאָזען פאַרטזעצען דאָס לאַנגווייליגע לעבען...

---

5.

## אָנקעל מאָזעס.

פאַר אַ שטיק, שטיק צייט פריהער, בעפאָר אונזער געשיכטע פאַנגט זיך אָן, האָט זיך אַמאָל אין אַ קליין שטעדטעל אין פוילען פּלוצלונג בעוויזען אַ פרעמדער, אַנגעטהאָן אנדערש ווי אַלע איינוואָהנער פון שטעדטעל, קורץ געקליידעט, דייטש, אין מאָדנע געקעסטעלטע הויזען, געמאַכט אויס אַ וויבערשע סחורה מיט אַ ברייט שטייף קאַפעליושעל און אַ ווייסען ווייט אויסגעשניטענעם קראַגען. אַ פאָטער־מערדער, ווי מען האָט עס דענסטמאָל גערופען. גרויסע גאָלדענע רינגען אויף די הענד און אַ גאָלדענע קייט אויף די סאַמעט־געקעסטעלטע וועסט; אַ מענש אַהן וואָנסעס, נור מיט אַ בערדעל. דער פרעמדער האָט אַרויסגערופען אַזאַ ערשטוינען, אַז ווען ער וואָלט ניט געגאַנגען אין גאַס מיט אַ גוט־בעקאַנטען איינוואָהנער, מיט יוסף'שי קאַשען־מאַכער, וואָלט מען זיך פאַר איהם דערשראָקען. נור אַלטע איינוואָהנער האָבען באַלד אין דעם פרעמדען דערקענט יוסף'שי קאַשען־מאַכער'ס עלטסטען זוהן, וועלכער איז אַוועק מיט יאָהרען צוריק אין די ווייטע מקומות. יונגע מענשען האָבען גאָר ניט געוואוסט, אַז יוסף קאַשען־מאַכער האָט אַ עלטסטען זוהן, און די, וועלכע האָבען יאָ געדענקט, האָבען געמיינט, אַז ער איז שוין לענגסט געשטאָרבען. זיין בעוויזען זיך פּלוצלונג אין די געסלאַך פון שטעד־

טעל האט ביי פיעלע ארויסגערופען זכרונות פון די יוגענד. זיי האבען דערקענט אין דעם פרעמדען זייער יוגענד פריינד, זייער חדר־חבר, און זיינען צוגעגאנגען צום פרעמדען און האבען איהם אבגעגעבען דעם ברייטען שלום־עליכם. באלד איז דאס גאנצע שטעדטעל געוואהר געווארען פון דעם „אמעריקאנער“, וואס איז צוריק אהיים געקומען פון די ווייטע, ווייטע מקומות. און אין אבענד איז יוסף קאשען־מאכער'ס שטיבעל בעלאגערט געווארען פון קרובים, נאהענטע און ווייטע, פון שכנים און גלאט איינוואהנער פון'ם שטעדטעל, וועלכע זיינען געקומען נאכפרעגען זיך נאך זייערע וואס זיי האבען אין אמעריקא. האט איינער געהאט א זוהן אין אפריקא, אין בראזיליען אדער אפילו אין לאנדאן — ענגלאנד, איז מען געקומען זיך נאכ־פרעגען אויף איהם ביים אמעריקאנער. ווייל וואס דאס איז אמע־ריקא אזעלכעס האט מען נאך ניט גאנץ גוט געוואוסט אין שטעד־טעל, און אלעם האט געהייסען דענסטמאל אמעריקא — פון יענער זייט גרענעץ אן, האט זיך אויסגעוויזען, איז איין־איין גרויסע שטאדט, און די שטאדט הייסט אמעריקא.

באלד האט דאס שטעדטעל אנגעהויבען צו קלינגען פון דעם „אמעריקאנער'ס“ רייכטהום. מען האט דערצעהלט פון א שטעקען מיט א גאלדענעם קאפ, וואס ער האט געבראכט דעם פאטער זיינעם, און פון מתנות, גאלדענע זייגערס און קייטען, וואס ער האט גע־בראכט די ברידער און די גאנצע משפחה. און האט ער זיך נור שבת אין גאס ארויסגעוויזען אין א נייעם געקעסטעלטען אנצוג, אן אויבער־ראק מיט א זיידענעם אונטערשלאק, און ביי דער שעהנער עליה וואס מען האט איהם געגעבען, האט ער פאר'ן פאטער געלאזט מאכען א מי שברך און געשאנקען א גאנצען רובעל — האט דאס ארויסגערופען אזא רושם, אז דאס גאנצע שטעדטעל האט זיך געטראגען אין וואל־קענס פאנטאזיע פון דער לעגענדע פון „אמעריקאנער'ס“ רייכטהום. יוסף'שי קאשען־מאכער, וועלכער איז געווען אין שטעדטעל ניט קיין זעהר אנגעזעהענער בעל־הבית, א איד, וואס האט א גאנצע נאכט געמאהלען קאשע אין א קליין געוועלבעל און שטענדיג ארומגעגאנגען בייטאג א פערשלאפענער, איז מיט אמאל געווארען אזא אנגעזעהענער בעל־הבית, ווי ער וואלט דאס גרויסע געווינס געווינען. און א גאנ־צען שבת האט מען געהאלטען אין איין טראגען קוגעל און טשאלענט

פון שעהנע אָרענטליכע בעלי־בתים'ס טישען צו יוסף קאשענ־מאַכער'ס שטוב, מכבד צו זיין דעם גרויסען גאַסט, דעם „אַמעריקאַנער".

געדעדט האָט מען, אַז דער אַמעריקאַנער איז אראָפּגעקומען אין שטעדטעל אריין גרויסע געשעפטען מאַכען, אַז באַלד נאָך שבת שטעלט ער זיך מאַכען אַ גרויסע קאַשע־מיהל, און ער האָט שוין אָפּגעקויפט ביים שרה פון שטעדטעל די פעלדער הינטער דער שטאָדט. אידען האָבען זיך געמאַכט חשבונות, אַז זיי וועלען גליק־ליך ווערען דורך איהם. און נאָך שבת זיינען אריינגעקומען צו יוספ'שי קאַשען־מאַכער פערשיעדענע בעלי־בתים, אידען מעקלער און אידען סוחרים, און האָבען אָנגעהויבען אָנצושלאָגען פערשיעדענע געשעפטען. איינער — אָקסען, דער צווייטער — וואָלל און אַ דריי־טער — אַ הלואה דעם שרה פון שטאָדט אויף גוטע פּראָצענטער. אַנדערע זיינען ווייטער און טיעפער געגאַנגען און אָנגעהויבען זיך ערדעל צו אינטערעסירען מיט האַרץ־אַנגעלעגענהייטען. וואָרים געהערט האָט מען, אַז דער אַמעריקאַנער איז נאָך אַ בחור. דער אַמעריקאַנער האָט אַלץ אויסגעהערט זעהר ערנסט, מיט אַלעס זיך אינטערעסירט, אויף אַלעס זיך נאָכגעפרעגט און די איינצעלהייטען פון אַלעס גע־וואָלט וויסען, און האָט אַלעמען האָפנונגען געגעבען, און עס האָט זיך אויסגעדראַכט, אַז אַט שוין־שוין געהט ער טהאָן דאָס געשעפט. נור קיין געשעפטען אין שטעדטעל האָט ער ניט געטהאָן.

אין אַ פּאָר וואָכען אַרום, אַז דער אַמעריקאַנער האָט זיך אַרומ־געדרעהט אין שטעדטעל פוסט־און־פּאַס, געוואָהנט אַלץ ביים פאָטער דעם קאַשע־מאַכער, קיין מיהלען האָט ער ניט אויפגעמויערט און קיינע געשעפטען האָט ער ניט געמאַכט און קיין גראָשען האָט מען ביי איהם ניט פערדיענט — האָט ער זיין גאַנצען רייץ פערלאָרען. קיינער האָט זיך שוין מיט איהם ניט אינטערעסירט. די אַמעריקאַנער געקעסטעלטע הויזען האָבען קיין בעוואונדערונג מעהר ניט ארויסגע־רופען, אפילו זיינע גאָלדענע רינגען מיט די גאָלדענע מתנות. יוסף קאַשענ־מאַכער איז געוואָרען אויס מחותן. מען האָט ווייטער גע־הערט אַ גאַנצע נאַכט די שטיין־מיהלען ארויסוויינען פון געוועלבעל אַרויס און ביימאָג געזעהן אַ שלאָפּעדיגען פערמעהלטען אידען. יע־דער האָט געהאַט צו טהאָן מיט זיינע אייגענע געשעפטען. אַן „אַמע־ריקאַנער" האָט מען מעהר ניט געדענקט.

נור ווען קיינער האט זיך שוין מעהר ניט אינטערעסירט מיט דעם „אמעריקאנער“, האט זיך דער אמעריקאנער אנגעהויבען צו פער־אינטערעסירען מיט די איינוואהנער פון שטעדטעל. אויסגעפרעגט יעדען בעקאנטען פון וואס ער מאכט א לעבען, וויפיעל ער פערדיענט א וואך, און וויפיעל יער בעדארף א וואך. אריינגעקומען אין פרעמדע שטובען און געזעהן ווי מען וואהנט און ווי מען לעבט, וואס מען עסט און אויף וואס מען שלאפט, און אז מען האט איהם גע־פרעגט צו וואס בעדארף ער דאס וויסען, אויב ער וויל געבען פרנסה, האט ער געשמייכעלט:

— א מענש דארף אלסדינג וויסען. עס איז גוט צו וויסען.

אין א געוויסע צייט ארום איז דער אמעריקאנער פערשוואונדען פון שטעדטעל, מיטגענומען א איינגערען ברודער מיט זיך, איבער־געלאזט דעם פאטער, זאגט מען, א פאר הונדערט רובעל דאס מיהלע־כיל צו פערגרעסערען. און אזוי ווי ער איז געקומען פון דער „אמע־ריקא“, אזוי איז ער פערשוואונדען. צוערשט האט מען עס אפילו ניט בעמערקט. נור דערנאך, אז מען איז געוואהר געווארען, אז דער „אמעריקאנער“ איז אוועק, האט מען גערעדט אין שטעדטעל אז עס האט גאר אנדערש ניט געקענט זיין. ווייל דאס אמעריקא איז א כשוף וואס לאזט ניט רוהען. און דער וואס האט נור די שוועל איבער אמעריקא איבערגעטראטען, וועט שוין ניט קענען איינזי־צען אויף אנדערע ערד, מעג עס זיין אייגענע געבוירענע, ווייל עס ציהט איהם צוריק — אזוי ווי דעם גנב צו דער תליה...

נור נאך דעם „אמעריקאנער“ האט זיך דאס שטעדטעל אנ־געהויבען צו לאזען קיין אמעריקא. קיינער האט אין אנפאנג ניט בעמערקט, ווי דאס שטעדטעל ווערט ביסלעכווייז, ביסלעכווייז שי־טערער און שיטערער. די אלטע געהען אויפ'ן בית־עולם און די יונגע ווערען פערשוואונדען אין „אמעריקא“... צוערשט האט דער אמע־ריקאנער איבערגענומען זיינע אייגענע: די ברידער, דערנאך די משפחה, די ברידער'ס קינדער, די פעטערס, די איידעמס און די זיהן פון די פעטערס. דערנאך האבען זיך אנגעהויבען צו ווענדען צו איהם קינדער פון מחותן, בעקאנטע און גלאט אזוי „לאנדסלייט“ נאך שיפס־קארטען. עס האבען זיך אנגעהויבען צו יחסנ'ען צום „אמע־ריקאנער“ גלאט פרעמדע אידען, געזוכט אבי נור אויסצוגעפינען

אַ שטיקעל מחותנ'שאַפט און דערוויזען עס אין בריעף און געבעטען אַ שיפסקאַרטע. דער אַמעריקאַנער זאָגט ניט אָב. און דאָס שטעד־טעל ווערט איינציגוויין אויסגערונען. די „שטעדט" אין דער קאַלטער שוהל ווערען שיטערער, גאַנצע משפחות ווערען פערשוואונדען. שבת נאָכ'ן דאַווענען, ביים דיין'ס חומש־לערנען, ווערט דער עולם וואָס אַמאָל ווינציגער, אין שטעדטעל זעהט מען מעהר ווייבער ווי מענער, מעהר עלטערען ווי קינדער, מעהר קליינע און אַלטע ווי ערוואַקסענע. אַלע זיינען זיי נאָך נאָכ'ן „אַמעריקאַנער". אפילו דער אַלטער קאַשע־מאַכער האָט אויף דער עלטער פערשלאָסען זיין בודקעלע — און דאָס ווייבעל פון די מיהל־שטיינער האָט אויפגעהערט ביינאַכט אין אַלטען מאַרק — און איז אַראָבגעפאָהרען נאָך דער „אַמעריקאַ" צו זעהן זיך מיט זיינע קינדער בעפאָר ער שטאַרבט. אַזוי פאָהרען זיי נאָך נאָך דעם „אַמעריקאַנער", ווי ער וואָלט זיי מיט אַ כשוף אַהין געצויגען, ביז'ן היינטיגען טאָג...

אין „אַמעריקאַ" האָבען זיך די איינוואָהנער פון שטעדטעל צוריק געפונען. אויף די בויערי איז געשטאַנען אַ דריי־שטאָקיגע הויז, פערשטויבט און שמוציג, וואָס די עלעווייטערס האָבען אָנגע־טראָגען דערויף דעם שטויב פון די גאַסען. און אין די אויבערשטע שטאָקען איז געזעסען דאָס גאַנצע שטעדטעל קוזמין... און האָט געגעהט מלבושים ביים אַמעריקאַנער. און ווער איז אויף דער בויערי ניט געזעסען! די למדנים פון שטעדטעל, די יחסנים צוזאַמען מיט בעלי־מלאכות און גלאַט גראָבע יונגען פון דער היים — אַלע זיינען זיי געזעסען אויפ'ן הויכען פלאָר אין דער בויערי, און האָבען געגעהט און געגעהט. און די וועלכע זיינען דאָרט אריינגעפאַלען — זיינען געבליבען אויפ'ן לעבען לאַנג. זיי האָבען מעהר ניט געוואוסט ווי נאָר איין וועג: אין דער פריה צו דער בויערי, אין אבענד פון דער בויערי — אַהיים. און ביים אריינגאַנג פון דער הויז אויף דער בויערי איז געשטאַנען אַ קליין פערשטויבט שילדעל, וועלכעס האָט געטראָגען דעם אַמעריקאַנער'ס נאָמען: „מאָזעס מעלניק".

## .6

## דער „אמעריקאנער“ אין אמעריקא.

אין געוועלב פון קליידער איז געשטאנען דער „אמעריקאנער“. דער אנקעל מאזעס, אהן א ראק, און האט מיט א גרויסע שניידערשע שער זיך אבגעשוירען די נעגעל פון די פינגער. איבער דער גאנצער לענג פון געוועלב זיינען געשטאנען לאנגע, ברייטע טישען, אויף וועלכע עס איז געווען אנגעלעגט ביז אין האלבען באלקען אריין קופעס מיט קליידער פון אלער ארט: רעק, מארינארקעס, הויזען און וועסטען.

ביי די טישען האבען זיך ארומגעדרעהט שטארקע יונגען, ברייט־ביינינגע מיט שטייפע ארויסגעשטעלטע ברוסטען, און האבען גע־שווינען מאר אימה, פאר׳ן „אנקעל“. נור פון צייט צו צייט האט איי־נער געוואונקען דעם צווייטען מיט די אויגען. עס איז נאך געווען זעהר פריה אין מארגען, און די שניידער ארבייטער זיינען ערשט אריינגעקומען צו דער ארבייט.

— קוזמין קריכט — לוק, לוק ווי קוזמין קריכט — האט דער אנקעל מאזעס געוויזען מיט די גרויסע שער אויף די אריינגע־קומענע אידען, א טייל מיט בערד, א טייל אהן בערד, א טייל אלטע, שוין איינגעהויקערטע, א טייל יונגע מיטעל־יעהריגע וועלכע זיינען מיט א געוויסע פוילקייט אריינגעקומען אין געוועלב אריין און ארויס־געלאזט זיך אויף די טרעפ אויף די אויבערשטע שטאקען וואו עס זיינען געווען די געווערק־שטוהלען.

— לוק, לוק ווי קוזמין קריכט — העי, דו, גרינגער נאטע! ווי האט מען איהם גערופען אין דער היים? נאטע פוטערמילך — האט ער אבגעשטעלט איינעם פון די ארבייטער, א מיטעל־יעהריגען איד, וועמעס אויגען עס זיינען נאך געווען האלב פערוועבט אין שלאף און די פאות נאך נאס פון וואשען, און איז געגאנגען פוילענדיג זיך.

— וואס קריכסטו? — וואס מיינסטו דא איז קוזמין? אין קוזמין איז מען געקראכען, אין אמעריקא לויפט מען. האררי־אפ, פערשטאנען? — הויב די פיס, דו אונערקע!

די אידען ביי די טישען מיט די קליידער האבען אויפגעלאכט, ווי געוואלט צופריעדענשטעלען דעם אנקעל — אבער צו לאכען האָבען זיי ניט געוואגט. דער „אנקעל" האט אויפגעהויבען זיינע אויגען, די שיטערע געלע ברעמען זיינען פערטרונקען געווארען אין די פעטס פון זיין פנים, און אז די יונגען האבען געזעהן דעם אנקעל'ס „נאקעטע" אויגען, וואס זיצען אין זיין ברייט־פעט פנים, זיינען זיי פערשטומט געווארען.

— קום נאר אהער, יאנג מען — האט דער אנקעל געוואונקען צו א יונגען מאן, אויף וועלכען זיין רונדיג געשוירען בערדעל האט עדות געזאגט אז ער איז א פרומער, און וועלכער איז אריינגעקומען שפעטער פון אלע. ערשטענס, ווייל ער איז געווען דעם אנקעל'ס א קאזין, האט ער זיך דאס ערלויבט, און צווייטענס, ווייל ער איז ניט לאנג געווען נאך דער חתונה, און אויף זיינע ווייכע בעקלאך, וועלכע זיינען געווען אויסגעקנעטען פון שלאף, האט זיך נאך געפיהלט דער טעם פון קושען, וואס דער יונגער מאן האט געגאסען ביי נאכט...

— יאנג מען, מען לייגט עס אפ אויף שבת, וועט עס זיין פאר דיין געלד — ניט אויף אין מיטען דער וואך. אויף אין מיטען דער וואך איז עס פאר מיין געלד — פערשטאנען?

דער יונגער מאן וועלכער האט זיך געהאלטען פאר א מורנו מעהר ווי אלע ארביימער, ווייל ער איז געווען דעם אנקעל'ס א קאזין, האט אנגעקוקט דעם אנקעל און ניט פערשטאנען וואס ער מיינט. ער האט זיך ערלויבט צו פרעגען:

— וואס מיינט דער אנקעל?

— שלאפען מיט דער ווייב.

א רויטער שטראם בלוט האט בעגאסען דעם יונגען מאן'ס פנים, און ער האט ניט געוואוסט וואו די אויגען אהינצוטהאן. און די יונגען ביי די טישען האבען ארויסגעפלאצט מיט א געלעכטער, וועלכען דער אנקעל האט ווידער איינגעשטילט מיט א בליק פון די אויגען און מיט אויפהויבען די שיטערע ברעמען.

— הערים, כאפ איהם אויפ'ן פיעדעל — האט א יונג געגעבען א געשריי אריין פון דרויסען און אריינגעווארפען אין געוועלב אריין א הויכען איטאליענער מיט זיין ווייב.

— דאַנט בי עפּרעיד, דאַנט בי עפּרעיד, אַל סעל יו דהי בעסט סוט.

און איידער דער גוי האָט זיך נאָך צייט געהאַט אַרומצוקוקען, האָבען איהם שוין צוויי יונגען געכאַפּט און געגעבען אַ ציה אַראָפּ פון איהם די הויזען, אַרויפגעצויגען אַ פּאָר אַנדערע, קורצע, די נאָט האָט געפּלאַצט הינטער איהם. אַרויפגעשלעפּט אויף איהם אַ צו־קורצען רעקעל, פון וועלכען דער גוי האָט אַרויסגעשטעקט אַ פּאָר לאַנגע הענד, וואָס ער האָט ניט געוואוסט פון וואַנען זיי האָבען זיך איהם גענומען — איינער האָט איהם געצויגען דעם ראָק פון הינטען, אַ צווייטער פון פאָרענט, אויסגעשטעלט איהם די ברוסטען, אַרויס־געקלאַפּט איהם די פּלייצעס און באַלד האָט שוין אַ דריטער אויך צו־געטראָגען צו איהם אַ שפּיגעלע און געשפּיגעלט דעם גוי:

— דאַזנט הי לוק לייק ע דזשענטלמען? סעם, קום נאָר אַהער, גיב נאָר אַ קוק אויף דעם גוי — האָט דער יונג וואָס האָט דעם איטאַ־ליענער אָנגעמאָסטען דעם אַנצוג צוגערופען אַן אַנדערען: — דאַזנ'ט הי לוק לייק ע דזשענטעלמען?

— שור, אַזאַ יאָהר אויף זיין מאַמען, — האָט סעם איבערגע־גלעט מיט זיין גרויסע האַנד דעם גוי'ס אַנצוג אויף זיינע פּלייצעס. — הי איז אָלל־רייט.

אין דעם געוועלב האָט זיך בעוויזען אַ מיידעל. איהרע צוויי שוואַרצע צעפּ זיינען געווען ערשט געצוואָגענע און פערקאַמטע און אַראָבגעלאָזט זיך מיט רויטע בענדלאַך פערקניפּט איבער איהרע פּליי־צעס. דאָס ברוינע אויסגעוואַקסענע דזשעקעטעל, וואָס זי האָט גע־טראָגען, כאָטש אויסגעריבען און אויסגעוואַקסען, דאָך איז עס גע־ווען ריין. מען האָט געשפּירט דערפון אַ שטאַרקען גערוך פון עסיג, מיט וועלכען דאָס מיידעל האָט די פלעקען אַרויסגענומען. פון אונטער איהר דזשעקעטעל איבער'ן קליידעל האָט זי געטראָגען אַ ווייס־שיר־צעל ווי זי וואָלט געגאַנגען אין סקוהל צום עקזאַמען.

— איך וויל זעהן דעם אָנקעל מאַזעס. קען איך זעהן דעם אָנ־קעל מאָזעס? — האָט דאָס מיידעל געפרעגט דעם ערשטען אָנגע־טראָפענעם מענשען אויף דער שוועל פון דער טהיר.

דער מאַן האָט זי אָנגעקוקט.

— אַנקעל מאָזעס איז נישטאָ. וואָס ווילסטו פון אַנקעל מאָזעס?

— איך ווייס שוין וואָס איך וויל — איז די מיידעל ווייטער גע־גאַנגען און געפרעגט אַן אַנדערען יונג.

— איך וויל זעהן דעם אַנקעל מאָזעס

דער אַנקעל מאָזעס וועלכער איז נאָך אַלץ געשטאַנען מיט די גרויסע שניידער שער אין דער האַנד (פון וועלכער ער האָט זיך ניט געקענט אָפּגעוועהנען זיין גאַנץ לעבען) אין פראָנט פון זיין גע־שעפט, ביי דער מהיר פון זיין פּריוואַט אָפּיס און ביים אַרויפגאַנג פון די טרעפּען, וועלכע האָבען געפיהרט צו די אויבערשטע שטאָקען פון די געווערק־שטעלען, האָט דערהערט ווי דאָס מיידעל פרעגט זיך אויף איהם. האָט ער געפרעגט פון דערווייטענס, ניט אויפהויבענדיג די אויגען:

— וואָס איז דהוי מעטער?

אין דעם טאָן האָט דאָס מיידעל דערקענט, אַז דאָס איז דער אַנקעל מאָזעס, איז זי פלינק צוגעגאַנגען צו איהם און געזאָגט אין אַ בעטענדען קינדרישען טאָן:

— פּליעז, אַנקעל מאָזעס, בי גוד טו מיי פאָטהער. דו קענסט איהם העלפען. פּליעז, העלף איהם.

— וועמעס איז דאָס? — האָט דער אַנקעל געפרעגט די מענשען זיינע.

די יונגע האָבען געצויגען מיט די אַקסלען, ווי זיי וואָלטען געווען בענוצט בעוועגונגען אַנשטאָט ווערטער.

— וואָס איז יור נעים? — וועמעס ביזטו?

— מאַי נעים איז מאַשאַ. איך בין אהרן מעלניק'ס טאָכטער. דו ביזט זיין אַנקעל. אַי נאָו, דו ביזט אַנקעל מאָזעס — דער פּאַ האָט דאָס געזאָגט.

— דו ביזט דעם'ס, אָה. איך ווייס שוין. אַי נאָו — וואָס ווילסטו?

— איך וויל, אַז דו זאָלסט אויסבאָרגען פּאַ הונדערט דאָלאַר. פּאַ וויל געהן אין ביזנעס. ער האָט נישט קיין געלד. דו האָסט יאָ. פּליעז, באָרג איהם הונדערט דאָלאַר. פּליעז, אַנקעל.

דער אָנקעל מאָזעס האָט אויפגעהויבען זיינע אויגען. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגען דער מיידעל נור אז ער האָט דערזעהן די נאַסע צוויי שווארצע צעפּ און דאָס ווייסע שירצעל, איז איהם די מיידעל געפעלען. ער האָט צוריק אראָבגעלאָזט די אויגען און געזאָגט:

— גאָ האָם, קיד, גאָ צו מאַמאַ. איך וועל זעהן, וואָס איך קען טהאָן.

— וועסט דו באָרגען פאַ הונדערט דאָלאר, אַז ער זאָל געהן אין ביזנעס, אָנקעל? יעס?

— אָלל־רייט, גאָ האָם. איך וועל שוין זעהן וואָס איך קען טהאָן.

די מיידעל איז נאָך געשטאַנען פאַר'ן אָנקעל, און אין דער טהיר האָבען זיך בעוויזען איהר פאָטער אהרן מיט דעם עלטסטען ברודער זיינעם, בעריל. די אידען זיינען אריינגעגאַנגען מיט מורא, און געשלעפּט זיך מיט שרעק צום אָנקעל.

— אָט איז פאַ — האָט מאשא אויסגערופען, דערזעהענדיג דעם פאָטער. — ווייסט פּאַפּאַ, — אָנקעל מאָזעס האָט געזאָגט, ער וועט דיר באָרגען געלד צו געהן אין ביזנעס.

— וואָס טהוסטו דאָ? — אהיים געה. געה אהיים — האָט זיך אהרן פערשעהמט פאר די מענשען איבער דעם, וואָס זיין קינד איז אריינגעקומען בעטען פאר איהם.

מאשא האָט זיך אָפּגערוקט אין אַ ווינקעל.

— וואָטס איז דהי מעטער? — האָט דער אָנקעל צוגעשריען נאָך פון דערווייטענס, ווען ער האָט דערזעהן די אידען אריינקומען. און דער „וואָטס איז דהי מעטער" האָט די אידען אָפּגעשטעלט.

סעם, אַ שטאַרקער יונג פון אַ יאָהר עטליכע און צוואַנציג, איז צוגעלאָפען צו די אידען, זיי אָפּגעשטעלט און עפּעס גערעדט מיט זיי.

סעם איז געווען דעם אָנקעל מאָזעס' ליעבלינג. ער איז געווען זיין שוועסטער'ס קינד, וועלכען ער האָט אראָפּגעבראַכט קיין אמעריקא, און גענומען איהם צו איהם אין געשעפט אריין. סעם איז געווען דעם אָנקעל זעהר געטריי, און אָפּגעהיט דעם אָנקעל'ס אינטערעסען. דער אָנקעל האָט געוואוסט דערפון און ער האָט געהאַט צו דעם יונג מעהר צוטרויען ווי צו אַלע אַנדערע. ער האָט איהם געמאַכט

פאר דעם געלד־נעהמער. קיינער האט ניט געטארט נעהמען קיין געלד, ווען ער האט עפעס פערקויפט, נור סעם. סעם'ען האט דער אנקעל ליעב געהאט, ווייל ער איז געווען עהנליך צו איהם, ווען דער אנקעל אליין איז נאך געווען א קצב־יונג אין דער היים. סעם האט געקענט ביים אנקעל אלעס אויספיהרען, און אלע לאנדסלייט וואס האבען בעדארפט עפעס צום אנקעל, האבען זיך צום ערשטען געווענדעט צו סעם'ען, אז ער זאל זיין זייער מליץ־יושר.

— סעם, בעט פאר איהם. ועסט טהאן א מצוה. סעם, טהו א טובה אהרן'ען. טהו א טובה — האט בעריל געבעטען ביי סעם'ען פאר זיין ברודער.

סעם איז צוגעגאנגען צום אנקעל און געזאגט:

— אנקעל, אהרן מעלניק פון קוזמין איז צוריקגעקומען צו דער ארבייט — איהם צוריקנעהמען?

— נאטהינג דואינג — האט דער אנקעל זיך אנגעהויבען בע־שעפטיגען מיט דער שער. וואס דאס איז געווען א צייכען, אז „אלע טהירען זיינען צוגעשלאסען" — זאל ער געהן מיט'ן ברודער נאך ברוקלין שוירטס נייהען מיט איטאליענישע שיקסעס — איך בע־דארף איהם ניט מעהר. פאר מיר איז ער שוין צו־אלט.

סעם האט געוויזען צום ברודער בעריל מיט דער האנד און פער־צויגען די ליפען. עס הייסט, אז ער קען גאר ניט מאכען.

— אנקעל, האט רחמנות אויפ'ן... — האט דער עלטערער ברו־דער בעריל געוואגט צו טרעטען א טריט נעהענטער פאר'ן אנ־קעל. — ער האט דאך א ווייב מיט קינדער, זאל דער אנקעל רחמנות האבען אויף זיין ווייב מיט קינדער. דער אנקעל וועט זיך א גרויסע מצוה פערדיענען. א גרויסע מצוה.

— איך טהו ניט קיין מצוות. איך האב שוין גענוג געטהאן מצוות, אז מען זאל מיך דערנאך שילטען דערפאר, זידלען דערפאר. וואס האט ער געזאגט אויף מיר? זאג סעם, וואס ער האט אויף מיר געזאגט, ווען ער איז אראפגעלאפען פון דער הויך?

— האט דער אנקעל א זארג וואס ער האט געזאגט, ווער עס האט געזאגט. שנארערס, אז ווען ניט דער אנקעל, וואלטען זיי דאך אלע געווען געפוילט אין קוזמין. דער אנקעל האט איהם אראפגע־

גומען, איהם מיט די בעבעכעס, געשיקט געלד, שיפס־קארטען נאך זיי, און ער וואגט דעם אנקעל אקעגען צו רעדען. אה זיין גליק איז וואס איך בין נישט געווען אין סטאר. איך וואלט איהם געוויזען דעם אנקעל אקעגען צו רעדען — האט זיך סעם פלוצים צוקאכט פאר'ן אנקעל.

— מילא, מען זאגט, האט ער געזאגט. ער ווייסט דען, מישטיינס געזאגט, וואס ער רעדט? עס איז איהם שלעכט, רעדט ער — גאט איז דאך אויך מוחל — ער האט גערעדט נארישקייטען. זאל איהם דער אנקעל...

— נארישקייטען, — ביי מיר רעדט מען נישט קיין נארישקייטען; ביי מיר רעדט מען גאר ניט. ביי מיר שווייגט מען. גע־הערט? מען שווייגט! — האט דער אנקעל אויפגעהויבען די ברעמען — ווי האט מען איהם גערופען אין דער היים, סעם?

— אהרן גארגעל.

— גארגעל האט מען איהם גערופען — האט דער אנקעל זיך הויך פארנאנדערגעלאכט. — גארגעל, גארגעל איז גוט — נור דא אין אמעריקא גארגעלט מען נישט, אין קוזמין גארגעלט מען, נישט דא אין אמעריקא.

אהרן איז געשטאנען די גאנצע צייט אראפגעלאזט דעם קאפ, איינגעגראבען דעם בליק אין דר'ערד. ער האט געלאזען פאלען איבער זיין קאפ אלע שפאטערייען וואס מען האט געזאגט איבער איהם און געשוויגען. ער האט געוואלט וואס שנעלער צוריק ארויפקומען אין דער הויך ארויף צו דער מאשין, און ווידער זיין איינגעשפאנט אין דעם לעבען.

— זאל דער אנקעל רחמנות האבען, ווען ניט אויף איהם, איז אויף זיין ווייב און קינדער. — וואס זיינען זיי שולדיג, אז ער רעדט נארישקייטען? ער וועט שוין נישט רעדען, ער וועט עס שוין געדענ־קען אויפ'ן גאנצען לעבען...

— גאטהינג דואינג. —

מאשא איז געשטאנען אין א ווינקעל און צוגעזעהן און צוגע־הערט ווי מען שפאט און בעליידיגט איהר פאטער. איהרע בעקלעך האבען געברענט און איהרע הענטלעך האבען געציטערט. צוערשט

איז עס איהר געווען אַ וואונדער, וואָס דער פּאַ לאָזט זיך אַזוי, וואָס דער פּאַ שווייגט. דערנאָך האָט עס איהר אַנגעהויבען ווער צו טהאָן. זי האָט געוואָלט וויינען, שרייען. זי האָט זיך איינגעהאַלטען. איינגערעדט זיך: זיי זיינען גרויסע, ווייסען זיי וואָס צו טהאָן. נאָר ווען זי האָט געהערט ווי מען רופט איהר פאָטער „גאַרגעל", איז זי אויפגעשפּרונגען פון איהר ווינקעל, וואו זי האָט זיך בעהאַלטען די גאַנצע צייט און צוגעגאַנגען צום פאָטער און אַנגעהאַלטען זיך ביי דער האַנד, און גרויסע טראָפּענס טרעהרען האָבען ארויסגעשפּראָצט אויף די הערלעך פון איהרע אויגעלעך:

— קום, פּאַ, אהיים. זיי נישט דאַ, פּאַ. זיי זיינען שלעכטע מענשען... זאָרג זיך ניט פּאַ — מיר וועלען שוין לעבען. מיר וועלען זיך שוין אַן עצה געבען... נעהם נישט קיין געלד פון איהם (זי ווייזט אַן אויפ'ן אַנקעל מאָזעס). — דו ביזט אַ שלעכטער מענש — זאָגט זי צום אַנקעל מאָזעס — אַ ברוטאַל, אַ ביעסט — אַ דאָג, — דאָס ביזט דו.

— מאַשאַ, גערענק אין גאָט, וואָס טהוסט דו? דעם אַנקעל בעט איבער, וואָס האָסטו געזאָגט?

— איך וויל ניט איבערבעטען דעם אַנקעל. קום, פּאַ, אהיים, קום, פּאַ. איך וויל נישט דו זאָלסט דאָ זיין.

— שאַט אַפּ, מייק האָר אוועי, — האָט סעם געשריען צו אהרון'ען און צו בערלען, און אַפּגעשטופּט זי פון אַנקעל.

דער אַנקעל מאָזעס האָט אויפגעהויבען זיינע ברעמען. עס האָבען זיך ארויסגעוויזען זיינע פּייכטע בלאָהליכע אויגען, אוועקגעלעגט די שער פון דער האַנד, פּערלעגט די הענד זיך אויפ'ן בויך און אַנגעקוקט די מיידעל, וואָס האָט געהאַלטען דעם פאָטער ביי דער האַנד און איהם אוועקגעשלעפּט. ער האָט איינגעביסען זיינע אָפּגעגאָלטע ליפּען און געזאָגט ווי צו זיך:

— איי לייק דהים קיד.

אז סעם האָט דערהערט דעם אַנקעל'ס שטימע, האָט ער אָבגעלאָזט די מיידעל. אַ מינוט האָט דער אַנקעל געקוקט אויף דער מיידעל, און מאשא האָט איהם אַנגעקוקט. דער אַנקעל האָט געטרייעט איהר צו קוקען גלייך אין די אויגען אריין. דער אַנקעל איז ערנסט געוואָרען, פּערביסען די ליפּען און געזאָגט צו מאשא'ן:

— איך וואָלט געוואונשען, אז דו זאָלסט זיין מיין טאָכטער.

מאשא האָט איהם געקוקט אין פנים אריין. אויף די הערלעך פון איהרע הייטלאַך זיינען ווידער טראָפּען טרעהרען געהאנגען, און זי האָט איהם אָפּגעענטפערט:

— אַי העים יו!

דער אָנקעל האָט געשמייכעלט. זיינע גרויסע פליישיגע ליפּען האָבען זיך אויפגעעפענט און ער האָט געוויזען זיינע געזונטע ווייסע צייהן, אנגענומען דעם גאָלדענעם קייטעל פון זיין זייגער און דערמיט געבאָמבעלט און אויסגערופען:

— סעם!

— יעס, אָנקעל — איז דער יונג צוגעלאָפען.

— ווי האָט מען איהם גערופען אין דער היים? — האָט ער אָנגע־וויזען אויף אהרנ'ען.

— גאָרנעל.

— גיהם דעם גאָרנעל ארויף אין דער הויף און גיב איהם אר־ בייט. וועסט איהם געבען פינף דאָלאַר מעהר א וואָר ווידזשעס, פאר דער גורל (אָנווייזענדיג אויף מאשא'ן).

דער פעטער בעריל, אהרן, סעם און אלע מענשען אין געוועלב האָבען אויפגעעפענט זייערע אויגען און מיילער און אָנגעקוקט דעם אָנקעל אויב ער מיינט עס ערנסט.

— זעהסט, זעהסט, דאנק דעם אָנקעל, גיב א קוש אין די האַנד, — האָט דער פעטער געשריען אויף מאשא'ן.

מאשא האָט געקוקט אויפ'ן פאָטער. וואס ווערט פאַ טהאָן. זי האָט געזעהן ווי פאַ איז מיט פרייד ארויפגעשפּרונגען די טרעפּען צו די ווערקשטעל נאָך סעם'ען, און דער אָנקעל האָט איהם נאָכגע־ שריען:

— געה, גאָרנעל, געה.

פאַ האָט נאָר ניט אָפּגעענטפערט, נאָר צוגעשמייכעלט.

דאָס מיידעל איז פלינק ארויסגעלאָפען פון געוועלב און די טרעה־ רען האָבען זיך ווי ליכטיגע רונדיגע פּערעל געקייקעלט איבער איהרע צוגליהטע בעקלעך.

## 7.

## אַנקעל מאָזעס לעבען.

אין דער לעצטער צייט האָט אַנקעל מאָזעס זעהר פיעל געקלעהרט וועגען זיך, וועגען זיין לעבען, זיין פערגאַנגענהייט און זיין צוקונפט. א זאַך צו וועלכער ער איז גאַר ניט געוועהנט געווען. און אויך יעצט, נאָך מאשא'ס אוועקגעהן, האָט אַנקעל מאָזעס זיך פערקלעהרט. דאָס קינד מאשא האָט אויף איהם געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק.

קיין קינדהייט האָט אַנקעל מאָזעס ניט געהאַט. אַנקעל מאָזעס איז אויפגעצויגען געוואָרען ביים פאָטער, דעם קאַשע־מאַכער. דער פאָטער האָט געריבען קאַשע פאַר די פויערים און זיינע קינדער אליין האָבען געהונגערט. פון קליינערהייט אָן האָט ער געמוזט אַרבייטען און פערדיענען פאַר זיך: שלעפּען פעקלעך פון מאַרק אהיים נאָך אַ בעל־הבית'טע, לויפען אין שלאַכט־הויז אריין אַ הוהן שחט'ען. און אין שלאַכט־הויז האָט ער זיך בעקענט מיט די קצבים־יונגען און שוין ניט אָפּגעטראָטען פון זיי. געהאָלפען בהמות בינדען. אַמאָל פון אַ גע'שחט'ען שעפּסעל דאָס פעלכעל אראָפּגעצויגען. אזוי האָט ער זיך פערדיענט זיין שטיקעל ברויט, ביז ער איז אויסגעוואַקסען אליין פאַר זיך. קיינעם האָט ער ניט געהאַט און האָט ניט בעלאַנגט צו קיינעם. אז ער האָט בעדאַרפט זיך שטעלען צו סאָלדאַטען און מורא געהאַט אַז מען זאָל איהם ניט פערשיקען, איז ער אַנטלאָפען פון שטעדטעל, גע'גנב'עט דעם גרענעץ און מיט אַן אָקסען־שיף איז ער דעם וואַסער דורכגעפאָהרען, אָהן געלד, נור פאַר אַרבייט וואָס ער האָט געהאָלפען די אָקסען פיטערען אויפ'ן וועג. מיט אונטערגעשלאָגענע זייטען, וואָס די מאַטראָסען האָבען איהם געשלאָגען איבער'ן וועג, און מיט צוויי רובעל רוסישע געלד, האָט ער דעם באָדען בעטראָטען — און היינט איז ער מאָזעס מעלניק, דער מאַנופעקטשורער פון דער בויערי גאַס, פּרעזידענט פון דער קאָנגרעגיישאָן אנשי קוזמין, בעשעפטיגט האַלב קוזמין ביי דער אַרבייט, די שעהנסטע אידען פון זיין שטאָדט זיינען ביי איהם פּרעסערס, אָפּערייטאָרס און זיי ציטערען פאַר איהם און זיי חנפ'ענען איהם; אַ בעל־הבית פון טע־

נעמענט הייזער, אין וועלכע די קוזמינער לאנדסלייט וואהנען ביי זייער לעבען. א פּאר בעטלעך טראגען זיין נאָמען אין האָספּיטאָל ביקור חולים, אין וועלכע די קוזמינער אידען ליגען קראנק ווען זיי ווערען אלט, און „מאָזעס מעלניק" פינקעלט זיך מיט גאָלדענע בוכ־שטאבען איבער דעם טויער פון „שער רחמים" ביים אריינגאנג פון דער סעמעטערי, אויף וועלכען די קוזמינער רוהען נאך זייער טויט.

אָבער וואָס האָט ער פון זיין לעבען? טהיילמאָל דאכט זיך איהם, אז אויך ער, ווי זיינע ארבייטער, איז ווי דער פּאַדים וואָס איז איינגעפעדעמט אין דער נאָדעל. די מאשין לויפט און די נאָדעל נעהט, נעהט, צי זי וויל יא, צי זי וויל ניט... אלע אין אמעריקא זיינען איינגעפעדעמט אין דער נאָדעל, און אויך ער. פון ערשטען טאָג אן, זייט ער האָט די ערשטע פלאשען ביער אבגעטראגען פון דעם סאלון, אין וועלכען ער האָט געפונען ארבייט דעם ערשטען טאָג פון זיין קומען, ביז'ן היינטיגען טאָג, שטעקט ער אין דער נאָדעל, און ער האָט קיין איין מינוט צייט ניט געהאט זיך אבצושטעלען און איבער־צוקלעהרען. די ענערגיע האָט איהם געטריבען ווי א משוגע'נע מאשין און האָט איהם אויף איין מינוט ניט אָבגעלאָזט. גאנצע נעכט איז ער געלעגען אויף זיין געלעגער און אויסגעארבייט פּלענער, בויענדיג זיך זיין קאריערע.

פערשיעדען זיינען געווען די געלעגערס אויף וועלכע ער איז געלעגען אין זיין לעבען. אויף שמוציגע מאטראצען אין פינסטערע בייסמענטס; אויף בעסערע בעטען אין ליכטיגע שטובען — ער האָט אין אלע בעטען פערבראכט די נעכט נור מיט געדאנקען וועגען ביז־נעס פּלענער, מיט פּלענער ווי צו עפענען א לאָנטש רום אין א ווינקעל גאס, ניט ווייט פון א פעקטאָרי, וועלכען ער האָט אנגעהאלטען א פּאָר יאהר אין די ערשטע צייט פון זיין קומען, בעפאָר ער האָט חתונה געהאט. דערנאָך האָט ער איבערגעטויישט דעם לאָנטש רום אויף א סטאָר פון אויסבראקירטע מענער־מלבושים, וואָס ער האָט אבגעקויפט פון גרויסע פאבריקען און אוועקגעשיקט אין די סאוטה צו פערקויפען. פון דער סטאָר איז אויסגעוואקסען א שניידער־פעקטאָרי פון מענער קליידער. שטענדיג איז דער קאָפּ געווען פערנומען מיט פּלענער וועגען דער צוקונפט. דערנאָך זיינען אויסגעוואקסען די פּלענער פון בויען הייזער. דאס בויען הייזער איז געקומען איבער איהם ווי א

משוגעת. וואו ער האט דערזעהן א לעדיגען פלאץ, האט ער איהם געוואלט פערבויען מיט הויכע טענעמענט־הייזער... ער האט אנגע־הויבען צו בויען דוקא דענסמאל, ווען ער איז געווען צום ענגסטען אין געלד, דוקא דענסטמאל ווען ער האט געהאלטען פאר א קריזיס, געשטאנען פאר א גרוב — דוקא דענסטמאל האט ער זיך גענומען אויסצופיהרען די גרעסטע אונטערנעהמונגען. עס איז געווען ביי איהם ווי א שפיעל, ווי א וועט — ווי ער וואלט געוואלט אליין מעסטען זיינע אייגענע כוחות.

ניט די בעדערפניסע האבען איהם געטריבען צו דעם אייביגען יאגעניש נאך געלד. אנקעל מאזעס אליין האט געהאט די קלענסטע בעדערפניסע. פאר זיך האט ער גאר ניט געדארפט. עס איז איהם ניט געווען קיין אונטערשיעד אין וואס פאר א וואהנונג ער וואהנט, אין וואס פאר א בעט ער שלאפט. עס האט זיך איהם זעהר אפט פערבענקט נאך יעצט צו שלאפען אין א ביימסמענט, און ער האט אייגענטליך גאר קיין הנאה ניט געהאט פון דעם ליכטיגען צימער מיט דעם ווייכען בעט און מיט דעם דעליקאטען געשניצטען מעבעל, אין וועלכען ער האט מורא געהאט זיך ריכטיג אויסצוציהען... און נאך היינט פלעגט ער אפט, אין ל א נ ט ש ־ צ י י ט, א ר י ב ע ר ג ע ה ן מיט זיינע ארבייטער אין'ם ביליגען לאנטש־רום, און אריינכאפען שטעהענדיג, אין איילעניש, שטופענדיג זיך, א סענדוויטש, א פאר־טייטא, א קאפע קאפע און ניט געוואלט געהן מיט די ביזנעס־לייט עסען אין דעם ביזנעס רעסטאראן, ניט דערפאר ווייל ער איז געווען קארג, נור דערפאר, ווייל צו דעם ארימען לעבען, אין וועלכען ער האט אבגעלעבט די גרעסטע העלפט פון זיין לעבען, איז ער געווען מעהר צוגעוואוהנט און האט דערפון מעהר הנאה געהאט ווי פון דעם רייכען לעבען. עס איז געווען עפעס מעהר פון געלד וואס האט איהם אין די קאלטע ווינטערס אזוי פריה פון בעט ארויסגעיאגט צו זיין דער ערשטער אין געוועלב און אבווארטען צו זעהן צי די ארבייטער קומען צו דער ריכטיגער צייט צו דער ארבייט; מעהר פון געלד איז עס אויך געווען, וואס האט איהם בעוואויגען אין די זומערדיגע הייסע חדשים צו בלייבען אין שטאדט — און וויפיעל ער האט ניט געליטען פון דער היץ, וועלכע האט אזוי פיינדליך געווירקט אויף זיין פעטען קערפער, האט ער דאך ניט געוואלט אוועקפאהרען ערגעץ־וואו אין

אַ זומער־פּלאַץ. נור איז געשטאַנען אין געוועלב צווישען די בעשטויבטע אַנגעלעגטע מלבושים, שווער געאָטהעמט און געקיהלט מיט׳ן שטייפען העט זיין צושוויצטען פּנים, געווישט זיך דעם צוהיצטען, שיטערבעוואַקסענעם קאָפּ מיט אַ טיכעל און ניט געוואָלט זיך פערלאָזען אפילו אויף סעם׳ען, צו וועלכען ער האָט צוטרויען געהאַט. עס איז געווען עפּעס מעהר פון געלד — עס איז געווען ווי ער וואָלט פערשקלאַפּט געוואָרען צו זיין אונערשעפּטע ענערגיע, און די ענערגיע יאָגט איהם ווי אַ ניט־גוטע קראַפט און ער מוז בלינד אויספיהרען די בעפעהלען וואָס זי בעפעהלט איהם.

וואָרים אַנקעל מאָזעס האָט ניט געהאַט פאַר ווען צו אַרבייטען און ווען זיין געלד איבערצולאָזען. אַנקעל מאָזעס איז געווען אַן אַלמן. קינדער האָט ער יאָ געהאַט, נור ניט מיט זיין פרוי, מיט אַ פרוי פון אַן אַנדערען מאַן, און ער האָט ניט געוואוסט אויב די קינדער זיינען זיינע אָדער ניט... יעדענפאַלס האָט ער זיי ניט ליעב געהאַט.

עס איז אַזוי געווען: ווען אַנקעל מאָזעס איז יונג געווען, און האָט געוואָלט איבערגעהן פון לאַנטש־רום צו אַ געוועלב מיט אויסבראַקירטע מענער קליידער, האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ שותּף׳ס אַ טאָכטער. דאָס חתונה האָבען איז געווען אויסגערעכענט מעהר אויס געשעפטליכע גרינדע ווי אויס ליעבע. אַנקעל מאָזעס האָט ניט געוואוסט אין זיינע יונגע יאָהרען פון ליעבע. ער איז געווען אַזוי פערנומען אין זיינע ביזנעס, אַז ער האָט קיין צייט ניט געהאַט אָבצוגעבען אָדער אָבצושטעלען זיך אויף אַזעלכע זאַכען... דאָס יונגע ווייבעל, וועלכע איז געקומען פון גאַליציע און האָט געהאַט אַ סענטימענטאַלעס געפיהל, אַ שוואַכע און אַן עדעלע, האָט איהם דוקא יאָ ליעב געהאַט. ניט פערזענליך איהם — יעדען איינעם, וואָס וואָלט מיט איהר חתונה געהאַט וואָלט זי ליעב געהאַט, ווייל זי איז געבוירען געוואָרען ליעב צו האָבען און צו פערגעטערען און זיין פערשקלאַפּט אונטער וועמען עס איז... זי האָט אַרויפגעקוקט צו איהם ווי צו אַ גאָט, זי האָט דרך־ארץ געהאַט פאַר זיין ברייטען מענליכען קאָרק, זי האָט מורא געהאַט פאַר זיין ערנסט פערזאָרגט געזיכט און האָט בעוואונדערט זיין ענערגיע און זיין טהעטיגקייט. נור ער האָט זי ניט געזעהן. ער האָט זי געהאַלטען פאַר אַ זאַך... אָפּטמאָל איז זי

געלעגען נעבען איהם ביינאכט אויפ'ן געלעגער און האט געבענקט נאך לאסקעס, נאך צערטליכקייטען, צו טוליען זיך צו איהם. זי האט גע־בענקט נאך גלעטען, פיעסטשען זיך ווי א קינד, און ער איז געלעגען אומגעדרעהט מיט זיין שווערען קערפער צו דער וואנד, און אדער ער האט הויך געשנארכעט אדער ער איז געווען פערנומען קלעהרענדיג וועגען ביזנעס. שטענדיג איז זיין קאפ פול געווען מיט רעק, הויזען, וועסטען, קנעפלאך, לייוועגט, סחורה — שטענדיג האט ער געטראכט וועגען דעם, און גאר ניט געזעהן ארום זיך, און האט פון איהם די נאטור פערלאנגט דאס איהריגע האט ער עס אויסגעפיהרט גראב, אהן סענטימענטען, ווי מען עסט אב א מיטאג און מען ווישט זיך אב די ליפען און מען געהט אוועק פון טיש... אזוי האט ער זיך באלד אויט־געדרעהט אויף דער צווייטער זייט און איז איינגעשלאפען... דאס ווייבעל האט אבער ניט געהאט קיין פערלאנג נאך געשלעכטליכעס לע־בען, זי האט געבענקט נאך ליעבע, נאך לאסקעס, נאך ווארימקייט... און דאס האט ער ניט געהאט צו געבען און ניט געקענט געבען. ער האט ניט פערשטאנען וואס זי פערלאנגט פון איהם, און געוואונדערט זיך פארוואס זי האט קיין קינדער ניט. און אמאל, אז ער איז געווען ביי זיינעם א פריינד, אן עלטערען מענשען, ביי א זילבערנע חתונה, און געזעהן ווי די קינדער פון זיין פריינד האבען די עלטערען צור־געטראגען א טארט מיט אנגעצונדענע ליכטלעך, און געפרעהט זיך מיט זיי, איז ער אהיים געקומען א בייזער און געברומט צו דער ווייב:

— קינדער... פארוואס האסטו קיין קינדער ניט?... געה צו א דאקטאר.

נאר דאס ווייבעל האט ניט געבענקט נאך קינדער, זי האט גע־בענקט נאך ליעבע, און אין דעם דורשט נאך ליעבע איז זי אויסגע־גאנגען. זי איז וואס א טאג שוואכער געווארען און קראנקער. געוויס האט ער אויף איהר רחמנות געהאט. ער האט שוין קיין פערגעניגען ניט געהאט פון זיין לעבען. אז ער איז אויסגעגאנגען מיט גוטע פריינד אמאל לעבען, פערברענגען ערגעץ־וואו אן אבענד, האט ער זיך פארווירפע געמאכט וואס ער האט זי איבערגעלאזט אליין אין דער היים. ער האט דאן אוועקגעווארפען די געזעלשאפט און איז אהיים געקומען, אבער דער ווייבעל האט ער גאר ניט געקענט געבען. ער האט

ניט געוואוסט פאר וואס זי איז קראנק, ער האט זיך קיין עצה ניט געקענט געבען, פלעגט ער שרייען אויף איהר:

— וואס איז דיר? פאר וואס געהסטו ניט צו א דאקטאר? פאר וואס ביזטו קראנק?

א פאר יאהר פאר איהר טויט האט ער שוין קיין ווייב ניט געהאט... דאס האט איהם געבראכט, אז ער זאל מעהר קלעהרען וועגען דעם און אנהויבען צו קוקען אויף פרויען... געפעלען איז איהם דוקא א ווייבעל פון א אידישען רעסטאראן, וואו ער פלעגט עסען לאנטש. דאס ווייבעל איז געווען א ברונעטקע, מיט שארפע שווארצע ברעמען, געפעלען זיינען איהם די שווארצע הערעלעך, וואס זיינען געוואקסען ווי פאות אויף איהרע באקען. אמאל האט ער זי געזעהן הינטער'ן בופעט אין א ווייס קאפטענדעל אין א שירץ, קלימפערנדיג מיט די שליסעלעך אין די הענד און האט עפעס בעפוילען די קעלנערס, האט זי איהם דערמאנט אן א אידישע בעל-הבית'טע אין דער היים, האט ער אנגעהויבען מאכען חנ'דעלאך צו איהר, בעטען זי מיט איהם אויסצוגעהן. אלע האבען זיך פערוואונדערט אויף מאזעס מעלניק, נור דאס ווייבעל איז זעהר גוט געווען צו איהם. דער מאן איהרער האט יא געזעהן, ניט געזעהן — געמאכט ניט ווייסענדיג זיך. ער האט געלעבט מיט איהר אין געהיים, און דאס ווייבעל האט געהאט יעדעס יאהר אויף זיין חשבון א קינד... ער האט ניט געוואוסט, אויב דאס זיינען זיינע קינדער אדער איהר מאן'ס... דער מאן איהרער פלעגט קומען ציהען ביי איהם געלד, שרעקען איהם מיט סקאנדאלען, האט אנקעל מאזעס געגעבען. די געשעפטען האט ער פערטרויט סעם'ן, און סעם האט איהם פון אלע זארגען ארויסגענומען. אלעס שוין פאר איהם פערזארגט.

זיין לעבען מיט אן אנדער פרוי האט זיין אייגענע שוואכע פרוי אין גאנצען רואינירט. און אין א קורצער צייט איז זי געשטארבען, אהנע איהם איבערצולאזען א קינד. און אנקעל מאזעס האט אייגענטליך קיין יורש ניט געהאט. די קינדער פון דעם רעסטאראן-ווייבעל זיינען אפיציעל געווען דעם רעסטאראטאר'ס, און ער איז גאר ניט זיכער געווען צי זיינען זיי זיינע אייגענע... צעהן יאהר איז ער אן אלמן געווען. אלע האבען געזאגט, אז ער איז גאך א יונגער מאן, און שדכנים פלעגען איהם די שוועלען אבשלאגען. ער האט ניט

געקלעהרט פון נאכאמאל חתונה האבען. ער האט עס ניט בעדארפט. ער האט אנגעהאלטען וויטער זיינע געהיימע בעציהונגען מיט דעם רעסטאראטאר'ס ווייבעל, נור, אז ער איז נאהענט געקומען צו די פופציגער, האט ער געפיהלט א געוויסע איינזאמקייט אהן א פאמיליע. די ענערגיע צו ביזנעס האט אנגעהויבען אביסעל זיך אויסלעשען. ער האט שוין קיין חשק ניט געהאט נייע הייזער צו בויען אדער נייע געשעפטען צו מאכען. ער האט אנגעהויבען בענקען זיך מיט די אלטע געשעפטען און אנגעהויבען צו בענקען נאך א היימישע ווארימע שטוב; נאך קינדער, וואס זאלען געהערען צו איהם, מיט וועלכע ער זאל אמאל אין א יום־טוב געהן דאווענען אין שוהל אריין, און זיך ווייזען פאר פריינד... ער האט געקלעהרט וועגען חתונה האבען, און געלאזט זיך רעדען שידוכים.

די אלע כלות וואס מען האט איהם גערעדט, זיינען איהם ניט געפעלען געווארען. עס זיינען געווען ווייבער אלמנות, ווייבער גרושות, ווייבער מיט זיהן, ווייבער מיט טעכטער, ווייבער מיט קלאוקס, ווייבער מיט אנדערע פעקטארים. פון לאנגווייליגקייט האט ער אראבגעבראכט זיין אלטען פאטער פון דעם קליינעם שטעדטעל. אויסגעזוכט ביז צו א לעצטען פון דער משפחה און אראבגעבראכט קיין אמעריקא. די משפחה זיינע האט ער אבער ניט ליעב געהאט, און געהאט צו זיי טענות פאר וואס זיי טויגען נור אלע צו שניידעריי, נור צו דער מאשין אדער צום פרעסען. קיין איין געבילדעטער מענש איז ניט געווען צווישען זיי, אדער איינער וואס זאל זיין אונאבהענגיג, וואס זאל האבען אליין זיין קאריערע געמאכט, וועלכער זאל זיין גלייך מיט איהם, אז ער זאל קענען רעדען מיט איהם. ער האט פעראכטעט זייער פערשקלאפונג, וואס ער האט זיי אליין פערשקלאפט. ער האט פעראכטעט דאס חנפ'ענען און בויגען זיך צו איהם. ער האט געוואלט געפינען צווישען זיי א מענש, א זעלבסטשטענדיגען, וועלכער זאל רעדען צו איהם ווי זיין גלייכען. דורכדעם, וואס מאשא איז ארויס פון ווינקעל און איז ארויפגעשפרונגען אויף איהם און גערופען איהם: ביעסט... דאג... האט זי אויף איהם געמאכט א שטארקען איינדרוק. צום ערשטען מאל הערט ער ווי מען זידעלט איהם. און ווער? א מיידעל, א קינד, וואס איהר גורל איז אין גאנצען אבהענגיג פון איהם. זי וויל פון איהם גאר ניט — „שי העיטס מי“, האט ער אין זיך גע־

לאכט. דערפאר וואס איך האב בעליידיגט איהר פאטער, און ער האט מקנא געווען אהרן מעלניק — דאס קינד וואס נעהמט זיך אן פאר איהם...

אלעס וואלט ער אוועקגעגעבען אהרן מעלניק'ן פאר'ן קינד וואס נעהמט זיך אן פאר איהם...

און אנקעל מאזעס האט זיך נאך געהאלטען פאר א יונגען מאן. אינערליך, אין זיך, האט ער נאך גאר ניט געפיהלט די אלטקייט, וועלכע די פעטקייט פון זיין פנים און דער שווערער קערפער זיינער האבען אזוי שענדליך פערראטהען. ער האט זיך ניט אפט געשפיעגעלט, און איבריגענס זיינען די ענדערונגען אויף זיין געזיכט און קערפער פארגעקומען אזוי לאנגזאם, אז ער האט עס גאר ניט בעמערקט, און עס האט זיך איהם געדאכט, אז זיין פנים האט זיך אויך ניט געענדערט. אינערליך אין זיך האט ער אבער געפיהלט נאך די קראפט גאר אויפ'ס ניי אנצופאנגען. יעדער נייער געדאנק האט ערוועקט אין איהם נייע קוואלען פון ענערגיע, און דער געדאנק, וואס איז איהם איצט אזוי פלוצלונג און מיט אמאל איינגעפאלען, האט איהם געגעבען א ציגר אן און ערוועקט אין איהם א שטראם לעבען.

„...מען דארף זי ערציהען, ערציהען פאר זיך... זי זאל זיין מיין קינד און זיך אננעהמען פאר מיר אויך. און א נייער שטראם ענערגיע האט זיך אריינגעגאסען אין זיינע אדערען...

און מיט דעם אימפעט וואס ער איז געוועהנט געווען אויסצופיהרען פלענער ווען עס איז איהם עפעס איינגעפאלען, איז ער געגאנגען אויספיהרען דעם פלאן...

---

.8

## דער נייער פרעה.

קוזמין האט טריי געדיענט „פרעה'ן". קוזמין איז געזעסען ביי דער ארבייט און האט גענייהט רעק, הויזען, וועסטען פאר מענשען, וואס זיי האבען נישט געוואוסט וואו זייער געביין געפינט זיך. גאנץ קוזמין איז געזעסען ביים אנקעל מאזעס אין דער הויף אין שאפ.

ר' יואל חיים, דער דאזאר פון דער שוהל און איטשע דער שוסטער־יונג, און יונדעל, דער ווייבערשער שניידער דער גרויסער פראנט און עלעגאנט פון קוזמין, וואס האט אמאל בעצויבערט די הערצער פון די קוזמינער ווייבער, און חיים'שע דער פעלדשער, וואס האט די ווייבער געשטעלט באנקעס — וואס עס האט זיך נאר געטראפען מיט א אידענע אין שטעדטעל, האט ער איהר געהייסען דאס העמד ארויבלאזען און געשטעלט איהר באנקעס... ביז אמאל זיינען זיינע באנקעס פערדעכטיג געווארען... און חיים'שע האט געקראגען גוט אויסגעפאטשט פון א פאר שעהנע בעלי־בתים. צוויי צייהן פעהלען איהם פון דאמאלסדיגע פעטש — היינט שטעלט ער שוין ניט קיין באנקעס, נור זיצט ביים אנקעל מאזעם אויפ'ן „בוידים" און נייהט הייזען. אלע נייהען זיי הויזען. אנקעל מאזעם האט אויסגעגלייכט גאנץ קוזמין. נישטא מעהר קיין שעהנע בעלי־בתים, דאזארצעס מיט ארימע בעלי־מלאכות, ניטא קיין תלמידי־חכמים מיט גראבע יונגען. ניטא קיין שוסטערס, קיין סטארשעס, אידען וואס שטעלען ווייבער באנקעס... און אידען וואס קיצלען ווייבער הינטער די ארעמס, ווען זיי ברענגען זיי אנצומעסטען די קליידער, — אלע דיענען צו איין אבגאט, אלע טהוען איין זאך — נייהען הויזען...

נור קוזמין וויל נאך ניט שטארבען. ביים אנקעל מאזעם אויפ'ן „בוידעם" (גערעט) ביי דער נאדעל לעבט ווידער דאס אלטע קוזמין אויף מיט אלע איהרע מערקווירדיגקייטען. יעדער אלטער שטיין, יעדעס אלטע הויז און ווינקעל ווערט מיט ליעבע און בענקשאפט דערמאנט פון די געטרייע קינדער פון אלטען קוזמין, וועלכע זיצען מיט די הויזען אין זייערע הענד און בענקען נאך איהר, און וואו נישט וואו פאלט א טרעהר, לאזט זיך הערען א קרעכץ פון אן אלטען איינוואהנער פון קוזמין וואס האט זיך דערמאנט אין איהר שעהנהייט...

— אנו, לייבעל, וואס שווייגסטו היינט? לאמיר הערען דעם אלטען חזן'ס קדושה'לע.

און לייבעל, וועלכער האט ליעב געהאט דאס „ברעטעל" פון עמוד זיין גאנצעס לעבען, און קיינמאל אין דער היים קיין געלעגענהייט ניט געהאט צוצוקריגען זיך דערצו און ארויסצואווייזען זיינע חזנ'ישע פעהיגקייטען — ווייזט עס יעצט ארוים פאר קוזמין, ביי דער נאדעל און ביי די הויזען.

דעם אלטען חזן'ס נגון טראגט איבער קוזמין אין דער אלטער שוהל אריין, און עס דערמאנט זיך זיי דער שעהנער שבועות'דיגער שבת ווען יעדער בעל־הבית איז געזעסען אין זיין שעהנע „שטאדט" מיט'ן טלית און גאלדענע עטרה בעפוצט, און געקוואלען זיך מיט'ן חזן'ס נגונים, און היינט זיצט קוזמין מיט הויזען אין די הענד...

באלד אבער פערשווינדט די אלטע שוהל, און דער שעהן־פריה־מארגענדיגער שבת און דאס בענקשאפט און די ליעבע נאך קוזמין. עס בלייבען איבער בלויז הויזען און נאדעל.

סעם בעווייזט זיך אין דער טהיר פון דעם שאפ און גיט א געשריי:

— נא, זעהט קוזמין זינגט! אזוי איז גוט. איהר וועט זיך דא א שווארץ יאהר אויסריכטען פון מיר. איך רוף באלד ארויף דעם אנקעל כאזעם צו אייך.

און איין קוזמינער בעל־הבית שרעקט דעם צווייטען:

— שווייג, שווייג, דער „גובערנאטאר" איז דא.

סעם'ען רופט קוזמין „גובערנאטאר" און דעם אנקעל „דער קייסער".

און פאר'ן גובערנאטאר האט מען נאך מעהר מורא ווי פאר'ן קייסער.

קוזמינער בעלי־הבתים ווערען פערשטומט, דערשראקען פאר דעם קליינעם שגץ סעם, וואס אין דער היים איז ער געווען א קצב־אינגעל, און דא איז ער דער „גובערנאטאר" פון קוזמין...

אבער קוזמין האט א גרויסען מליץ יושר. דאס איז דער אלטער מעלניק, אנקעל מאזעס פאטער, וועלכען דער זוהן האט אראבגע־בראכט קיין אמעריקא. דער אלטער דרעהט זיך אום מיט דעם גאל־דענעם שטעקען, וואס דער זוהן האט איהם געשאנקען א מתנה, און דאס שטייפע קאפעלושעל, צו וועלכען ער איז ניט בעוואהנט, פייניגט איהם. פערדרוקט ער עס אן א זייט. ער לאנגווייליגט זיך דא אין אמע־ריקא און בענקט נאך דעם קאשע מילעכעל, און פאר לאנגוויילינקייט האט ער אנגעהויבען צו טרינקען. א שנאפסעל האט ער ליעב געהאט פון דער היים, נור דא אין אמעריקא, וואו ער האט זיך געקענט פערגינען און גוטע ברידער האבען זיך שטענדיג

געפונען, וואָס האָבען דעם אַלטען געוואָלט „טריטען“, איז דער אַלטער שטענדיג שיכור געווען. קיין בעקאַנטע האָט ער ניט געהאַט. זיינע אַלע לאַנדסלייט האָבען געאַרבייט ביי זיין זוהן אין שאַפּ — האָט ער ליעב געהאַט אַרויפצוקומען אין שאַפּ און צו פערברענגען מיט זיי, און מיט זיי שמועסען וועגען קוזמין. אָפּטמאָל האָט זיך דעם אַלטען אויך פערגלוסט צו גייהען הויזען, געזעהן, אַז אַלע זיינע חברים פון קינדער יאָהרען, אַלע שעהנע בעלי־בתים, פאַר וועלכע ער האָט אין דער היים דרך־ארץ געהאַט, גייהען ביים זוהן הויזען. פאַר וואָס זאָל ער ניט גייהען? — פלעגט ער זיך אַרויפקומען אין שאַפּ און מיטהעלפען גייהען. דעם אַנקעל מאָזעס איז אָבער ניט אָנגעשטאַנען, אַז זיין פאָטער זאָל זיצען אין שאַפּ. און אַז דער פאָטער איז אַרויפגעקומען אין דער געווערקשטעל האָט ער קוזמין געשטערט צו אַרבייטען, ער האָט פערפיהרט שמועסען מיט די לאַנדסלייט פון דער היים, פון אַלטע שררים, פון דאָרפס־געשעפטען, פון רב און חזן — און אָפּטמאָל האָט זיך קוזמין אַזוי אַריינגעלאָזט אין די שמועסען פון דער היים, אַז זיי האָבען זיך צוקריגט איבער אַ חזן אָדער אַ שוחט — און פערגעסען זיך, אַז זיי זיינען שוין ניט קיין בעלי־בתים פון קוזמין... נור דאָס רעדען אַליין האָט זיי פערגעניגען פערשאַפט. און דעם אַלטען האָט עס אַהין געצויגען צו דעם זוהן'ס שאַפּ. אַנקעל מאָזעס האָט אָנגעזאָגט סעם'ען, אַז ער זאָל דעם פאָטער ניט אַרויפלאָזען אין שאַפּ אַריין, נור, אַז דער אַלטער מעלניק האָט זיך אָנגעשכור'ט האָט ער קיינעם ניט געהאָרכט, פאַר קיינעם קיין מורא געהאַט. סעם'ען געשלאָגען מיט'ן גאָלדענעם קאָפּ פון שטעקען און אַריינגעלאָפען אין שאַפּ.

— אַזאַ טויבען־כאַפּער איז דאָס. אַזאַ ימח־שמו'ניק, אַזאַ קצב־יונג, ער וועט מיך ניט אַריינלאָזען. מיין זוהן'ס פּראַצע איז דאָס, און ער וועט מיך נישט אַריינלאָזען — האָט ער אָוועקגעיאָגט סעם'ען מיט'ן שטעקעל און איז אַריין אין שאַפּ, מיט'ן קאַפּעלושעל פערדרעהט אַן אַ זייט, און געפּאָכעט זיך מיט'ן רויטען טיכעל. אַרויס פון דאַנען, ימח־שמו'ניק, אַרויס, אַרויס — האָט ער אַרויסגעטריבען סעם'ען פון שאַפּ.

קוזמין האָט זיך געפרעהט אויף דעם „גובערנאַטאָר'ס“ מפּלה. הייד צו פרעהען זיך, הייד צו לאַכען האָבען זיי מורא געהאַט. דער־

גובערנאַטאָר קען זיך אַבערעכענען, האָבען זיי גֿעשטופּט איינער דעם אַנדערען און געוואונקען מיט די אויגען.

— ווי האָט מען איהם גערופען אין דער היים? אַבלאַף, העי דו אַבלאַף איינער, האָט דער אַלטער נאָכגעשריען סעם'ען פון די טרעפּען אַראָפּ. די מאַמע דיינע האָט דאָך גע'גנב'עט גרויפּען ביי מיר אין געוועלבעל. איך האָב דאָך זי אַמאָל אַליין געכאַפּט ביי דער האַנד, און דאָ אין אַמעריקא ביזטו געוואָרען אַ גאַנצער פּרעה — הע, אַז אויסגעריסען זאָלסטו ווערען מיט מיין זוהן, מיט אַמעריקא אין איינעם.

קוזמין האָט זיך געפּרעגעלט אין נחת, האָט געצויגען די אַקסלען און געשטופּט איינער דעם צווייטען:

— דו זעהסט די מפּלה?

— אויף אַלע אידען־פיינד געזאָגט געוואָרען.

— די מאַמע זיינע האָט דאָך פלייש גע'גנב'עט אין די יאַטקעס. ווי האָט מען זי דאָס גערופען? נעכאַ האָט מען זי גערופען...

און מ'האָט זיך אָנגעהויבען צו דערמאָנען אין אַלטען קוזמין און אויסגעגראָבען מעשיות פון פערציימענס.

נור באַלד איז אַלעס פערשטומט געוואָרען. קוזמין איז פערציטערט געוואָרען, פערשטיינערט, פערגליווערט. קוזמין איז געוואָרען איין מאַשין וואָס האָט געהאַלטען אַ נאָדעל אין דער האַנד און האָט געניי'הט. אין די געווערקשטעל האָט זיך בעוויזען אַנקעל מאָזעס אַליין, מיט די גרויסע שער אין האַנד, אָהן ראָק, נור די קייט פון זייגער האָט פערנומען די גאַנצע ברייט פון זיין דיקען בויך און האָט צוגעגעבען זיין פיגור אַ וויכטיגקייט. ער האָט נאָר געשוויגען, נאָר אויפגעעפענט די אויגען און זיך ארומגעקוקט. קוזמין האָט געצויגען די קעפּ צו די הויזען און געניי'הט. אַנקעל מאָזעס איז צוגעגאַנגען צום פאָטער און האָט איהם אָנגענומען ביים אָרים:

— טאַטע, קום אַראָפּ.

— איך וויל ניט. וואָס ווילסטו מיר טהאָן, וואָס? איך האָב ניט קיין מורא פאַר דיר, — האָט דער אַלטער מעלניק געשריען און געקלאַפּט מיט'ן שטעקען מיט קוראַזש וואָס ער האָט שטענדיג געקראָגען נאָך אַ שנעפּסעל מאַכען.

— טאטע, דו שטערסט זיי צו ארבייטען. זיי בעדארפען זיין אליין, קום אראפּ מיט מיר, — האט דער זוהן ווייך אנגענומען דעם פּאטער'ס האנד.

— איך וועל נישט געהן. איך האב נישט קיין מורא פאר דיר. וואס ביזטו פאר א נייער פּרעה, פאר א קייסער? איך האב פאר'ן סאמע נאטשאלניק נישט קיין מורא. איך האב פאר קיינעם נישט קיין מורא. איך בעדארף דיר נישט. וואס האסטו געוואלט האבען פון מיר? וואס האסטו מיך אראבגעבראכט? שיק מיך צוריק, איך וויל צוריק פאהרען אהיים.

— דו וועסט צוריקפאהרען. וועסט צוריקפאהרען. קום אראב, טאטע, שטער זיי נים.

— איך וועל נים געהן — האט דער אלטער געשריען — איך בעדארף דיר צו אלדע שווארצע יאהר — האט זיך דער אלטער צו־קאכט — דיך מיט דיין גאנץ אמעריקא. צו דיר אויף קבורה־געלד וועל איך נים אנקומען. אט א דא האב איך אבגעשפּארט פון מיין אייגענע פּראצע.

ער נעהמט ארויס א זעקעל וואס הענגט איהם אויף דער נאַ־קעטער ברוסט.

— אדא האב איך אויך קבורה־געלד, פון מיין אייגענע פּראצע, פון דיר וויל איך נישט. שיק מיך צוריק. זואס האלסטו מיך דא, ווי פּרעה די אידען אין מצרים? שיק אונז צוריק, לאז אונז ארויס פון מצרים, איך וויל דא נים זיין.

אנקעל מאזעס האט געטראכט וואס צו טהאן. דעם פאטער האט ער זעהר געאכטעט. דאס איז געוועזן ביי איהם אן עהרע־זאך. אבער פערשעהמט ווערען פאר זיינע לאנדסלייט, פאר וועלכע ער איז שטענ־דיג ארויסגעקומען מיט זיין גאנצער הערשאפט (דאס איז געוועזן זיין קראפט), האט ער נישט געקענט. ער האט זיך אבער באלד גע־פונען און געענדערט דעם טאן:

— אז דו ווילסט נישט געהן, דארף מען נישט. אלל־רייט, בלייב דא מיט דיינע לאנדסלייט, רעדט וועגען קוזמין, וועגען אלטען שררה, דעם מלך אביון וואס האט פערמאגט זיעבצעהן מיט א האלבען דאלאר אמעריקאנער געלד. בלייב דא, בלייב דא, אי לייק איט, אז דו זאלסט זיך ענדזשויען — און איז אוועק פון פאטער.

דער אלטער האט נאכגעשריען:

— וואס פאר א פרעה ביזטו געווארען? ווער ביזטו יונגער? דעם אלטען מעלניק'ס א זוהן. האסט א פאטער א שיכור. וואס איז מיט דיר דער יחוס? — האט דער פאטער געזידעלט דעם זוהן.

קוזמין האט נישט געוואגט צו הערען. אנקעל מאזעס איז ארומ־געגאנגען ארום די נייה־מאשינען און בעטראכט די ארבייט. ער איז זעהר ערנסט געווען און פערטראכט. זיין ערנסטקייט האט א שרעק אנגעווארפען אויף די לאנדסלייט און עס האט זיך זיי אפילו ניט פערגלוסט צו פרעהען זיך פון דעם אלטענ'ס זידלערייען. אז ער איז אנגעקומען צו אהרן מעלניק'ס טיש, איז ער געבליבען שטעהן. אריינגעשטעקט די הענד אין די קעשענעס און א מינוט איהם בע־טראכט:

— דו ווערסט איבערלאזען סעם'ען דעם אדרעס. איך וועל צו דיר זונטאג ארויסקומען — האט דער אנקעל געזאגט ווי פאר זיך און איז אוועקגעגאנגען מיט א שמייכעל אין זיך און איז צוגעגאנגען צום פאטער.

— נו, טאטע, יעצט וועסטו שוין געהן מיט מיר? קום דאון־סטערז מיט מיר, טאטע.

— איך וועל ניט געהן — האט דער אלטער נאכאמאל אנגע־הויבען צו שרייען, — וואס פאר א פרעה ביזטו געווארען אין אמע־ריקא. איך האב נישט קיין מורא פאר דיר. נא, זעה דעם פרעה מלך מצרים... ווער ביזטו, ווער?

— אלל־רייט, ווען דו ווילסט שטעהן, שטעה, שטעה... — זאגט ער צו זיך — העי, סעם, נעהם דעם אדרעס פון דעם, ווי רופט מען איהם, גארגעל, איך וועל ארויסגעהן זונטאג זעהן מאשא'ן. אי לייק דהי קיד — זאגט ער פאר זיך ארא בגעהענדיג די טרעפען.

## .9

אהרן מעלניק איז געבליבען זיצען אַ צוטומעלטער און דערשראַקענער. דער אַנקעל וועט ארויסקומען צו איהם זונטאג זעהן מאשאַ'ן. דער אַנקעל צו איהם אין שטוב אריין. דער אַנקעל אַליין — צו איהם אין שטוב זעהן מאשאַ'ן ? !

אהרן מעלניק און זיין ווייב ראָזע האָבען אויסגעפּוצט דעם „פּאַרלאָר“ צום פעטער'ס עמפּפאנג. מען האָט ארויסגעשלעפּט דאָס גרויסע בעט פון פראָנט צימער, אין וועלכען „אַלע“ זיינען געשלאָפען און צוליינט עס אין אַ ווינקעל. דעם טיש פון קיטשען „איבערגעמופּט“ אין „פּאַרלאָר“ אריין, אויסגעשפּרייט מיט דעם פּסח טישטוך. די פאָטאָגראַפיע פון אהרן מיט ראָזען אַלס חתן־כלה אונטער דער חופּה — פון איין זייט, די מחותנים — טאַטע־מאַמע פון ביידע זייטען; צוויי פרומע אידען מיט בערד, און צוויי גוטע אידישע ווייבער מיט שייטלען — שעהנע קוזמינער בעלי־בתים, וועלכע האָבען שוין געפונען זייער רוה אויף דעם קוזמינער גוטען אָרט — אויפגעהאנגען אויף דער צווייטער וואנד. די דרשה מתנות וואָס האָבען זיך נאָך אויפגעהאלטען אין דער פאמיליע: דאָס בשמים־באָקסעל, צוויי קליינע זילבערנע בעכערלאך און אליהו הנביא'ס גלעזערנעם כוס — אויסגעוואשען, אויסגעפּוצט, אַז זיי זאָלען פינקלען און אוועקגעשטעלט אויפ'ן שפּיגעלע. די קינדערלעך אָבגעוואשען, אויסגעצוואָגען די קעפּלעך ווי אויף פּסח צום סדר. יום־טוב'דיג אָנצוטהאָן פאַר אַלע איז אָבער נישט געווען. האָט איינס געהאט אַ פּאָר גאנצע שיך. האָט עס קיין קליידער נישט געהאט. האָט דאָס אַנדערע אַ קליידעל געהאט, האָט עס אָבער קיין גאנצע שיך ניט געהאט. איז געבליבען אַז מען זאָל צוויי „פּערלייקענען“. פּערלייקענען נישט — נור בעהאַלטען, פערשטעקען, אוועקשיקען פון שטוב ארויס דורך דער צייט ווען דער אַנקעל וועט אין שטוב זיין, און מיט די גוטע רעשטלאך פון זייער אָנגעטוכס זאָל מען זיך בענוצען פאַר די אַנדערע קינדער. דער גורל איז אויסגעפאלען אויף ציליען. ציליע האָט געראַד געמוזט די

שטוב פערלאזען און איהרע נייע שיך האבען בעשיכט איהר אינגערע שוועסטערע'ל גאלדעלען. און ציליע האט דוקא געוואלט זיין ווען דער אנקעל וועט קומען. אין איהר פאנטאזיע האט זיך שוין אבגעשפיעגעלט דאס בילד, ווי זי וועט פאר'ן אנקעל פארשפיעלען א „מואוויע“. און דער אנקעל, וועלכער איז אזוי רייך, אז אלע מואוויעס פון גאנץ ניו יארק און אלע אייז־קריעם פארלארס מוזען אודאי בעלאנגען צו איהם, און ווען ער וויל נור, קען ער אריינקומען אין די מואוויעס אדער זיך אוועקזעצען אין אן אייז־קרים פארלאר און עסען פערשיעדענע אייז־קרים, וואס זיין הארץ געלוסט זיך נור, אלע „זאנדעס“ און אלע „שארט קייקס“ (אנדערש האט זיך ציליע ניט געקענט פארשטעלען דעם אנקעל), און ער גיט איהר ארויס אזא קארד, וואס ווי זי קומט נור און ווייזט די קארד, אזוי עפענען זיך אלע טהירען פון די מואוויעס, פון די אייז־קרים פארלארס פאר איהר, און מען גיט איהר אלעס וואס זי ווינשט נור. זי האט זיך געמוזט יעצט פון די גליקליכע פאנטאזיע אבזאגען און בענוגענען זיך נור מיט א בליק דורך א שפארע אין פארלאר אריין, וואו דער אנקעל וועט זיצען (אז מען וועט זי נור לאזען).

אויך ראזע האט זיך דערמאנט אן איהרע יונגע יאהרען. זי האט געוואלט דעם אנקעל געפעלען. זי איז געוועזען שטאלץ אויף איהר קינד מאשא'ן, וואס איהרע א קינד האט אזוי פיעל חן געפונען אין די אויגען פון אנקעל — און וואס דורך איהר וועלען אלע גליקליך ווערען. איהר קינד'ס חן איז געוועזען איהר אייגענער. זי האט אויסגעזוכט פון קאסטען וואס נור זי האט געקענט געפינען, וואס האט זיך איהר געדאכט, אז עס וועט פערשטעלען איהר ארימקייט אין די אויגען פון אנקעל. זי איז געוועזען א בעל־הבית'טע פון דער היים, א בעל־הבית'ישע טאכטער, און אלס אזעלכע האט זי געוואלט ערשיינען פאר'ן אנקעל. זי האט בעפוצט און בעשיינט איהר היים, איהרע קינדער און זיך אליין. שכנים האבען פערשטאנען די וויכטיגקייט פון דעם בעזוך, און האבען געהאלפען מיט אלעס וואס זיי האבען נור געקענט. זיי האבען ראזען ארויסגעבארגט פון זייערע הייזער זייער אייגענע ארימקייט. איינע האט געבארגט א שטיקעל געשניטענע גלאז א חתונה־מתנה, און אוועקגעשטעלט אויפ'ן טיש, אן אנדערע — צ סערווים, א דריטע — א צוויי נייע שטוהלען. ווארים אלע האבען

שוין געהערט פון דעם גרויסען גליק וואָס האָט געטראָפען די מעל־ניקס נעקסט־דאָר, אַז דער אַנקעל האָט זיי געהעכערט גאַנצע פינף דאָלאַר אַ וואָך צוליעב אַ קינד, אַ מיידעל, און דער אַנקעל מאָזעס קומט אַליין זיי בעזוכען, האָבען אַלע געוואָלט מיטהעלפען צו געווינען דאָס גרויסע גליק, דעם אַנקעל מאָזעס גענאַדע. אהרן מעלניק האָט אָנגעקוקט זיין פרוי, זיינע קינדער, זיין היים. ער האָט זיינע אויגען ניט געגלויבט. קיינמאָל נאָך אין אמעריקא האָט ער ניט געזעהן זיין פרוי אַזאַ שעהנע, אַזאַ אויסגעפּוצטע, זיינע קינדער אַזעלכע ריינע און זיין היים אַזאַ רייכע און אנגענעהמע. און ער איז דאַנקבאַר גע־ווען דעם אַנקעל מאָזעס פאַר דעם גליק. ער האָט שוין דעם אַנקעל אַלעס מוחל געווען, מוחל געווען די פערשקלאַפונג און פערשעהמט־הייט. ער האָט נור געזעהן דאָס גוטס וואָס דער אַנקעל האָט איהם געטהאָן. ער האָט איהם געהעכערט גאַנצע פינף דאָלאַר מעהר אַ וואָך. און אַז דער אַנקעל אינטערעסירט זיך מיט זיינע אַ קינד, זיינס אַ קינד האָט געפונען ביי איהם גענאַדע, און דער אַנקעל קומט אַליין צו איהם אין שטוב אריין. ער איז געוואָרען אַ הייסער אַנהענגער פון אַנקעל, ער האָט נור געזעהען אין איהם גוטס — און ער איז איהם ווירקליך דאַנקבאַר געווען פאַר דעם גליק וואָס, ער האָט איהם גע־שאָנקען.

די „משפחה“, דער ברודער בעריל מיט די שוועגעריז, זיינען אויך געקומען דעם אַנקעל עמפּפאַנגען. די שוועגעריז האָט זיך אויס־געפּוצט, ווי זי וואָלט אין טהעאַטער געגאַנגען, אין איהרע קינדערס יום־טוב. נור די מאָדערנע יונגע קליידער האָבען אַזוי קאָמיש אויס־געקוקט אויף איהר. דער העט מיט די גרויסע פעדערען און דאָס טרויעריגע מאַמעדיגע געזיכט! און דער סוט געשניטען קורץ, און די קאָמאַשען מיט די הויכע אויסגעקרימטע אַבסאַצען, וואָס די אידענע איז געגאַנגען אין זיי ווי אויף שטאַלצען. דאָס האָט אַזוי געשמעקט מיט טהעאַטער, אַז עס איז געווען אַ רחמנות צו קוקען אויף דער אי־דענע. אַלע האָבען געהערט פון דעם גרויסען גליק, און אַלע האָבען זיך געוואָלט וואַרימען אין דער זון... מען האָט יעצט שוין גע־חנפ'עט אי אהרן און אי זיין ווייב ראָזען. נור ראָזע און אפילו אהרן זיינען נאָך ניט צופריעדען געווען פון דעם בעזוך וואָס די „משפּחה“ האָט זיי יעצט אָבגעשטאַט. עס האָט זיך זיי געדאַכט, אַז דער אַנקעל

געהערט שוין צו זיי. עס איז זייער אנקעל — און יעצט קומט די „משפחה“ אביסעל לעקען פון דעם צוקער, וואס געהערט זיי.

דער אנקעל האט געלאזט לאנג אויף זיך ווארטען. אזוי ווי ער וואלט זיי ניט געוועגט פערגונען דאס גליק — האט ער עס געלאזט זוייער ווערען... די קינדער האבען דערוויילע די קליידלעך שמוציג געמאכט, און די שבן'טעס זיינען מיעד געווען די אויגען זיך אויסקוקענדיג אויפ'ן אנקעל... איינער האט געפרעגט דעם אנדערען: וואו איז ער? אין די אויגען פון דער משפחה האט זיך שוין בעוויזען דאס פייערעל פון נקמה. און די שוועגעריז דוואשע האט שוין הויך געלאכט, און גערוימט זיך מיט'ן מאן אין אויער:

— אז מ'עהר האט ער ניט בעסערס צו טהאן, ווי נור אהער צו קומען.

און ווי אויף צוזעצעניש די שונאים, איז דער אנקעל דוקא יא געקומען. אריינגעפאלען אין קיטשען מיט סעמ'ען פלוצלונג. אבגעשטעלט זיך אין קיטשען און ניט געוואלט ווייטער געהן, ווי ער וואלט זיי ניט געוואלט פערגינען דאס פערגעניגען, אז ער זאל זעהן די פארלאר, האט ער זיך אוועקגעזעצט אויף דעם ערשטען בעסטען שטוהל אין קיטשען, נישט דעם ראק און נישט דעם העט אויסגעטהאן, נור מיט'ן שטעקען אין האנד האט ער זיך ארומגעקוקט אין קיטשען אויף די לאנדסלייט און די משפחה וואס זיינען אלע געשטאנען פאר איהם מיט שרעק; און געזאגט ווי צו זיך:

— עס איז אלל־רייט דא, מיינע לאנדסלייט וואהנען זיך זעהר שעהן.

ער איז צופריעדען געווען פון זיך, וואס ער גיט זיינע לאנדסלייט צו מאכען א שעהן לעבען, אז זיי זאלען זיך קענען וואהנען אנשטענדיג און אנטהאן זיך אנשטענדיג — איז ער בעסער געווארען. ער האט זיך געטראכט, אז אייגענטליך איז ער א גוטער מענש — און דאס האט איהם געבראכט אין א גוטען הומאר. ער האט אנגעהויבען צו שמייכלען און אויפגעהויבען זיך און געגעבען א טריט אין פארלאר. דער פארלאר איז איהם נאך מעהר געפעלען געווארען, געזעהן די שעהנע שטוהל מיט דעם שעהנעם טיש, וואס איז געווען סערווירט מיט קייק און פרוכטען. ער האט אויסגעשטרעקט די האנד צו די פרוכטען, און אלע זיינען דערפרעהט געווארען וואס דער אנקעל

געהט עסען. נור קיין פרוכטען האָט ער ניט גענומען. ער האָט בעטראַכט די גלאָז און געזאָגט ווי צו זיך:

— קאַט־גלעז, עס איז אָלל־רייט.

ער האָט זיך געהייסען ווייזען די קינדער. אהרן האָט איהם געוויזען די קינדער. ער האָט זיי בעטראַכט.

— און וואו איז מאשא? אי לייק טו סי מאשא!

נור מאשא איז אין ערגעץ ניט געווען צו געפינען. זי האָט זיך ערגעץ פערשמעקט. דער טאַטע, די מאַמע און די גאַנצע משפּחה זיינען אַרומגעלאָפען זי זוכען. מען האָט ניט געוואוסט וואו זי איז. ענדליך האָט מען זי געפונען ביי אַ שכן'טע. דער פאָטער האָט זי געשלעפּט ביי דער האַנד, און דער פעטער בעריל האָט איהר נאָכ־געשריען:

— נאַריש מיידעל, געה אריין! וואָס טהוסטו דאָ? — עס איז דאָך דאָ דער אַנקעל...

— מאשא, דו מאַכסט דאָך מיך אונגליקליך, אויפ'ן לעבען אונ־גליקליך — האָט זיך דער פאָטער געבעטען.

מאשא איז געווען אַנגעטהאָן אין איהר נייע קליידעל, אין אַ נייעם שירצעל, מיט איהרע לאַנגע צוויי שוואַרצע אויפגעצויגענע צעפּ... איהרע בעקלעך האָבען געשלאָגען מיט פייער — זי האָט פערביסען איהרע קליינע יונגע ליפּעלעך מיט איהרע קליינע ווייסע צייהן — אין געברומט:

— אי דאָן וואָנ'ט טו סי הים!

לאַנג האָט זי דער אַנקעל בעטראַכט און געשמייכעלט:

— שי איז דהי גוירל — וואָס האָט מיך גערופען „ביעסט“.

— אַ נאַריש מיידעל, זי ווייסט דען וואָס זי רעדט — האָט דער פעטער בעריל געפּרוווט פערענטפערען.

— נאָטהינג, אי לייק איט. נו, דערפאַר וואָס דו האָסט מיך גערופען „ביעסט“. האָסטו טשאָקאָלאַד. סעם! — האָט דער אַנקעל גערופען סעם'ען.

סעם האָט שטומיג דערלאַנגט אַ פודלע טשאָקאָלאַד דעם אַנקעל. דער אַנקעל האָט עס איהר געגעבען.

— יאַ, דאָס האָסטו פאַר „ביעסט“.

מאשא האָט נישט גענומען.

— נעהם, נעהם, קינד וואס טהוסט דו? — האבען איהר אלע צוגעשריען.

מאשא האט צוגענומען די טשאקאלאד.

— עפען אויף, וועסטו עפעס געפינען.

— עפען אויף, מאשא, עפען אויף — האבען איהר אלע צוגע־שריען.

מאשא האט אויפגעעפענט דעם טשאקאלאד מיט ציטערדיגע הענד. פון די פודלע איז ארויסגעפאלען איינציגע צעהן דאלאר שטי־קער און שמיקלאך דזשולערי.

— די דאלאר שטיקער איז פאר די מא, און די דזשולערי איז פאר דיר — דערפאר וואס דו האסט מיך גערופען „ביעסט“ — האט דער אנקעל געזאגט מיט א שמייכעל.

מאשא האט אויפגעהויבען איהרע פולע שווארצע אויגען, ווי קינ־דיש זיי זיינען נאך געווען — אזוי זאפטיג זיינען זיי שוין געווען. און זי האט זיי רוהען געלאזט אויפ'ן אנקעל מאזעס — א קאקע־טעריי איז געלעגען אין דעם בליק וואס האט פערראטהען די צור־קונפטיגע פרוי, פערהילט איז נאך געווען די קאקעטעריי מיט א הילע פון קינדישער פערשעהמקייט...

דעם אנקעל מאזעס איז דער בליק געפעלען. ער האט אין זיך געשמייכעלט.

— דאנק דעם אנקעל!

— גיב א קוש אין האנד! — האבען איהר אלע נאכגעשריען.

מאשא האט זיך פערלארען. זי האט געוואלט טהאן וואס אלע האבען איהר געהייסען. דער אנקעל האט זיך אבער ניט געלאזט קושען אין האנד. דער אנקעל האט זי ארומגענומעןביים קאפ און איהר געקושט אין די האהר. אלע זיינען גליקליך געווען, אין פיעלע אויגען האבען געגלענצט טרעהרען — און טאטע־מאמע זיינען געווען אויפ'ן זיעבעטען הימעל.

— איך קען אויך, איך קען אויך — איז פלוצלונג ציליע גע־נעבען א פאל אריין אין מיטען דער חתונה א האלב נאקעטע און ניט א אבגעוואשענע. דאס קינד האט צוגעקוקט די סצענע דורך די קיטשען און איז געווארען אייפערזיכטיג און האט זיך ניט געקענט איינ־האלטען.

— גאָט מיינער! — האָט זי די מוטער געכאַפּט און געוואָלט זי פערשטעקען.

אָבער דער אַנקעל מאַזעס האָט זי שוין בעמערקט.

—ווער איז דאָס?

— גאָר ניט, אַ קינד — האָט זיך אהרן פערענטפערט.

— און וואָס קענסטו? — האָט דער אַנקעל געפרעגט.

— מואוויעס שפּיעלען, — האָט ציליע ארויסגעוואונקען מיט איהרע אויגעלאך און שמוציג פּנים'על, אונטער דער מוטער'ס יום־טוב'דיגער קלייד.

— מואוויעס שפּיעלען — דאָס איז שעהן, קאַם־אָן, קאַם־אָן — יאָ, דאָ האָסטו...

אָבער די מוטער האָט שוין געהאַט פערשטעקט די אָרימקייט אין אַ ווינקעל, נור די „אָרימקייט“ האָט פון דאָרט ארויסגעוויינט...

---

10.

## קוזמינער לאַנדסלייט.

אַנקעל מאַזעס' שאַפּ איז געוועזן אונמעגליך צו אָרגאַניזירען אין אַ יוניאָן שאַפּ. וויפיעל די אידישע ארבייטער אָרגאַניזאַטארען האָבען נישט געפּרואווט צו יוניאָניזירען די לאַנדסלייט פון אַנקעל מאַזעס שאַפּ, האָבען זיי זיך שטענדיג אַנגעשלאָגען ווי אין אַן אייזערנע וואַנד. די אורזאַכע דערפון איז געווען, וואָס די בעציהונגען צווישען אַנקעל מאַזעס און זיינע לאַנדסלייט איז ניט געווען קיין ביזנעס בעציהונג, נור אַ משפּחה בעציהונג. אַנקעל מאַזעס איז געווען פאַר די קוזמינער לאַנדסלייט ווי אַ הויפּט פון אַ משפּחה, ווי אַ רעגיערער פון אַ קליין קעניגרייך. די קוזמינער לאַנדסלייט זיינען שטאָלץ געווען מיט אַנקעל מאַזעס פערמעגענס. אַז זיי זיינען דורכגעגאַנגען דורך אַ הויז, וואָס האָט געהערט צום אַנקעל מאַזעס, האָבען זיי זיך דערמיט געגרויסט, ווי עס וואָלט געווען זייער הויז. אַנקעל מאַזעס האָט זיך אריינגעמישט אין זייערע פאַמיליען־אַנגעלעגענהייטען. זיי האָבען זיך געלאַדענט פאַר איהם, און אַנקעל מאַזעס האָט ארויסגע־

געבען געריכט־שפּרוכען איבער זיי ווי א פּארצייטיגער פּאטריארך איבער זיינע משפּחה־אנגעהעריגע. זיי זיינען געווען געטריי אנקעל מאזעס, און טאמער האט ווער געפּרואווט זיין אונצופריעדען און דערמאנען א ווארט עפּעס וועגען א יוניאן, האבען עם די לאנדסלייט באלד איבערגעגעבען אנקעל מאזעס. דער אנקעל מאזעס איז ארויפּ־געקומען אין שאפּ אריין, אויסגעזוכט דעם „רעוואלוציאנער", אבגע־שטעלט זיך נעבען איהם און צום ערשטען איהם לאנג און גענוי בע־טראכט, אזוי, אז עס איז פון יענעם דאס חיות ארויס.

— סעם, ווי האט מען איהם גערופען אין דער היים? — פרעגט ער זיין גובערנאטאר, ווייזענדיג אויפ'ן „רעוואלוציאנער", וואס האט א יוניאן.

— משה גרוים — ענטפערט סעם אב קורץ

— אזוי, דאס ביזטו משה גרוים. דאס ווילסטו האבען א יוניע בײ מיר. נישט בײ מיר, גוטער ברודער. בײ מיר ארבייט מען נישט שבת, נישט יום־טוב. בײ מיר איז נישט קיין שאפּ, וואס מען זאל דא ארייגלאזען יוניע לייט. בײ מיר זיינען לאנדסלייט, משפּחה. וואלט בײ מיר געווען ארבייטער און א שאפּ, וואלט מען בײ מיר געווען גע־ארבייט אין שבת און אין יום־טוב, אפילו אין ראש השנה און יום־כפּור, ווי אין יעדען יוניע שאפּ. איך בעדארף דאס ניט, ווייזט ער אויף זיין שאפּ. איך לייג געלד צו דערצו. איך האלט נור דאס אויף צוליעב אייך, אז מיינע לאנדסלייט זאלען קענען מאכען א לעבען. וואס וואלט איהר געטהאן אהן מיר? ווער האט אייך געבראכט אין אמעריקא? צו וועמען זייט איהר געקומען נאך א שיפס־קארטע, נאך געלד, אז איהר האט בעדארפט אייערע משפּחות אהער ברענגען? צו וועמען קומט איהר, אז איהר האט טראבעל? אז ס'ווערט ווער פון אייך חלילה קראנק? — האט אנקעל מאזעס זיך צושריען הויך אויפ'ן קול, אז די לאנדסלייט האבען געציטערט — צו וועמען קומט איהר? אלעס צום אנקעל מאזעס, הע? איז עס אזוי? און דער וויל בײ מיר איינפיהרען א יוניע. ניט בײ מיר, ברודער! קיינער וועט מיך ניט נויטען, אז מען זאל בײ מיר ארבייטען אין שבת, אין יום־טוב. בײ מיר זיינען קיין ארבייטער ניט. בײ מיר זיינען לאנדס־לייט. מיין משפּחה מאכט בײ מיר א לעבען, און איך ארבייט אזוי

שוועֶר ווי איהר. איהר זעהט עס אליין. און פאַר וועמען? פאַר מיר בעדאַרף איך עס ניט! אלעס נור פאַר אייך. איך וועל צושליסען מיין שאפּ און זוכט אייך ערגעץ ענדערש וואו ארבייט. אז איהר וועט בעדאַרפען א פאַר דאלאַר, וועל איך אייך סיי ווי סיי געבען. האַט ניט קיין מורא, נור מעהר צו טהאָן מיט דעם וויל איך נישט.

— וואָס רעדט דער אַנקעל? וואָס רעדט דער אַנקעל זיך איין, וואָס א ליאַדע יונג זאָגט דאָרט? — הויבען זיך אָן די לאַנדס־לייט בעטען ביים אַנקעל מאַזעס.

— צוליעב איהם זאָלען מיר אלע ליידען? — צוקאַכט זיך אהרן־משה, דעם אַנקעל'ס א משפחה. — אין דער היים איז ער געווען א דאַרפס־געהער, געוועהנט געווען מיט'ן ווינד און וועטער און דאָ איז ער א פּרעסער. לאָזט מיך נאָר צו צו איהם, וועל איך איהם דער־לאַנגען א יוניע — שרייט דער איד מיט דער האַנד אויסגעשטרעקט.

— ש־ש־שטעה. ביי מיר שלאָגט מען נישט — האַלט איהם דער אַנקעל מאַזעס איין. — נור וועמען עס געפעלט ניט ביי מיר, דער קען זיך שאַפען ערגעץ אַנדערש וואו בעסער. סעם, זעה וואָס קומט איהם און בעצאָהל ביז איין גראָשען. און נאַ, דאָס האָסטו דאָ נאָך א פּאַר דאלאַר מיט אויפ'ן וועג.

אַנקעל מאַזעס גוטסקייט האָט אלעמען גערירט. אַנקעל מאַזעס האָט געפאַנגען די הערצער פון די קוזמינער לאַנדסלייט מיט די פּרייע האַנד זיינע. ער האָט קיינמאָל קיין לאַנדסלייט ניט אָבגעזאָגט. און דער „רעוואָלוציאָנער" אליין איז גערירט געווען פון אַנקעל מאַזעס' רייד, און פון זיינע פּאַר דאלאַר, און האָט חרטה געהאַט אויף זיינע ווערטער.

— בעט איבער דעם אַנקעל מאַזעס. די מינוט בעט איבער דעם אַנקעל מאַזעס — האָבען די קוזמינער לאַנדסלייט געשריען.

— קושען אין האַנד לאָז ער. קוש דעם אַנקעל מאַזעס אין דער האַנד — האָט אהרן־משה, דער דאַרפס־געהער און דאָ דער פּרעס־סער, געשריען אויף דעם „רעוואָלוציאָנער".

דער סוף איז געווען, אז אַנקעל מאַזעס האָט זיך ניט געלאָזט קושען אין דער האַנד. דעם לאַנדסמאַן האָט ער ניט אָבגעזאָגט פון דער ארבייט. דאָן, פאַר זיין נאַרישקייט, האָט מען איהם א צונאָמען געגעבען „דער יוניע מאַן".

דאָס הייסט אָבער ניט, אז מען האָט ביים אָנקעל מאָזעס ניט געארבייט אין שבת. פערקעהרט, שבת איז אין סטאָר ביים אָנקעל מאָזעס געווען דער מעהרסט פערנומענער טאָג. די פרומע לאַנדס־לייט האָבען דעם טאָג טאַקע פערבראַכט אין די קאָנגרעגיישאָן, אין דער היים מיט זייער משפחה. די ניט־פרומע לאַנדסלייט, דעם יונגען עלעמענט, האָט אָנקעל מאָזעס איינגעלאַדען שבת, אַז זיי זאָלען קומען אין סטאָר אריין העלפען פערקויפען אָדער צופיקסען, ווען מען דאַרף צופּאַסען עפּעס אַ קאַסטומער. שבת איז געווען דער טאָג וואָס מען האָט אַם מייסטען געלייזט. און די לאַנדסלייט, דערפאַר וואָס זיי האָבען ניט גענומען בעצאָהלט פאַר זייער ארבייט, האָבען זיי די קליינינקייטען ניט געהאַלטען פאַר אַן ארבייט, נור פאַר אַ געטריי־שאַפט צום אָנקעל. דערפאַר אָבער שבת ביינאַכט פלעגען זיך די על־טערע לאַנדסלייט צונויפקומען ביי איינעם פון דער משפחה און פער־ברענגען דעם אבענד מיט עראינערונגען וועגען קוזמין. מען האָט געשיקט נאָך קענליך ביער און מען האָט זיך אמוזירט מיט אַלט־קוזמין.

מעהרסטען פון די קוזמינער לאַנדסלייט זיינען דאָך געווען מענ־שען, וואָס האָבען זיך ערצויגען אויף דער פרייער נאַטור. קוזמין אַליין איז געלעגען ביים ברעג פון דער ווייכסעל און איינגעטונקט צווי־שען פלוימען־בוימער און גרינסען. און אַז עס איז געקומען פסח־צייט, האָבען זיך שוין געטראָגען אין דער קוזמינער לופט די לייכטע ווינ־טעלעך, וואָס האָבען געבלאָזען פון די פרייע פעלדער און האָבען יעדעס הארץ יונג געמאַכט. עס זיינען דאָך געווען צווישען די קוז־מינער לאַנדסלייט אַזעלכע אידען, וואָס האָבען העלפט פון זייער לעבען פערבראַכט אין סעדער; פּישערס וואָס זיינען געשוואומען איבער טייכען און סטאַווען, ווינטער אויפגעהאַקט דאָס אייז פון גע־פרוירענע יעזשערעס. אידען שוויינערס, וואָס האָבען אין דער היים געהאַט צו טהאָן מיט מעלקען קיה, מיט מילך, מיט גרינסען, מיט אויבסט, און דאַ זיינען זיי אַלע געווען אָבגעשניטען פון דער נאַטור, פערבראַכט זייערע טעג אין אַ פערשטויבטען שאַפּ. צי די זון האָט געשיינט, צי אַ רעגען האָט געגאָסען, האָבען זיי גאַרניט מעהר געזעהן נור די פאַרביילויפענדע באַהן. זעהר זעלטען האָט איינער פון די לאַנדסלייט די מעגליכקייט געהאַט דאָס הימעל צו זעהן בייטאָג. און

האָט אַ קוזמינער פּלוצים אין אַ ווינטער־אָבענד יענטדעקט די לבנה, וואָס האָט דורך אַ שפּאַרע הימעל אַריינגעקוקט אויף אַ מינוט אין עפּעס סטריט, איז עס ביי איהם געווען אַזאַ חידוש, ווי אַ נייער לאַנדסמאַן וואָלט פון קוזמין אַריבערגעקומען... האָט זיך די קוזמינער געבענקט נישט ווייסענדיג אַליין נאָך וואָס זיי בענקען. זיי האָבען געבענקט נאָך דעם קוזמינער הימעל, נאָך דער לבנה, נאָך פעלדער און נאָך די קוזמינער סעדער, און ווען זיי זיינען זיך צונויפגעקומען, האָט מען גענומען קוזמין אויפ'ן טיש אַרויף. ווארים קיין אַנדער לעבען האָבען זיי ניט געהאַט, נור דאָס לעבען וואָס זיי האָבען הינטער זיך איבערגעלאָזט אין דער אַלטער היים.

אַנקעל מאַזעס איז געווען אַ קוזמינער לאַנדסמאַן. און כאָטש ער איז געווען זייער באָס, זייער הערשער, זייער געוועלטיגער, איז ער געווען דער זעלבער לאַנדסמאַן וואָס זיי. זיין לעבען איז ניט אַנדערש געווען פון זייערס. זיין קינדהייט און זיין יוגענד און זיינע שענסטע טעג האָט ער פערבראַכט אין קוזמין. זיינע שענסטע ער־אינערונגען זיינען פון דעם קליינעם שטעדטעל, און פלעגט מען איהם דערמאָנען אָן קוזמין, אָן אַ מענשען, וועלכען ער האָט געקענט אין זיין יוגענד, אָדער אָן אַן אָרט און פּלאַץ אויף וועלכען ער פלעגט זיך שפּיעלען מיט די קצבים־יונגען — האָט עס איהם אַזוי גערירט, אַז עס האָבען זיך באַלד בעוויזען טרערען אין זיינע אויגען. ער פלעגט אָפטמאָל אַריינפאַלען צו די קוזמינער, ווען זיי האָבען פער־בראַכט שבת אין אָבענד ביי אַ לאַנדסמאַן און צוהערען זיך צו די קוזמינער מעשיות. נאָר ווען דער אַנקעל מאַזעס פלעגט זיך בעווייזען, זיינען די קוזמינער פערשטומט געוואָרען, מורא געהאַט אַ וואָרט אויסצורעדען און האָבען געהאַלטען אין איין חנפ'ענען און מכבד זיין דעם אַנקעל און צוהערען זיך צו איהם. ער האָט געפיהלט, אַז ער האָט פערטריבען די פרעהליכקייט פון זיי מיט זיין אַריינ־קומען. האָט ער זיי פערלאָזט.

וואָס עלטער אַנקעל מאַזעס איז געוואָרען, אַלץ מעהר האָט ער אָנגעהויבען צו בענקען נאָך קוזמין. עס האָט זיך איהם געדאַכט, אַז ער איז נאָך אַ בחור, אַ יונגער מאַן, און האַלט נאָך ביי אַ שידוך טהאָן. ער איז אַוועקגעפאָהרען אין דער פרעמד זיך אַרויפאַרבייטען און געלד מאַכען און יעצט וועט ער אַהיים פאָהרען נאָך קוזמין אַ ריי־

בער בחור און וועט חתונה האבען מיט א פיין קוזמינער מיידעל. ארויסנעהמען א קינד פון א בעל־הבתיש הויז און חתונה האבען... זיין לעבען אין אמעריקא איז ביי איהם נישט געוועזן פערדעכענט. ער האט דא ניט חתונה געהאט, ניט געפיהרט קיין בעל־הבתישקייט. דא האט ער זיך ארויפגעארבייט און געלד פערדיענט. און יעצט ערשט בעדארף ער חתונה האבען און פיהרען אן אנשטענדיג בעל־הבתיש לעבען ווי עס פאסט פאר א מאן ווי ער איז, פאר׳ן אנקעל מאזעס. די יאהרען זיינען אבער געלאפען און ער איז געווען פער־נומען איז ביזנעס און פערגעסען זיך, און ווען ער האט ערוואכט, און איז שוין בערייט געווען אנצוהויבען דאס נייע לעבען, האט ער איינגעזעהן, אז צוריקפאהרען נאך קוזמין איז ער שוין צו אלט...

מאשא האט צוריק בעלעבט זיינע האפנונגען. אנקעל מאזעס האט דערפיהלט די עלטער און האט מורא געהאט חתונה צו האבען מיט א ווילד פרעמדע... פערלאזט האט ער זיך קיינמאל נישט אין זיין לעבען אויף א צווייטען. צו קיינעם האט ער קיין צוטרויען ניט געהאט, נור צו זיך אליין — און יעצט אויף דער עלטער, ווען ער האט בעדארפט ליעבע אן געטריישאפט — זיך פערלאזען אויף א פרעמדע, האט ער מורא געהאט — דאך דאס יונגע, קוים רייפע מיי־דעל, וועלכעס האט איהם אזוי שטאלץ געקוקט אין די אויגען אריין און געזידעלט איהם „ביעסט", האט ביי איהם ערוועקט א געפיהל פון אכטונג צו א צווייטער פערזענליכקייט, און דאס געפיהל פון אכטונג האט אנקעל מאזעס ניט געהאט צו קיינעם פון זיינע לאנדסלייט, וואס זיינען געווען מיט איהם א גאנצען טאג צוזאמען.

דערנאך האט ער געהאלטען מאשא׳ן פאר ס׳זייניגע, פאר עפעס אזעלכעס, וואס בעלאנגט צו איהם, א טאכטער פון זיינס א משפחה, וואס ארבייט ביי איהם, וואס מאכט א לעבען פון איהם — און וואס זיין גורל איז אבהענגיג פון איהם. און אלע וואס מאכען ביי איהם א לעבען, האט אנקעל מאזעס געהאלטען, בעלאנגען צו איהם, זיי מיט זייערע פרויען און זייערע קינדער. מאשא איז אויסגעוואקסען פאר איהם, ער בעדארף נור זעהן, אז אנשטאט פיינט האבען, זאל זי פער־געטערען דעם אנקעל מאזעס. און פערגעטערען וועט זי איהם ווען ער וועט איהר גוטס טהאן.

מאשא איז זעהר דערהויבען געווארען מיט אמאל אין דער היים,

צייט מען איז געוואהר געוואָרען, אַז דער אַנקעל האָט צוליעב איהר געהעבערט דעם פאָטער'ס וויידזשעס אויף גאַנצע פינף דאָלאר אַ וואָך. די טאטע־מאמע האָבען פאַר איהר אָנגעהויבען דרך־ארץ צו קריגען, ווי עס וואָלט אויף איהר געפאַלען אַ שטראַהל פון די גרויסקייט און שטאַרקייט וואָס בעקליידט ווי אַ זון דעם אַנקעל מאָזעס אין די אויגען פון די לאַנדסלייט... מאשא איז געוואָרען אין די אויגען פון דער משפחה ווי אַ וואונדער־קינד, וואָס בעצויבערט. מען האָט זי שוין ניט געלאָזט ארבייטען אזוי שווער, און די מאמא האָט שוין מורא געהאַט צו שרייען אויף איהר. זי איז עפּעס געוואָרען מיט אַמאָל ווי אַ יום־טוב קינד. מאשא האָט ניט פערשטאַנען וואָס ס'איז גע־שעהן.

---

## 11.

## אסתר און אחשורוש.

מאשא האָט זיך ערצויגען אונטער די זוניגע שטראַהלען פון אַנקעל מאָזעס'עס גנאדע. דורך איהר, איז אויך איהר פאָטער, מוטער, איהר גאַנצע משפחה ערהויבען געוואָרען. ווארים מאשא איז גע־וואָרען דאָס ווינש־פינגערעל דורך וועלכען מען קומט אָן צו אַנקעל מאָזעס'עס הארץ.

עס איז עפּעס געלעגען אין דער קליינער מיידעל וואָס האָט דעם אַנקעל מאָזעס געמאַכט פערגעסען אָן אַלע זיינע ביזנעס און קאָפּ־דרעהעגישען און געבראַכט איהם צו קלעהרען נור וועגען זיך. און דערפאַר האָט אַנקעל מאָזעס אזוי געצויגען צו דעם קינד. ער פלעגט ליגען ביינאַכט און ניט קענען שלאָפען. אין קאָפּ האָבען זיך איהם געפּלאָנטערט געשעפטען, קאָנקורענטען, בעלי־חובות. ער האָט זיך פאַרגעוואָרפען: צו וואָס? פאַר וועמען? וואָס פערברענג איך מיין גאַנץ לעבען מיט זיי? קוים אָבער איז איהם געקומען מאשא אין זינען אריין, איז איהם ליכטיגער געוואָרען אין די אויגען. ער האָט זיך געזעהן אַ יונגער מאַן מיט לעבען, מיט אַ ווילען. ער האָט זיך געזעהן ביי זיך אין דער היים, ביי אַ געדעקטען טיש, געבען איהם

זיצט די, וואס האט איהם ליעב, וואס לעבט מיט איהם און קלעהרט וועגען איהם.

ער האט שוין ניט געוואלט, אז זי זאל זיין זיין קינד. נייך... דעם פאטער האט ער אנגעהויבען גוטס צו טהאן צוליעב איהר. גע־העכערט איהם די ווירדזשעס און אראבגענומען פון דעם שאפ און אוועקגעשטעלט איהם אלס קעשיער. צו מאשא'ן האט ער געשיקט א מוזיק־לעהרער זי לערנען פיאנא שפיעלען, געשיקט איהר מתנות און פלעגט יעדען שבת און זונטאג ארויסקומען זי זעהן.

די ערשטע זאך האט ער געמאכט, אז דער פאטער איהרער זאל זיך איבערציהען אין א גרעסערע וואהנונג און מאשא זאל זיך לערנען און פיעל געהן שפאצירען. שבת און זונטאג איז ער ארויס־געקומען צו אהרן מעלניק אויף בעזוך. צו דער פערוואונדערונג פון אלע זיינע מענשען, האט מען בעמערקט, ווי אנקעל מאזעס האט זיך אנגעהויבען די לעצטע צייט צו פוטצען. וואס ערוואקסענער און רייפער מאשא איז געווארען, אלץ מעהר האט אנגעהויבען אנקעל מא־זעס די האהר זיך צו פארבען, זארגזאם שטענדיג צו זיין ראזירט, יאנגמען צו קליידען זיך און פון פערפיומען צו שמעקען, אזעלכע זאכען וואס קיינער האט ביז איצט ניט בעמערקט אין אנקעל מאזעס. און דאס פייניגען זיך פון אנקעל מאזעס צוריק יונג צו ווערען, האט ביי אלעמען ארויסגערופען א רחמנות און א מיטלייד צו איהם. הינטער זיין רוקען האט מען שוין אנגעהויבען צו לאכען אויס איהם און ווערטלעך צו זאגען איבער איהם, א זאך וואס איז קיינמאל ניט גע־שעהן. אבער אין אנקעל מאזעס' געגענווארט האט מען דרך־ארץ גע־האט און גאר זיך ניט געמאכט זעהען און בעמערקען.

אנקעל מאזעס האט אבער אויף גאר ניט געקוקט. ער האט אנ־געהויבען צו לעבען ווי אין א פאנטאזיע, ווי אין א צווייטער וועלט. עס איז געווען, ווי אנקעל מאזעס האט געלעבט א פערקעהרטעס לעבען. אין זיין יוגענד האט ער זיך אבגעגעבען בלויז מיט ביזנעס און זיין הארץ איז געווען טויט, ווי דאס הארץ פון אן אלטען מאן. און אויף זיינע אלטע טעג איז אנקעל מאזעס יונג געווארען און האט אנגעהויבען צו לעבען צוריק זיין יוגענד וואס ער האט פערלאזען. אנקעל מאזעס האט שוין ניט געלעבט מיט זיינע געשעפטען, ניט מיט

אויסבראקירטע סחורות, מיט פערלעגענעם סטאק. ער האט געלעבט מיט א יונג מיידעל, וואס האלט אין וואקסען און ענטוויקלען זיך פון א קינד צו א פרוי. יעדע ענדערונג וואס איז פארגעקומען אין מאשא'ן האט ער בעמערקט... און אז ער האט זי געזעהן פון אייז שבת צום אנדערען, האט ער זי גוט בעטראכט, און איינגערעדט זיך, אז איהרע האהר זיינען דורך די וואך געדיכטער געווארען, איהרע צייהן שארפער און שטארקער. ער האט זיך געפרעהט מיט די ענט־וויקלונג פון איהר פיגור, מיט דעם וואוקס פון איהר הויך, מיט די פילונג פון איהר קערפער. יעדען שבת האט ער אין איהר נייעס בע־מערקט, האט ענטדעקט אין איהר א נייעם רייץ וואס ענטוויקעלט זיך.

ער איז בעסער געווארען צו זיינע מענשען. זיינע אויגען זיי־נען קלעהרער געווארען און ארויסגעהויבען זיך פון דעם בעפא־לענעם פעטס פון זיין פנים. ער האט געשמייכעלט, און טאמער האט ווער ניט געטהאן זיין פליכט, אזוי ווי עס בעדארפט זיין, האט ער אנשטאט בייזערען זיך, געשמייכעלט. קיינער האט ניט פערשטאנען די ענדערונג וואס איז געווארען אין איהם. כאטש אלע האבען גע־פיהלט און געוואוסט, אז די אורזאך דערפון איז מאשא, און זיי האבען אויסגענוצט מאשא'ן פאר זייער טובה ווענען. אזוי ווי אמאל האבען די אידען בענוצט אסתר'ן אויסצובעטען טובות פאר זיי ביי אחשורוש'ן, האבען די קוזמינער לאנדסלייט אויסגענוצט מאשא'ן פאר אנקעל מאזעס. האט א לאנדסמאן געדארפט האבען א שיפס־קארטע פאר זיין משפחה, האט מען געשיקט מאשא'ן צום אנקעל בע־טען. האט ווער בעדארפט א טאכטער חתונה צו מאכען, גאלדענע צייהן אין מויל זיך ארייננשטעלען, אן אפערייישאן צו מאכען — פאר אלסדינג האט מען געשיקט מאשא'ן צום אנקעל בעטען. מאשא'ן האט דער אנקעל קיינמאל ניט אבגעזאגט. קוים האט זי זיך געווי־זען פאר איהם, זיינען זיינע אויגען קלעהרער געווארען, דאס פעטס פון זיין פנים האט זיך בעהאלטען און איז צוריקגעגאנגען אויף זיין ארט, און זיין גאנץ אויסזעהן האט דענסמאל געקראגען א מענ־שליכעם געשטאלט און מען האט פערשטאנען דאס פנים זיינס, וואס איז אן אנדערס מאל געווען אונפערשטענדליך... ווי אלץ האט מאשא גע'פועל'ט ביי איהם, אזוי ווי אסתר ביי אחשורוש'ן, האבען איהר

טאקע די קוזמינער לאנדסלייט א נאָמען געגעבען אסתר; אָנקעל מאָזעס — אחשורוש און אהרן מעלניק — מרדכי היהודי.

און לכבוד די „צוויי טויטע“, וועלכע האָבען זיך געקליבען אויף יענער וועלט, איז זיך צוזאמענגעקומען גאנץ קוזמין, בעגלייטען זיי צו דער לעבעדיגער לויה. פעטער בעריל האָט ניט געהאַט וואָס מעהר צו טהאָן אויף דער וועלט. פון וואנען צו לעבען אויך ניט. ער האָט פערלאָרען זיינע „באָרדערס“ — די קינדער זיינע. זיי האָבען חתונה געהאַט. איינציגווייז זיינען זיי גרויס געוואָרען און געקראָגען חתנים, און חתונה געהאַט. טשאַרלי, דער באַי, איז אויך דערוואַקסען גע־וואָרען און האָט זיך ניט מעהר גענויטיגט אין די שוועסטער'ס הילף. זומער האָט ער געוואַשען עפּעס אין א זומער האָטעל און פערדיענט זיך אויף'ן ווינטער; און ווינטער האָט ער געהאָלפען א צייטונגס־סטענד פּאַרטאָג צו פערטהיילען די צייטונגען צו די קאַסטומערס. פון דעם האָט ער זיך פערדיענט פאַר זיך צו לעבען און צו בעצאָהלען פאַר'ן קאָלעדזש, וואו ער האָט זיך שוין געלערענט אַלס לאָיער. די מור־טער'ס הילף האָט ער שוין ניט געדאַרפט. די אינגערע טאָכטער, די העט דרעסעריו, האָט אויך געקראָגען א באַי — און מיט אַמאָל האָבען זיך טאַטע־מאַמע ארומגעקוקט און דערזעהן, אַז זייערע קינ־דער'ס גליק איז פאַר זיי געווען אַן אונגליק... זיי זיינען געבליבען אָהן קינדער, אָהן „באָרדערס“ — און עס איז ניטאָ ווער עס זאָל דאָס הויז אויסהאַלטען. די מאַמא האָט געקענט קריגען „ארבייט“ — איהר האָט געוואָלט צונעהמען די עלטערע טאָכטער, אָבער דעם פאָטער האָט קיינער ניט געוואָלט „צונעהמען“. און עס איז ניט געווען וואו איהם אהינצוטהאָן. צו ארבייטען איז ער שוין שוואַך געווען; אויס־צוהאַלטען איהם — האָט איין קינד אָבגעלייגט אויף'ן אַנדערען. און איבעריגענס האָט פעטער בעריל ניט געוואָלט בלייבען אין אַמעריקא. ער האָט גע'טענה'ט, אַז שטאַרבען וויל ער דוקא אין קוזמין, און רוהען וויל ער דוקא אויפ'ן קוזמינער גוטען אָרט. האָט מאַשאַ גע'פּועל'ט ביים אָנקעל מאָזעס, אַז ער זאָל געבען דעם פעטער געלד — אהיים צו פאָהרען „שטאַרבען“...

לכבוד די „צוויי טויטע“ זיינען זיך אַלע קוזמינער לאנדסלייט צונויפגעקומען, א נאַכט בעפאָר די שיף געהט אָב, צום פעטער בעריל זעגענען זיך מיט „די טויטע“. די „צוויי טויטע“, דער אַלטער מעל־

ניק און דער פעטער בעריל, זיינע געזעסען פון אויבען־אן טיש און געטרונקען „לחיים“ צו די לאַנדסלייט, און די משפּחה, די טעכטער מיט די איידימס מיט די אייניקלעך, האָבען זיך מיט זיי געזעגענט. זיי האָבען געוויינט, ווי מען בעוויינט טויטע. די לאַנדסלייט האָבען מחילה געבעטען ביי זיי.

— וואָס איז דער חילוק? אַלע וועלען מיר אהיים פאָהרען. אַלע וועלען מיר פאָהרען וואוהין זיי פאָהרען! — האָט זיך אַנגערופען אַ לאַנדסמאַן, אַן אַלטער איד, וואָס האָט זיך אויך פערבענקט נאָך'ן קוזמינער גוטען אָרט.

— ר' בעריל, גריסט זיי דאָרטען.

— אַז איהר וועט זעהן דאָרטען „מיינע“, ר' מרדכי, גריסט זיי...

— איהר זאָלט זיך מיהען פאַר אונז — האָט אַ אידענע אָנגע־הויבען צו וויינען.

נאָך די „טויטע“ אליין זיינען זעהר פרעהליך געווען. זיי האָבען גאָרניט געפיהלט, אַז זיי פאָהרען שטאַרבען. פעטער בעריל'ס אויגען האָבען געלויכטען און ער האָט זיך אויסגעקעמט די באָרד. עס האָט זיך געדאַכט ווי דער איד קומט צו צו דעם גליק, אויף וועלכען ער האָט געוואַרט זיין גאַנץ לעבען, אַז יעצט געהט ער אָבנעהמען דעם שכר פאַר זיין גאַנצע האָרעוואַניע. און אַ רוהיגקייט און אַ שטילע פרעהליכקייט האָט אַרויסגעזונגען פון אַלע זיינע בעוועגונגען.

דער אַלטער מעלניק איז אויך פרעהליך געווען און מיט יעדען געטרונקען ל׳חיים און ווערטלעך גערעדט:

— אַז איך וועל זעהן דיין טאַטען, דעם אַלטען חיים אויף יענער וועלט, וועט ער דאָך מיך פרעגען: וואָס מאַכט עפּעס מיין זוהן אין אַמעריקאַ? וועל איך איהם ענטפערען: דיין זוהן פרעסט טרפות און איז מחלל שבת, דורך דעם וואַרפט עם דיך אַזוי פון דער ערד אַרויס — וועט ער קומען צו דיר און וועט דיר צודישען ביינאַכט. וועסט דאָך אַ שוואַרץ יאָהר זיך אויסריכטען — אוי, וועסטו זיך אַ שוואַרץ יאָהר אויסריכטען!

האָבען אַלע לאַנדסלייט זיך צולאַכט פון'ם „טויטען“, וועלכער זאָגט ווערטלעך.

ביי דער שיף האט עס אויסגעזעהן ווי אן אמת'ע לויה. די קינ־דער האבען געוויינט, געפאלען דעם פאטער אויפ'ן האלז און גע־בעטען מחילה:

— טאטע, זיי אונז מוחל, טאמער האבען מיר דיך ניט בע־האנדעלט ריכטיג.

— טאטע, מיר וועלען דיך קיינמאל ניט פערגעסען. אזוי לאנג ווי דו וועסט לעבען, וועלען מיר דיר געלד שיקען.

— לאנג וועל איך שוין ניט בעדארפען אייער געלד — האט דער פעטער בעריל רוהיג און גוטמוטהיג געשמייכעלט — בלייבט געזונד, מיינע קינדער, און געדענקט אין גאט.

און ער האט אוועקגערופען טשארלי'ן, זיין בן־יחיד, אין א ווינקעל, און געזאגט צו איהם אזוי:

— איין זאך פערלאנג איך נאר פון דיר. מילא, איך האב אנ־דערש געוואלט — איך קען ניט העלפען. אבער דאס זאג מיר צו, גיב דיין האנד תקיעת כף דערויף, אז דו וועסט עס האלטען: אז ווען דו וועסט הערען, אז עס איז שוין נאך אלעמען, וועסטו דעם קדיש אבהיטען. זאג מיר צו, מיין זוהן...

אלע לאנדסלייט זיינען געשטאנען און האבען צוגעזעהען די סצענע, אלע האבען געוואוסט וואס דער פאטער פערלאנגט יעצט פון זיין קינד, און אלע האבען זיך דערמאנט אן זייערע אייגענע קינדער. ווי ווייט און פרעמד זייערע קינדער זיינען פון זיי אין אמעריקא. די לאנדסלייט האבען אנגעהויבען צו קרעכצען. דא און דארט האט ווער א טרעהר געווישט און איינער האט געברומט דעם צווייטען אין אויער אריין:

— און מיינער איז בעסער? און דיינער איז בעסער?

טשארלי, וועלכער איז דורך די פאר יאהר אויסגעוואקסען א הויכער און א דארער בחור, מיט א פאר שטארקע הענד, מיט א שטארקע ביינערדיגע ברוסט, איז געשטאנען א פערשטיינערטער. ער האט פערשטאנען, אז דער פאטער פערלאנגט פון איהם עפעס הייליגעס און טהייערעס. ער האט רחמנות געהאט אויף איהם און צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ. אבער ער האט קיין ווארט ניט גערעדט. ער האט דעם פאטער גאר ניט געקענט זאגען. ווארים ווירקליך איז איהם דער פאטער געווען א פרעמדער. די מוטער האט ער

געליעבט, ווייל די מוטער האט זיך פאר איהם אנגענומען און פלעגט איהם בעשיצען געגען די שוועסטער. אבער צום פאטער מיט זיין לערנען און דאוונען און פרומקייט — וואס האט ער געפיהלט צום פאטער ?

דערווייל זיינען די אײדימס געשטאנען אין א ווינקעל און האבען זיך גע'סוד'עט, און האבען זיך צונויפגעלייגט געלד און דער עלטסטער אײדים, דער גאליציאנער, האט עס צוגעטראגען בערלען :

— שווער, דאס וועט איהר האבען „אויף נאך הונדערט און צוואנציג יאהר" אז מען וועט בעדארפען, זאלט איהר...

— אויף נאך הונדערט און צוואנציג יאהר בעדארף איך ניט ; האב איך מיר אליין, גאט צו דאנקען, אנגעגרייט פון מיין ארבייט — ווייזט דער פעטער בעריל אויפ'ן טארבעלע מיט'ן געלד וואס ער האט אויפ'ן הארץ אנגעבונדען — נאר ביז צו די הונדערט און צוואנציג יאהר זאלט איהר מיך ניט פערלאזען. לאנג וועלען די הונדערט און צוואנציג יאהר שוין ניט נעהמען... איך פיהל שוין...

— שמייכעלט דער פעטער בעריל.

אז עס איז געקומען זיך געזעגענען מיט דער ווייב, האט דאס פאר פאלק ערשט פערשטאנען וואס אמעריקא איז געווען פאר זיי. אראבגעבראכט האבען זיי קיין אמעריקא זייערע קינדער. די קינדער האט אמעריקא צוגענומען. און זיי שפייט אמעריקא אויס, ווארפט זיי אוועק ווי אן אומווירדיגע, אונניצליכע שמאטע. אמעריקא האט זיי צוטהיילט אויף די אלטע יאהרען. פון די אלטע מאמע ציהט זי נאך אביסעל נוצען. דעם אלטען טאטען שיקט זי אהיים שטארבען.

— דער טויט האט אונז ניט געקענט צושיידען, און אמעריקא האט אונז צושיידט — האט די אידענע געשריען און ניט פערשטאנען וואס זי מיינט דערמיט, נאר עפעס געפיהלט א גרויסע קללה פאר דעם לאנד, וועלכע האט פון איהר אלעס אוועקגענומען — איהרע כחות, איהר לעבען און איהרע קינדער, און שפייט אויס דאס, וואס זי בעדארף ניט מעהר...

נאר באלד איז פרעהליך געווארען ביי דער שיף. אנקעל מאזעס איז אראבגעקומען מיט'ן צווייטען „טויטען", דער אלטער מעלניק איז טויט שכור געווען. אין דער האנד האט ער געהאלטען דאס זעקעל מיט'ן געלד וואס ער האט זיך אנגעזאמעלט אויף קבורה־געלד

פון זיינע אייגענע ארבייט— געקלימפערט מיט'ן געלד און געשריען צום זוהן:

— איך בעדארף דיר שוין אויף אלדע שווארצע יאהר, פרעה מלך מצרים, מיט דיין גאנץ קעניגרייך אמעריקא פון הודו ביז כוש. אויף קבורה־געלד האב איך אליין מיר אנגעזאמעלט. אויסגעארבייט. מיט מיינע אייגענע הענד אויסגעריבען אויפ'ן קאשע־מיהלעכעל. און אויף וואס און צו וואס בעדארף איך דיר?...

— קום, בעריל, קום צוריק נאך קוזמין — האט ער געריסען בערלען ביים ארבעל — בלייב געזונד, פרעה מלך מצרים — האט ער דעם זוהן צוגעשריען — און איהר, לאנדסלייט, עבדים היינו, געהט צוריק צו פרעה מלך מצרים ארבייטען!

אז די שיף איז אבגעגאנגען מיט די „צוויי טויטע", זיינען די לאנדסלייט שטעהן געבליבען און נאכגעקוקט מיט בענקענדע בליקען און נים אייגער האט מקנא געווען די „טויטע" וואס פאהרען רוהען אויף קוזמינער גוטען ארט, איידער צוריקצוגעהן צו פרעה מלך מצרים.

אלע זיינען טרויעריג געווען. אפילו אנקעל מאזעס איז טרויעריג געווארען און נאכגעקוקט די אבגעהענדע שיף מיט די „טויטע". יעדער איינער לאנדסמאן האט זיך דערמאנט אז זיין אייגענע ענדע, ווען ער וועט אהיים פאהרען מיט דער שיף...

נאר אבגערוקט פון אלע זיינען געשטאנען מאשא און טשארלי, די צוויי דערוואקסענע קינדער, וואס האבען זיך ערצויגען שוין דא אין אמעריקא. זיי האבען געפאסט איינע צו די אנדערע, אין איין וואוקס, אזוי ווי זיי וואלטען צוזאמען ארויסגעשאסען אין דער הויך מיט זייערע שטאלצע און יונגע קעפ. זייערע ביינערדיגע בריסט האבען דערגרייכט איינס צום צווייטען. די צוויי יונגע מענשען האבען זיך צום ערשטען מאל ביי דער „לויה פון די אלטע" בעגעגענט, אלס ערוואקסענע. און די יוגענד האט געצויגען איינס צום אנדערען. זיי האבען נים געזעהן די אבגעפאהרענע שיף מיט די „טויטע". זיי האבען געערדט עפעס פאר זיך, און האבען הויך געלאכט, ווייזענדיג איינס ס'אנדערע די ווייסע יונגע שטארקע צייהן. די לאנדסלייט האבען דערהערט זייער לאכען, האבען זיך אומגעקוקט, און איינער האט געזאגט צום אנדערען:

— נאָ, דאָס האָסטו „אמעריקא״! זיי געהט דען עפּעס אָן? זיי ווייסען דען פון עפּעס? פאַהרט אַ טאַטע אהיים, שטעהט ער מיט אַ מיידעל און לאַכט.

— זיי זיינען גאָר פון אַ גאַנץ אנדער וועלט, גאַנץ אנדערע מענשען, וואָס ווילסטו פון זיי? — האָבען די משפּחה זיך געזאָגט.

אַנקעל מאָזעם האָט אויך בעמערקט טשאַרלי׳ן און מאַשאַ׳ן. וועלכע זיינען געשטאַנען די גאַנצע צייט און האָבען געלאַכט איינס צום אַנדערען. ער איז טרויעריג געוואָרען און בעטריבט געוואָרפען אַ בליק אויף די אַבשווימענדע שיף מיט די „טויטע״ און אַ מינוט געצווייפעלט ביי זיך: צו וועלכע וועלט ער געהערט — צו די וואָס פאָהרען יעצט שטאַרבען, אָדער צו די, וואָס שטעהען אויף׳ן זונענ־דיגען ברעג און בלישטשען מיט זייערע צייהן און לאַכען מיט די אויגען...

(ענדע פון ערשטען טהייל).

# צווייטער טהייל

## .1

### ער וועט האָבען קינדער.

אַנקעל מאָזעס איז אריינגעקומען פריהמאָרגען אין זיין סטאָר
אריין אַן אויסגעפּוצטער אין אַ ווייסען שי־סו אנצוג, און פערשמעקט
אַ האַלבען סטאָר מיט קאָלגייט'ס ראָזען־פּארפיום, וואָס האָט זיך
עהערט פון איהם פון דערוויטענס. זיינע געל־געפּוצטע שיך האָבען
עפינקעלט פון דערווייטענס און אויסגעזאָגט מיט זייער קוועטשענ־
"יגען קוויטש — ער געהט! זיין ברייט, דיק געזיכט האָט געגלאַנצט
ון דעם „קלין שייוו" וואָס ער האָט ערשט וואָס גענומען. ווי אַ חיה־
יש וואָס מען האָט נור וואָס פון ים ארויסגעצויגען. ער האָט אראָב־
עכאַפּט זיין שטייפען הויכען פּאנאַמאַ העט און געווישט זיך דעם
גושוויצטען קאָפּ און הייסען אָבגעקאָכטען קארק מיט אַ ווייס באָ־
יסטען טאַשענ־טיכעל. די מענשען אין סטאָר האָבען זיך פאַר איהם
ענעבען אַ כאַפּ אריין אין די ווינקעלעך און געמאַכט זיך זיין פער־
ומען מיט פּאַנאַנדערלייגען די אנצוגען, די הויזען, די רעס. ער האָט
יך אָבגעשטעלט אין מיטען סטאָר, און געגעבען זיך אַ קוק ארום אויף
לע פיער זייטען פון געשעפט, בעטראַכט די „משפּחה" וואָס האָט
עארבייט ביי איהם אין ביזנעס. זיי האָט זיך געדוכט, אַז דער בליק
עדויערט אַ יאָהר. ער האָט געגעבען אַ ווינק מיט צוויי פינגער צו
עם'ען, צום יונג־משפּחה, צו וועלכען ער האָט אַם מייסטען צו־
רויען געהאַט, און געגעבען אַ פרעג:

— אלעס אָל־רייט?

— יעס, אַנקעל — האָט ער אָבגעענטפערט.

— וואָס טהוט „קוזמין"? — האָט ער געוויזען מיט'ן פינגער אויפ'ן בוידעם, מיינענדיג די לאַנדסלייט.

— נייהען די ווינטער רעק נומער 53.

— גוט, זעה זאָלען שניידען, קוזמין שוויצט און שלאָפט נור. זעה צו מאַכען קעש. שנייד, ברודער, וויפיעל דו קענסט, און מאַך קעש.

— אָל־רייט, אַנקעל.

— איך וועל ניט זיין אַ גאַנצען טאָג. סעם, גיב אַכטונג. אלס־דינג אָל־רייט?

— יעס, אַנקעל.

אַנקעל מאַזעס האָט געגעבען צו זיין קאַזין אַ וואונק מיט די אויגען, ווי ער וואָלט איהם געוואָלט פערגיטיגען, און ווידער געוואָרפען ארום זיך אַ בליק:

— באָיס, זונטאג היינט, אַ הייסער זונטאָג — שניידט'ס די איטאַליענער און די טשייני־מענס — קעש מאַכט'ס, קעש — און ער איז ארויס פון סטאָר קוויטשענדיג מיט זיינע גרויסע גלאַנצענדיגע געלע שיך.

די משפחה האָט פריי אָבגעאָטהעמט, ווען זיי האָבען איהם שוין אַנגעקוקט פון הינטען. זיי האָבען געוואַגט ארויסצוגעהן פון סטאָר און געזעהן ווי דער אַנקעל זעצט זיך אויף אויפ'ן געדונגענעם אויטאָמאָביל, וואָס האָט געוואַרט פאַר איהם פאַר דער טהיר, און אַ שמייכעל האָט זיך בעוויזען אויף זייערע ליפּען...

אַלע האָבען געוואוסט, וואוהין דער „אַנקעל" פאָהרט, און גע־וואָרפען הינטער־ארום בליקען אויף סעם'ען, און געשטופּט איינער דעם אַנדערען, מאַכענדיג מיט די אויגען אויף סעם'ען:

— ער האָט געמיינט, אַז ער ירשנ'ט איהם שוין! — האָט איי־נער ארייגעלאַכט אין די פויסט אריין, ווייזענדיג מיט'ן פוס אויף סעם'ען.

— נאָר איינער, ער קען נאָך האָבען צוועלף קינדער. וואָס מיינסטו, ער קען ניט? ווי דער אַלטער פּעטריק אין דער היים.

— האָסט געזעהען אַ קאָרק? — ברומט אַ צווייטער.

סעם האט געפיהלט די בליקען הינטער זיך און פערשטאנען דאס לאכען. ער האט זיך אומגעקוקט אויף די יונגען. זיין בליק און זיין פנים האבען אנגענומען דעם זעלבען אנשטעל וואס דעם אנקעל'ס. און ווירקליך איז ער עהנליך געווען צום אנקעל. שארפע אויגען, א שפי־ציגע נאז און א שטארקע מענליכע קין. די יונגען האבען זיך דער־שראקען פאר איהם און געמאכט זיך רעדען וועגען ביזנעס.

ער האט אויסגעשפיגען און איז ארויס פאר דער טהיר, נאכ־קוקען דעם אנקעל, וועלכער איז שוין געווען לאנג פערשוואונדען. ער האט שארף פערביסען די ציינער איבער די ליפען, זיינע הענד האבען זיך געביילט צו פויסטען, און א קללה איז צוקריצט געווארען צווישען זיינע שטארקע ווייסע ציינער.

האט ער דאס צוליעב דעם אזוי געטריי געדיענט דעם אנקעל, פון פערצעהן יאהר אן, זייט ער האט איהם אראבגעבראכט פון דער היים, איבערבלייבענדיג א יתום נאך דעם פאטער'ס טויט? געווען איז ער דעם אנקעל א געטרייער הויז־הונד. דער אנקעל האט איהם צו אלצדינג בענוצט, געמאכט אויס איהם זיין לייב־שקלאף, זיין שפיר־הונד. ער האט געשפיאנעוועט ביי די לאנדסלייט, ביי דער משפחה, וואס האבען געארבייט ביים אנקעל, און אויסגעפונען ווער פון דער משפחה איז געטריי דעם אנקעל און ווער ניט, און עס איבער־געגעבען דעם אנקעל. דער יונג האט געטהאן פאר'ן אנקעל זאכען, פאר וועלכע ער האט געקענט ארייננפאלען און פערפאלען ווערען אויפ'ם לעבען לאנג. ווי דענסטמאל ווען מען האט געכאפט די גנבה'שע סחורה פון דער פינפטער עוועניו, וואס ער האט זי איינגעגראבען אין קעלער, די רעק און די הויזען, אויף וועלכע דער אנקעל האט ארויפ־גענייהט זיין לייבעל — האט דאס סעם גענומען אויף זיך, און קוים מיט צרות וואס מען האט איהם ארויסגענומען פון „טראבעל“. ווען עס האט זיך געמאכט „טראבעל“, האט עס סעם גענומען אויף זיך. דענסטמאל, ווען מען האט פלוצים דעם „אנקעל“ גערופען צום דיסט־ריקט אטוירני וועגען דער פוילישער שיקסע וואס דער אנקעל האט זי טראגעדיג געמאכט, אדער מען האט געדארפט „סעטלען“ מיט דער ווייבעל פון דעם גאליציאנער רעסטאראן, איהר צאהלען חודש־געלד — אלעם האט סעם גענומען אויף זיך. ער האט פאר'ן אנקעל דאס לעבען זיך איינגעשטעלט, און פאר'ן אנקעל וואלט ער ניט בלויז אין געפענ־

געניס געגאנגען ווען מען וואלט געדארפט, ער וואלט אויך א מענשען גע'הרג'עט. און אלעס האט ער געטהאן דערפאר, ווייל ער האט גע־האפט אמאל אליין צו פערנעהמען דאס ארט פון „אנקעל“.

די געטריישאפט צום אנקעל איז ניט געווען אויס חניפה. עס איז געווען א פערגעטערונג צו דעם מענשען, וועלכען ער האט גענומען אלס פארבילד, אלס אידעאל — צו וועמען ער וויל אמאל אליין עהנליך זיין. אין די פערגעטערונג צום אנקעל און די געטריישאפט צו איהם איז געלעגען די געטריישאפט צו זיך אליין און צו זיין אייגענער צוקונפט — ווען ער וועט זיין דער „אנקעל“. און מיט אמאל זאל זיך פון דעם גאר ניט אויסלאזען! דער אנקעל געהט חתונה האבען מיט דעם „שנעק“, מיט דעם „אהרן גארגעל'ס“ טאכטער, וואס האט איהם ארייגעקריגען אין די הענד אריין. זי וועט האבען מיט איהם קינדער — איינס, צוויי, דריי, אלעס וועט איבערגעהן צו די קינדער. זי וועט שוין מאכען, אז זי זאל האבען קינדער. און ווען מען וועט דאר־פען, וועט זי איהם קענען צושארען א פרעמד'ס אויך, אבי זי זאל די יורש'טע זיין. און זי פערשטעהט עס שוין היינט. איינציגוויז זעצט זי אריין אין סטאר „איהר משפחה“: א קלענערע שוועסטער — שוין א בוכהאלטערין; דעם פאטער איהרען, אהרן מעלניק, „גארגעל“ פון דער היים — געמאכט פאר א קעשיער. איז וואס וועט פון איהם, סעם'ען ווערען? מען וועט איהם נאך אמאל ארויסווארפען אויך.

סעם האט זיך דערמאנט אן די געלעגענהייטען, וואס ער האט געהאט געלד צו מאכען ביים אנקעל. זיין קאזין מאנעס, וועלכער איז אמאל אויך געווען ביים אנקעל, בעפאר סעם איז אנגעקומען — דעם „אנקעל'ס“ רעכטע האנד — האט איהם געווארענט ניט איין מאל:

— זעה, סעם, פאר מארגען זאל גאט זארגען; דו זארג פאר היינט. וואס דו האסט אין באנק, דאס איז דיינס. דאס איבעריגע — א נעכטיגער טאג. דו קענסט ניט דעם „אנקעל“. ער וועט זיך נעהמען א יונגע מויד אויף דער עלטער. געדענק וואס איך זאג דיר.

סעם האט זיך דערמאנט אן די ווערטער פון מאנעס'ן. מאנעס איז עלטער פון איהם און ערפאהרענער, און ער האט איהם ניט געוואלט הארכען. אלץ זיך פערלאזט אויפ'ן אנקעל, געוואלט אלעס אריינ־קריגען — און יעצט האט ער.

„מען דארף אין אווענד אריינגעהן צו מאנעס'ען. ער, מיט זיינע לאיערס, מיט זיינע טעמעני האלל דזשאדזשעס, וועט שוין אויס־געפינען עפעס א פלאן. דעם אנקעל טאר מען ניט דערלאזען חתונה האבען מיט אט דער שניידערשער טאכטער, מיט דעם אט אהרן גארגעל, וועלכער וועט דא ווערען דער מחותן, און דער חתן פון דער חתונה. אז ניט — זיינען אלע אין דר'ערד; די גאנצע משפחה איז אין געפאהר..."

סעם האט זיך גוט איבערגעלעגט אויב ער זאל דאס טהאן. זיין געטריישאפט צום אנקעל האט איהם נאך ניט דערלאזט דעם אנקעל שלעכטס צו טהאן. ער האט איהם צופיעל פערגעטערט. ער האט איהם אזוי ליעב געהאט, אז אלע זיינע טהאטען זיינען איהם גע־פעלען. סעם האט זיי פערשטאנען און ער האט זיך געגרויסט מיט זיי. אפילו זיין וועלען חתונה האבען מיט מאשא'ן, איז סעם'ען אויך געפעלען, און, וואהרשיינליך, ווען עס וואלט ניט געגאנגען געגען זיינע אינטערעסען, וואלט ער דעם אנקעל דערצו געהאלפען. סעם'ס אמביציעס פאר זיין צוקונפט זיינען אבער שוין רייף געווארען, און ער איז שוין נעווען מעגליך אויף אזוי פיעל, אז ער זאל שוין קענען מקריב זיין זיינע סענטימענטען:

— כאפט איהם די כאלעריע, דעם אלטען, קינדער וועט ער האבען! — האט ער זיך געטראכט, דענקענדיג אן זיין אייגענער צוקונפט.

קיין כעס האט ער ניט געפיהלט צום אנקעל. דעם כעס האט ער געהאט צום יונגען „שנעק", צו מאשא'ן, און צו איהר פאטער אהרן מעלניק, וועלכע האבען זיך אריינגעגנב'עט אין דער „משפחה". זיי האט ער בעטראכט פאר קאנקורענטען.

— איהר, דעם „שנעק", דער כלה זיינער, דארף מען אריינשיקען דאס ווייבעל פון רעסטאראן, דעם רעסטאראטאר'ס טאכטער מיט די פינף קינדער וואס דער „אלטער" האט איהר אנגעמאכט. זאל זי זיך אויס'טענה'ען מיט דער כלה.

אך, וועט דאס זיין א חתונה, ווען דאס גאליציאנער ווייבעל וועט אריינקומען צו דער כלה אין טאג פון דער חתונה! די כלה וועט זיין אנגעטהאן צו דער חופה צו געהן, און די וועט פארשטעלען די קינדער פאר איהר:

— דו געהסט חתונה האָבען מיט מיין מאַן, מיט דעם פאָטער פון מיינע קינדער!

אַך, ווען דאָס זיין אַ חתונה — האָט דער יונג נקמה געגומען אין זיינע געדאַנקען.

און דער „אַנקעל"? דער אַנקעל וועט זיין אַנגעטהאָן אין אַ פראַק — ער וועט פערשעהמט ווערען! ער האָט אַ מינוט רחמנות געהאַט אויפ'ן אַנקעל. ער האָט זיך איבערלעגט, אָבער זיין אייגענע צוקונפט האָט זיך ווידער געשטעלט פאַר זיינע אויגען. ער האָט זיך דערמאָנט אָן ראָזע'ן, זיין אייגענע כלה, און דער יונג האָט פער־ביסען די שאַרפע ציינער אויף זיינע ליפּען און געזאָגט צו זיך:

— כאַפּט איהם דער שוואַרץ־יאָהר; ער וועט קינדער האָבען, דער אַלטער!

מיט דעם נקמה־געפיהל איז ער צוריק אריין אין סטאָר. זיין פּנים האָט אַנגענומען די שטרענגע בעפעהלערישע מינע, וועלכע ער האָט זיך אויסגעלערענט פון „אַנקעל". זיין קין איז געוואָרען שטאַרק, און אונטער דעם לאַנגען פּליישיגען נאָז האָט זיך פערצויגען די משפחה'שע גרימאַסע, פאַר וועלכער די לאַנדסלייט האָבען אַזוי מורא געהאַט. ער האָט געגעבען אַ ברום אונטער דעם נאָז, נאָכמאַכענדיג דעם אַנקעל:

— שניידען קעש וויפיעל עס לאָזט זיך, באַמס!

דער זונטאָג האָט זיך שוין געהאַט אַנגעהויבען אין מעלניק'ס סטאָר.

---

### .2

## מ אַ ש אַ.

עס איז עפּעס געשעהן מיט אַנקעל מאַזעס. אַז אַנקעל מאַזעס זאָל איבערלאָזען די סטאָר אין זונטאָג און ארויספאָהרען פאַר פּלע־זשור אויף אַ גאַנצען טאָג מיט אַ מיידעל שפּאַצירען! און ווירקליך איז אַנקעל מאַזעס אויף דער עלטער יונג געוואָרען און זיך גענומען צו אַזעלכע זאַכען, וואָס האָט איהם לעכערליך געמאַכט אין די אויגען

פון אלע זיינע בעקאנטע און ערניעדריגט זיין ווירדע ביי די קוזמינער לאנדסלייט. אנקעל מאזעס האט זיך אנגעהויבן אויסצופראנטעווען אויף דער עלטער ווי א נײַנצעהן יאהריגער באיטשיק. אנגעטהאן שמאלע קורצע הויזלאך, אז עס זאלען זיך ארויסזעהן די ווייסע זאקען. ער האט אנגעהויבען צו טראגען הויכע שמאלע שטייפע קראגענס וואס האבען איהם געפייניגט. אנקעל מאזעס האט זיך בעגאבען מיט פארפיומען... ביים „גאליציאנער" צום לאנטש, וואו דער אנקעל האט ליעב געהאט צו עסען די פעטע געבראטענע אונטערגעהייל־געגנזלעך און קאטשקעלעך — האבען ביזנעס־לייט פון דער בויערי גע־קוקט אויף איהם און געלאכט אין די פויסטען. דער נייער סיילעסמאן, דער ווארשעווער יונגערמאנטשיק, וואס האט זיך ערשט וואס אויפגעעפענט א נייעם ציגארען סטאר אין שכנות מיט'ן אנקעל און איז שוין געווען בעקאנט אין גאנצער שכנות'שאפט פאר א „ווארשעווער", א ספארט, א שטיפער — האט אבגעטהאן דעם אנקעל א שפיצעל: ער האט בעשטעלט ביי די גאליציאנערין, ביי דער ווייבעל וואס האלט דעם ביזנעס לאנטש־רום — א דריי־עקענדיגע קנישע אין פארם פון „א הארץ", און האט אין מיטען ארייגעקלאפט א קאלירט בילדעל פון א מיידעל מיט רויטע בעקלאך, אבגעריסען פון א ביליגע שאקאלאד קעסטעל — און עס צוגעשיקט צום אנקעל. אנקעל מאזעס האט געזעהן און געהערט ווי מען לאכט איהם אויס, פערשטאנען דעם שפאס, זיין רויטער קארק איז אנגעלאפען מיט בלוט, אבער ער האט זיך ניט געקענט העלפען. ער האט געמוזט קאנקורירען מיט א יונגען־מאנטשיק, מיט א נײַנצעהן־יעהריגען קאלעדזש באי, טשארלי, וועלכער איז אין די לעצטע צייט געווארען זעהר אן אפטער גאסט ביי אהרן מעלניק און איז אויסגעגאנגען מיט מאשא'ן. אנקעל מאזעס האט זעהר מורא געהאט פאר דעם נײַנצעהן יעהריגען קאלעדזש באי, ער האט איבערהויפט מורא געקראגען פאר אלע, וואס זיינען אינגער פון איהם. נור זיין איינציגע טרייסט איז געווען, וואס דער נײַנצעהן־יעהריגער קאלעדזש באי טראגט א פאר אויסגעגעסענע הויזען מיט אויסגעטראגענע קאמאשען, און שטארבט פאר א סענט, און ער קען זיך אנטהאן ווי דער לעצטער ספארט. אנקעל מאזעס האט פערשטאנען ווי לעכערליך ער איז אין דעם, און ווי ארים עס איז זיין פארטהייל געגען טשארלי, נור אנקעל מאזעס האט מלחמה

געהאַלטען. ער האָט שוין געהאַט אַזוי פעסט אָבגעמאַכט אין זיין מיין חתונה צו האָבען מיט מאשא'ן, מיט דער אַכטצעהן־יעהריגער מיידעל, וועלכע ער אַליין האָט ערצויגען, חתונה צו האָבען און קינדער צו האָבען אויף דער עלטער, קיינעם ניט אויף להכעיס, נור פאַר זיך אַליין, פאַר זיין אייגענעם פערגעניגען אין לעבען. ער האָט זיך גע־האַלטען אַזוי בערעכטיגט דערצו, אַז ער האָט ניט פערשטאַנען דעם חוזק וואָס מען מאַכט אויס איהם. דאָס פראַנטעווען זיך איז ביי איהם געווען אַ מיטעל צו געווינען דאָס נאַרישע האַרץ פון דער יונגער מיי־דעל. מילא, אַז זי וויל עס — דאַרף מען דאָס טהאָן. און אין די קורצע שמאָלע הייזלעך מיט'ן ענגען צוגעצויגענעם ראָק אויף זיין דיקען בויך, מיט די קורץ וואָויל־אינגעלשע פערשוירענע גרישבע, האָט אַנקעל מאַזעס אָבגעמאַכט ערנסטע געשעפטען. געדונגען זיך מיט סוחרים, פערקויפט און געקויפט הייזער, בייגעוואָהנט מיטינגען פון וואָהלטהעטיגע אינסטיטוציעס, אַנגעיאָגט מיט זיינע בליקען קוזמין צו דער אַרבייט, ווי ער וואָלט גאָר ניט געווען בעמערקט קיין לע־בערליכעס אין זיין פראַנטעווען זיך, אין זיין אינגעלשען אַנטהאָן זיך, אין זיין פאַרבען און פוידערען זיך די באַקען... און ער איז געווען דער זעלבער שטרענגער „אַנקעל מאַזעס" אין זיינע האַלב־אינ־געלשע פערשטעלטע קליידער, ווי ער איז געווען אין זיין אַלטען טעגליכען לעבען.

דריי יאָהר האָט אַנקעל מאַזעס מיט געדולד געוואַרט אויף די פערצעהן־יעהריגע מאשא ביז זי וועט אויסוואַקסען. יעדע פאַר טעג איז ער געקומען צו אהרן מעלניק בעטראַכטען זיין צוקונפטס־גליק, און געקוויקט זיך אין פערבאָרגענע זיסע פאַנטאַזיעס — וועגען די גליקזעליגקייטען וואָס שטעהען איהם פאַר. ער האָט זי בעטראַכט, ווי מען בעטראַכט אַ וואַקסענדע אייגענטהום. אַז מאשא איז אַלט געוואָרען זיעבצעהן מיט אַ האַלב יאָהר, האָט זיך אַנקעל מאַזעס גע־נומען זיין טיעף־געפייניגטען זיס־תאוה'דיגען געפיהל אויסצופיהרען. ער איז יעצט געפאָהרען מאשא'ן אַרויסצונעהמען — אַרויסצונעהמען, ניט מעהר ווי ער האָט זי ביז איצט אַרויסגענומען אַלס קינד, נור ווי אַן ערוואַקסענע, פערשטענדיגע מיידעל, וועלכע פערשטעהט דאָס גרויסע גליק וואָס איז איהר בעשערט — און זיך צו בעציהען צו איהר מענליך — און ווייזען איהר זיין קראַפט...

ער האט געשמייכעלט צו זיך אליין און עס איז איהם גוט גע־וואָרען דערמאַנענדיג זיך אָן מאשא'ן, ווען ער איז געפאָהרען צו איהר, יעצט אין דעם פרישען זומער־מאָרגען, וועלכער איז נאָך אָבגעקיהלט געווען פון בייננאַכטיגען רעגען און האט שוין געדישעט מיט די שפּעטערדיגע פּייכטע היטץ. ער האט זי געזעהן אין דער וויים־באַטיסטענער קליידעל, פון קאָפּ ביז צו די פיס, ווי עס שפּראַצט איהר קערפּער אונטער דער קליידעל. זייט זי איז אויפגעוואַקסען גע־וואָרען האט דער „אָנקעל" ליעב געהאט מאשא'ן צו זעהן אין ווייסען. ווייס האט איהם דערמאַנט אָן עפּעס אנגענעהמעס... ער האט זיך פאַרגעשטעלט נאָך דער חתונה — ווי זי ליגט אין קינדפּעט, מיט'ן קינד, זיין קינד — און ער געהט אריין צו איהר, אביסעל אנגעטרונקען, אויפגערוימט, און זי קוקט ארויס פון בעט אין ווייסען, און איהר פּנים זעהט אויס ווי געפייניגט, און זי קוקט אויף איהם בעטענדיג זיך ביי איהם רחמנות'דיג. — ער איז צופריעדען געווען דאָס צו דענקען, ווארים זיין אינערליכע בעהאַלטענע פריידע איז געווען מאשא'ן צו זעהן אין קינדפּעט, און זי זאָל האָבען אַ געפייניגט בלייך פּנים — דאָס האט איהם איהר ווייסע קליידעל דערמאָנט, צוליעב דעם האט ער איהר ווייסע קליידלעך געמאַכט מתנות. ער האט זי געבעטען היינט, זונטאָג, זיך אָנצוטהאָן אין ווייסען באַטיסטענעם קליידעל, ער האט אָבגערעדט מיט איהר ארויסצופאָהרען אויף אַ גאַנצען זונטאָג־דיגען טאָג אין אַ נאָהענטען באָד־אָרט.

---

מאשא האט שוין געוואַרט אויף איהם, און, ווי ער האט איהר אָנגעזאָגט, אין ווייסען. דורך די פּאָר יאָהר, וואָס דער אָנקעל האט זיך אינטערעסירט מיט איהר און זי אויפגעצויגען, איז זי צוגעוועהנט געוואָרען צו איהם ווי צו אַ פאָטער. זי האט זיינע קאַפּריזען צוליעב געטהאָן ווי אַ קינד, ווי אַ קלוג קינד טהוט אָפטמאָל צוליעב אַ צור־לאַזענעם טאַטען. זי איז אויפגעצויגען געוואָרען דעם אָנקעל צו הארכען און אַלסדינג צוליעב טהאָן. איהר פאָטער, איהר מוטער, איהר גאַנצע משפחה און אַלע לאַנדסלייט האָבען זי אַזוי געלערענט. און ניט נור געלערענט, נור אַלע האָבען דעם אָנקעל געהאָרכט. און

ניט נאָר בלויז צוליעב געטהאָן זיינע קאפּריזען, נור פאַר'ן אַנקעל וואָלטען זיי אלסדינג געוועזען געטהאָן. אפילו ווען ער וואָלט געוועזען פערלאַנגט פון זיי זייערע פערבאָרגענסטע היילינגסטע אינטימסטע אייגענטהום — וואָלטען זיי איהם אוועקגעגעבען... זיי זיינען אי־בערהויפּט גליקליך געוועזען ווען דער אַנקעל האָט פון וועמען וואָס געוואָלט, ווען דער אַנקעל האָט וועמען בעגליקט מיט בעפעהלען איהם. און ווען דער אַנקעל האָט זיך אויסגעפרעגט אויף וועמענס ווייב אָדער ערוואקסענע טאָכטער — איז יענער געהויבען געוואָרען אין די אויגען פון די לאַנדסלייט...

אלע לאַנדסלייט האָבען מקנא געווען און ניט פערגונען אהרן מעלניק דאָס גליק, וואָס דער אַנקעל אינטערעסירט זיך מיט מאשא'ן. און צוליעב דעם איז מאשא געוואָרען דאָס ווינש־פינגעריל פון אַנ־קעל'ס הארץ, ווי א לאַנדסמאַן האָט עפּעס געהאט א בקשה צום אַנקעל — א טאָכטער חתונה צו מאַכען, א משפחה אראָבצונעהמען, געלד אהיים צו שיקען — איז מען געקומען צו מאשא'ן. און וועמען ער האָט געוואָלט האָט אהרן מעלניק, איהר פאָטער, צוגעזאָגט טובות. מען האָט גע'חנפ'עט אהרן מעלניק ווי אמאָל סעם'ען, און ראָזע, זיין ווייב, האָט בעשטימט דעם גורל פון די קוזמינער לאַנדסלייט, אַלץ צוליעב דעם ווינש־פינגעריל מאשא, וואָס האָט געפונען אזא לייט־זעליגקייט אין די אויגען פון דעם אַנקעל.

מאשא האָט זיך אויפגעצויגען אין דער אטמאָספערע, און כאָטש זי האָט שוין אַנגעהויבען צו פערשטעהן (מיט געפיהל האָט זי עס שוין לאַנג געשפּירט) די העסליכע ראָלע וואָס זי שפּיעלט, דאָך האָט זי זיך ניט געקענט העלפען. טאטא־מאמא, די משפחה און אלע לאַנדסלייט האָבען עס געהאלטען פאַר אזא גרויס גליק וואָס האָט איהר געטראָפען, אז זי האָט ניט געוואגט קיין וואָרט צו רעדען אָדער אַנ־דערש צו טראַכטען. און ביז לעצטענס האָט זי עס ווירקליך געהאל־טען פאַר א גליק. נור אין די לעצטע צייט, וואָס ענטוויקעלטער און עלטער זי איז געוואָרען, האָט זי אַנגעהויבען צו פיהלען, אז זי וועט עפּעס בעדאַרפען בעצאָהלען פאַר דעם גליק. עס איז איהר נאָך ניט גאַנץ קלאָהר געווען, וואָס אזעלכעס וועט זי בעדאַרפען בעצאָהלען. נור זי האָט זיך געהאַלטען עפּעס פאַר א קרבן פאַר פאָטער־מוטער, פאַר איהרע שוועסטער, פאַר איהר משפחה, פאַר אלע לאַנדסלייט...

דאָס געפיהל האָט ארויפגעצויגען אַ קלייד פון טרויעריגקייט און שטילקייט אויף איהר איידעלען מיידעלשען וועזען. און ווען זי איז געווען צוזאַמען מיט יונגע חבר'טעס און פריינד אויף אַ טהעע פּאַרטי, אויף אַ באַלל, צי אויף אַ פּאַרטי ביי אַ יונגע פריינדין, האָט מאַשאַ טהיילמאָל ניט געקענט לאַכען אַזוי פריי און גליקליך, ווי די אַנדערע איהרע פריינדינס. עס האָט זיך איהר גערדאַכט, אַז עפּעס וואָס שוועבט איבער איהר, פרעמדעס און טרויעריגעס, און אַלע זעהען דאָס; אַז איבער איהר ווייס אַטלעסען קליידעל וועלכעס איז שעהנער און רייכער פאַר אַלע איהרע פריינדינס, שוועבט אַ פרעמדע טונקעלע גאַזע, ווי מען הענגט אריבער איבער אַ טויטע כלה. עס האָט זיך איהר גערדאַכט, אַז זי האָט שוין ניט קיין רעכט צו פרעהען זיך און צו לאַכען אַזוי הויך און פריי — ווי די אַנדערע מיידלעך איהר גלייכען...

און טהיילמאָל, אין אַ מיטען נאַכט, ווען אַלע אין שטוב זיינען פעסט און רוהיג געשלאָפען, האָט זיך געהערט אַ וויינען, אַ שטיל כליפּענדיג וויינען, — דאָס האָט זיך מאַשאַ צו־וויינט ניט וויסענדיג אַליין פאַר וואָס און פאַר ווען...

---

3.

## אַ חתן.

איבער די טרעפּ האָט זיך געהערט אָנקעל מאָזעס' קוויטשענדיגע נייע געלע שיך, און זיין שטימע:

— מאַשאַ, רעדי?

אין דער אָפענער טהיר זיינען געשטאַנען טאַטע־מאַמע. דער אַמאָליגער אָפּערייטאָר אהרן מעלניק איז דיקליך געוואָרען. ראָזע איז אויך דיקליך און געזונטער געוואָרען.ביידע האָבען אויסגעזעהן פיעל יונגער און געזונדער. אהרן מעלניק האָט זיך געלאָזט וואַקסען אַ בערדעל, אַ שוואַרץ בערדעל, און ער האָט געקריגען רויטע בעקלעך און אַ רויטען קאַרק פון ביער טרינקען. אהרן איז געווען אָהן ראָק,

אין ווייסען געפּרעסטען העמד, ערשט וואָס אָבגעגעסען פריה־שטיק. ראָזע אין זיידענעם אונטער־קלייד, און ביידע האָבען אָקעגען געשמייכעלט דעם אַנקעל מיט פרייד:

— רעדי, אַנקעל, רעדי!

דאָס מאַן און ווייב, אַזוי ווי זיי האָבען זיך געהאַסט איינס דאָס צווייטען אין אָרימקייט, אַזוי האָבען זיי זיך ליעב געקראָגען אין עשירות. אַזוי ווי זיי האָבען זיך געהאַלטען אין איין שילטען אין טרויעריגקייט, אַזוי האָבען זיי זיך געהאַלטען אין איין בענשען איינס דאָס צווייטע אין פריידען. איינער האָט איבער דעם אַנדערען גע־זאָרגט. און נור „אהרן לעבען" און „אהרן קרוין" און „ראָזע — זאָלסט מיר געזונד זיין", און „האָסט דאָך ניט געהאַט היינט אין מויל", און נאָך אַזעלכע ליעבליכקייטען. ביידע האָבען אָנגענומען דעם אַנקעל אונטער'ן אָרים און אריינגעפיהרט אין שטוב אריין.

מאַשאַ האָט זיך באַלד בעוויזען. אָה, זי איז דורך דער צייט ווירקליך גרוים געוואָרען. דאָס קינד איז איהר נאָך געלעגען אויפ'ן פּנים. די מוטער'ס מילך אויף די ליפּען. אָבער איהר פיגור און איהר געשטאַלט האָבען געשלאָגען פון זיך מיט אַ ערפרישענדע יוגענד און רייפקייט. איהרע שוואַרצע געדיכטע האָהר זיינען געווען צוזאַמענגענומען און פערבונדען די צוויי געדיכטע צעפּ אין אַ שוואַרץ זיידענעם באַנד. אין אַ ברייט־ראַנדענדיגען שטרויענעם קאַפּעלוש און אין ווייסען, ווי דער אַנקעל האָט אָנגעזאָגט. אַ ווייס טולען לאַנג קליידעל מיט אַ ווייס זיידענעם ברייטען באַנד האָט אַרומגענומען איהר דינע יונגע פיגור און פערבונדען אין אַ שלייף. זיידענע ווייסע זאָקען און ווייסע הויכע שיך. דער אַנקעל האָט זי אַרומגעכאַפּט מיט אַ בליק, ער האָט, ווי זיין געוואָהנהייט איז געווען, ווען ער איז צופריעדען געווען, ביי ביזנעס, נאָס געמאַכט זיינע הענד און בעגלעט זיינע האָהר — אַ געוואָהנהייט וואָס ער האָט נאָך מיטגעבראַכט פון דער היים פון זיינע קצב'ישע יאָהרען און קען זיך דערפון נישט אָבגעוועהנען. און געברומט זיך מיט אַ שמייכעל: גוט!

— אַנקעל לעבען, אפשר עפּעס געניסען, עס שטעהט אַלץ אויפ'ן טיש — האָט אהרן מעלניק געוואָגט.

— נישטאָ קיין צייט, די מאַשין וואַרט.

— טאָמער דאַך — פרישע אויער, יונגע רעטעכלאַך מיט סוויט־קרים — האָט ראָזע איינגעלאַדען.

דער אַנקעל האָט בייז אָנגעקוקט אהרן מעלניק.

— הערסט דאָך, נישטאָ קיין צייט, די מאַשין ווארט — האָט אהרן געוויזען מיט דער האַנט צום ווייב.

— מאַשאַ, קאַם־אָן, קאַם־אָן. מיר וועלען שוין עסען אויפ'ן וועג.

מאַשאַ איז נאָכגעגאַנגען דעם אַנקעל. טאַטע־מאַמע האָבען זיי אין די טהיר נאָכגעשריען:

— עס איז אָל־רייט — האָט דער אַנקעל ארויפגעוואונקען מיט דער האַנט.

— האָט'ס אַ גוט טיים! אַמוזירט אייך גוט!

— נו, מאַשאַ, יו לייק איט? — האָט דער אַנקעל אַנגענומען מאַשאַ'ס האַנד, ווען דער אויטאָמאָביל האָט זיי געפיהרט איבער די גאַסען אויפ'ן וועג ארויס.

— סוירטענלי אי דו! — האָט דאָס מיידעל אָבגעענטפערט.

— אי עם גאָאינג טו גיוו יו עי נייס טיים, קיד, — האָט דער אַנקעל איהר געפאַטשט אויף דער האַנד.

מאַשאַ האָט אָנגעהויבען מורא צו האָבען פאַר'ן אַנקעל, דאָס ערשטע מאָל האָט זי געהאַט אַזאַ געפיהל צום אַנקעל... זי האָט איהם אָנגעקוקט, אַזוי ווי זי איז געזעסען יעצט נעבען איהם אין אויטאָ־מאָביל און געזעהן ווי ברייט און גרויס ער איז, האָט זי זיך דער־שראָקען פאַר איהם. עס איז איהר נישט איינגעגאַנגען דאָס פאָהרען מיט'ן אויטאָמאָביל, זי וואָלט געוואָלט ארויסגעהן, אוועקגעהן. דער אַנקעל האָט זיך, דאַכט זיך איהר, אויפגעפיהרט עפּעס מאָדנע. ער האָט זי פּלוצלונג אָנגענומען ביי דער האַנד און געקוקט איהר אין די אויגען אריין, און געזאָגט צו איהר:

— ליסטען, מאַשאַ, אי לייק יו! איך וויל אַז דו זאָלסט מיך לייקען. לייקען ווערי מאַטש!

— סוירטענלי אי לייק יו, אַנקעל!

— נו, נו, איך וויל, אַז דו זאָלסט מיך שטאַרק ליעבען, שטאַרק ליעבען. דעם אַנקעל בעדאַרף מען שטאַרק, שטאַרק ליעבען — האָט זי

דער אַנקעל אַנגענומען ביי דער האנד און געקוקט איהר אין די אויגען אריין.

מאשאַ האָט אָנגעהויבען מורא צו קריגען. זי האָט געשמייכעלט קינדיש:

— דו ביזט היינט אַזוי פאַני, אַנקעל!

— פאַני? הא, הא, פאַני, — ליסטען, קיד, איך וועל דיר זאָגען היינט אַ וואָרט, אַזא וואָרט, פּיעל, פּיעל האָבען געוואַרט אויף דעם וואָרט, — קיינעם נישט געזאָגט, און דיר וועל איך עס זאָגען.

מאשאַ האָט מורא געהאַט צו פרעגען וואָס פאַר אַ וואָרט. זי האָט איבערהויפּט עפּעס מורא געהאַט צו רעדען, זי וואָלט נור געוואָלט ארויס, ווי אַם שנעלסטען.

— האָרך אויס, מאשאַ, — ווערט פּלוצים דער אַנקעל ערנסט און נעהמט זי אָן ביי דער האנד — אי נאָו, דו ביזט אַ קלעווער גוירל, און דו ווייסט פערשטעהן, דעם אַנקעל בעדאַרף מען ליעב האָבען און איהם האָרכען, און רעספּעקט האָבען פאַר איהם, גרויס רעספּעקט, דו זעהסט ווי אַלע רעספּעקטירען דעם אַנקעל — עס איז נישט אומזאָנסט מיין קינד, ניט אומזאָנסט. דער אַנקעל האָט ליעב געהאָרכזאַמקייט, טהאָן אַלסדינג וואָס ער הייסט, דו הערסט — אַלסדינג, דורקט ער זי פעסט ביי דער האנד, גאָר נישט אַקעגען רעדען און גאָר זיך נישט שפּאַרען. אַז דער אַנקעל זאָגט, אַז היינט איז זונטאָג — איז זונטאַג, אַז דער אַנקעל זאָגט, אַז היינט איז מאָנטאָג — איז מאָנטאָג, טאָג איז טאָג, נאַכט איז נאַכט. און דער עיקר — געהאָרכען, מיין קינד, טיעף געהאָרכען, אַלסדינג געהאָרכען, פערשטאַנען, מאשאַ?

— יו אַר אַזוי פאַני, אַנקעל — האָט מאשאַ פּלוצים זיך צולאַכט איהם אין פּנים אריין.

דער אַנקעל האָט פערביסען די ליפּען, געשוויגען און געקלעהרט אַ מינוט וואָס צו טהאָן. ער האָט אָבגעמאַכט זיין מיין אויף יעצט אָבצוהאַקען דעם געשפּרעך — און איהר צייט צו געבען, לאָזען אריינדרינגען זיינע ווערטער טיעף אין איהר יונגער האַרץ. ער האָט געזעהן, אַז זיינע ווערטער האָבען געמאַכט אויף איהר אַן איינדרוק.

עס איז געווען אַ אידישער האָטעל פאַר אַלל־רייטניקעס אין דער נאָהענט פון ים, וואוהין עס איז פערפאָהרען דער אויטאָמאָביל

מיט אנקעל מאזעס און מאשא'ן. אויפ'ן פארטש זיינען געזעסען דיקע אידישע ווייבער פון „אלל־רייטניקעס". געפוידערט, אין באד־קאסטומען אנגעטהאן, האבען געשפיעלט אין קארטען. וואו ניט וואו האט זיך ביי א קרענצעל פרויען אויך בעוויזען א יונגער מאן, אויך אין באד־קאסטום. נור ער איז אויך געווען אזוי פעט און אנגעטהאן, אז מען האט געמיינט, אז ער איז אויך א אידענע... די בעל־הבית'טע פון האטעל, די בעקאנטע שדכנ'טע, מיסעס פליישמאן, די אייגענטהימערין פון האטעל, איז זיי אקעגען געקומען. די געסט אויפ'ן פארטש האבען א מינוט אויפגעהערט צו שפיעלען און מיט נייגע־ריגקייט געווארפען בליקען אויף דער פארעל וואס איז אנגעקומען. אלע האבען געקענט דעם אנקעל מאזעס, ער איז געווען פון זייער אייגענע משפחה אין ביזנעס, און געוואוסט פון זיינע בעציהונגען צו מאשא'ן. די ווייבער האבען איהם אקעגען געשריען פון די טיש־לעך:

— מר. מעלניק, ניט געזעהן מיין מאן?

— יעס, געזעהן.

— ער קומט ארויס?

— ער שוויצט אין שטאדט, מיסעס — האט דער אנקעל ברייט אבגעענטפערט.

מיסעס פליישמאן האט אנגענומען מאשא'ן ביי דער האנד און געשמייכעלט איהר אין פנים אריין, ניט וויסענדיג ווי זי צו בעגריסען.

— דאס איז מיין כלה, מיסעס פליישמאן — האט אנקעל מא־זעס פארגעשטעלט מאשא'ן.

מאשא איז בלייך געווארען און דערשראקען, און ניט געפונען קיין כח אווארט צו ריידען.

ביי די טישלעך מיט די נאקעטע פרויען אין די קאסטומען, וואו מען האט אין קארטען געשפיעלט, איז ארומגעגאנגען א גע־מורמעל ווי אין ביהנשטאקען...

## 4.

## מאַנעס אַגיטאַטאָר.

אַנקעל מאָזעס האָט זיך גענומען אויף ערנסט אַ חתן צו ווערען. ער האָט בעפוילען אהרן מעלניק, אז ער זאָל צוגרייטען אַ גרויסע תנאים און איינלאַדען אַלע קוזמינער לאַנדסלייט. ביער און בראַנ־פען וויפיעל זיי ווילען אויף זיין חשבון. און ער אַליין, דער אַנקעל, איז ארומגעגאַנגען מעשה חתן. עס איז געווען אַ פרייד און אַ לוסט צוצוזעהן ווי ער פיהרט זיך אויף, ווי ער קויפט איין די כלה־מתנות, און וויזט זיי אַלעמען. די קוזמינער לאַנדסלייט האָבען זיך גע־פרעהט מיט דעם, וואָס דער אַנקעל איז אַ חתן געוואָרען, ווי מיט זייער אייגענער שמחה. זיי האָבען נור ניט פערגונען אהרן'ען דאָס גליק. און ווידער האָבען זיי זיך געטראַכט, גלייכער אַז אייגענער זאָל אריינקומען אין „שמאַלץ גרוב“, איידער אַ פרעמדער. מען קען גיכער אַ טובה קריגען. און האָבען גע'חנפ'עט אהרן מיט זיין ווייב, מיט זיינע קינדער, ווי דורך זיי וואָלט מען צוגעקומען צום העכסטען גליק.

דערווייל איז סעם, דער קאָזין, ניט געשלאָפען. נאָך דעם זעלבען אבענד, ווען דער אַנקעל איז ארויסגעפאָהרען מיט מאַשאַ'ן, איז סעם אַוועק צו זיין קאָזין מאַנעס — מיט איהם זיך מיישב צו זיין וואָס צו טהאָן צו פערהיטען דאָס אונגליק, אז דער אַנקעל זאָל ניט חתונה האָבען.

מאַנעס אַליין פון גאַנץ קוזמין האָט געפיהרט דאָ אין אמע־ריקאַ דאָס זעלבע לעבען, ווי ער האָט געלעבט אין דער היים. אין דער היים איז מאַנעס געווען אַ וואוילער יונג. ער האָט מלחמה געהאַלטען מיט'ן גאַנצען שטעדטעל, מיט'ן רב, מיט'ן נגיד, מיט'ן פראַצענטניק, מיט אַלע זייערע מנהגים און פיהרונגען, און ער האָט געפיהרט זיין אייגען ארט לעבען. מאַנעס האָט זיך אין דער היים גע'חור'ט מיט שקצים. דער אייגציגער איד וואָס האָט געהאַלטען טויבען, האָט ניט געקענט פערטראָגען קיין עולה, סיי געגען זיך און סיי געגען פרעמדע, און האָט קיינמאָל ניט געקלאָגט זיך פאַר'ן ייִנ־

ריכט. נאָר ער האָט געהאַט זיין אייגענעם געריכט. ער איז געווען דער שופט און ער האָט בעצאָהלט פאַר אונרעכט. גאַנץ קוזמין גע־דענקט נאָך דעם שפּיצעל, וואָס מאַנעס האָט אָבגעטהאָן צו יואל פּראַ־צענטניק.

ווען מאַנעס איז אהיים געקומען פון סאָלדאַטען, האָט ער געפֿו־נען, אז דאָס שטעדטעל קוזמין איז געווען אין גאַנצען פערשולדיגט צו יואל פּראַצענטניק, וועלכער איז געווען דער רייכסטער מענש פון שטאָדט. אַלע הייזער זיינען געווען פער'משכנ'ט צו יואל'ן, אַלע כלה־מתנות, חתונה־געשאַנקען ליגען אין אַ גרויסען קאַמאָד ביי יואל פּראַצענטניק. דאָס שטעדטעל קרעכצט אונטער דעם שווערען יאָך פון צינזען, וואָס יואל פּראַצענטניק האָט אויף די איינוואָהנער ארויפ־געלייגט. אַלע ארבייטען פאַר איהם. און אז יואל געהט ארום יעדען פריה־מאָרגען איבער די הייזער אויפמאָהנען זיינע צינזען — פאַלט אָן אַ שרעק איבער די איינוואָהנער. מאַנעס האָט נים געקענט איבערטראָגען די עולה. האָט ער זיך מיישב געווען מיט'ן סטאַרשי סטראַזשניק וואָס צו טהאָן. ביי יואל'ן האָט געדיענט אַ מויד — האָט זי געוואוסט וואו די אַלע משכנות זיינען בעהאַלטען. די מויד איז אָבער געווען געטריי יואל'ן און ניט געוואָלט ארויסגעבען. האָט מאַנעס איהר צוגעשאַרט אַ יונג פון זיינע יונגען פאַר אַ חתן. דעם חתן האָט מען צוגעזאָגט נדן, האָט ער ארויסגעקראָגען פון דער מויד, אַז יואל האַלט די משכנות פערשטעקט אין גרויסען שופליאַד און די שליסלען אונטער'ן קישען. האָט ער אָבגעמאַכט מיט דער מויד, אַז זי זאָל ביינאַכט די טהיר עפענען אין דער שטיל. ביינאַכט איז מאַ־נעס צוגעפאָהרען מיט אַ פוהר פאַר יואל'ס הויז, ארויסגענומען מיט נאָך אַ יונג די גאַנצע קאַמאָד פון שטוב, ארויפגעלייגט אויף דער פוהר און אוועקגעפיהרט צום וואַסער. די וועקסלען האָט מאַנעס צוריקגעשיקט יעדען בעל־הבית אין שטוב אריין. די אָרימע משכנות, די זילבערנע לייכטער, חופה־וקדושין פינגערלאַך, אוירריגגלאַך, יע־דען איינעם אָבגעגעבען לויט דעם נאָמען, וואָס איז געשטאַנען אויפ־געשריבען אויפ'ן קוויטעל, וואָס איז געהאַנגען ביי יעדען משכון (יואל איז געווען אַן אקוראַטנער מענש). די גאָלדענע זייגערס האָט דער סטאַרשי סטראַזשניק צוגענומען פאַר זיך און דאָס באַארע געלד, וואָס האָט זיך געפונען אין שופליאַד, האָט מאַנעס צוגענומען פאַר

זיך. די מויד, וואָס האָט אויפגעפּעסנט די טהיר, האָט ער געגעבען א פּאָר הונדערט רובעל נדן, חתונה געמאַכט זי מיט'ן חתן, און דאָס גאַנצע שטעדטעל האָט זיך געפרעהט און געטאַנצט אויף דער חתונה.

די לעדיגע קאַמער האָט מאַנעס די צווייטע נאַכט געבראַכט צופיהרען צו יואל'ן און זי אוועקגעשטעלט הינטער דער טהיר.

אזוי האָט מאַנעס אמאָל בעפרייט גאַנץ קוזמין פון אונטער יואל פּראַצענטניק'ס שווערען יאָך. די קוזמינער לאַנדסלייט דער־צעהלען נאָך ביז היינטיגען טאָג דעם נס פון דער בעפרייאונג און בענשען איהם די הענד.

אַז מאַנעס איז אַראָבגעקומען קיין אמעריקא (געמוזט אַנט־לויפען, טאַקע צוליעב דער גנבה), האָט ער לאַנג אין שאַפּ ביים אַנקעל מאַזעס ניט געקענט איינזיצען. מאַנעס איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט זיך בעפרייט פון אַנקעל מאַזעס' שאַפּ און האָט דאָ אין אמעריקא געפיהרט דאָס זעלבע לעבען, וואָס אין דער היים. ער האָט באַלד דערבאַפּט די אמעריקאַנער לופט און איינגעזעהן, אַז אויב ער זאָל לעבען לוים'ן געזעץ, וועט ער לאַנג ניט דערלעבען, און וואַרטען ביז עס וועלען אַנדערע, בעסערע געזעצע געמאַכט ווערען, קען ער דערוויילע אריינוואַקסען אין קבר אריין. האָט זיך מאַנעס געזאָגט, אַז מען דאַרף זיך אַן עצה געבען. האָט ער באַלד איינגעזעהן, אַז אין אמעריקא איז דער עיקר גוטע ברידער, אַ סך גוטע ברידער צו האָבען, און איינער זאָל דעם אַנדערען געבען אַ „שאָו". איז מאַנעס באַלד געוואָרען אַ מעמבער פון אַ סך סאָסייעטים. נאָך דער טהעטיגסטער מעמבער איז ער אין דער סאָסייעטי צו קעמפּפען גע־גען פּראָהיבישאָן. מאַנעס האָט שוין אייריש־לייט פאָר גוטע ברידער, אירען האָט ער פיינד — וואָהנען וואָהנט ער צווישען די איירישע, ניט ווייט פון די יאַטקעס. געוואָרען איז ער אַ קאָנטראַקטאָר ביי הייזער, האַלט אַ פּאָר פּוילישע שקצים מויערערס, פּיינטערס, און גוטע ברידער שאַרען אונטער ארבייט. מאַכט זיך טראָבעל, קומט מען צום קעפּטען אליין. אַז נישט — צום באָס, צום פּאָליטישען באָס פון דיסטריקט. דערפאַר, אַז עס קומט צו די „עלעקשענס", איז מאַ־נעס „אָלל־רייט". דאָס גאַנצע פענסטער איז ביי מאַנעס'ען בע־האַנגען מיט פּיקטשורס פון זיינע „לייטע". מאַנעס לויפט ארום צו

די לאַנדסלייט און אַגיטירט. מאַנעס גיט טיפּס. מאַנעס אַרבייט אויף אַלע כּלים. אין דעם טאָג פון „עלעקשענס“ טהוט זיך מאַנעס אָן פאַר אַן אײַרישמען, אין אַ גרינעם נעק־טיי און שטעלט זיך אַוועק „וואַטשען“. ניט איינמאָל קומט אויס צו איבערצייגען די געגנער מיט הענד אַרגומענטען, און אויף דעם איז מאַנעס דער בעסטער אַגיטאַטאָר אין דיסטריקט. ווען מען דאַרף מאַנעס׳ן שלעפּט מען איהם פון איין עלעקשאָן־סטיישאָן צום אַנדערען, אַז ער זאָל דיס־קוטירען מיט די הענד. דער באָס פון דיסטריקט האָט איהם אַ נאָמען געגעבען „אַגיטאַטאָר“, אין קלאָב פון די אַנטי־פּראָהיבישאָן, וואָס געפינט זיך אויף דער עק גאַס, וואו עס איז געהאַנגען די בילדער פון אַלע געוועזענע באָסעס, איז מאַנעס בעריהמט אַלס דער בעסטער אַגיטאַטאָר.

פאַרנאַכט שוין, אין דעם טאָג פון די עלעקשאָנס, איידער די רעזולטאַטען זיינען נאָך בעוואוסט, בעהענגט מאַנעס דאָס גאַנצע הויז זיינס מיט בעזימער, מיט גרויסע ברומס, און ער און זיין ווייב און אַלע זיינע קינדער האַלטען גרויסע גראַגערס אין די הענד און גראַגערען אַרויס די אַנדערע פּאַרטיי...

דאָס יאָהר איז מאַנעס אָלל־רייט. דער גאַנצער דיסטריקט בע־לאַנגט צו איהם. דער דזשאָדזש איז זיינער און דער דיסטריקט אַטאָרני איז זיינער און אַלע קאָפּס זיינען זיינע. די גאַנצע שטאָדט איז זיינע. דורך דעם פיהלט זיך מאַנעס שטאַרק דעם יאָהר. און מאַנעס איז בעריהמט ביי אַלע זיינע לאַנדסלייט דאָס יאָהר. און ווען אימיצער פון די קוזמינער לאַנדסלייט האָט געהאַט עפּעס טראָ־בעל, עפּעס צו טהאָן מיט פּאָליציי, אָדער מיט דעם דזשאָדזש, איז מען געגאַנגען צו מאַנעס׳ן, און מאַנעס האָט שוין געמאַכט אַזוי, אַז עס איז געווען „אָלל־רייט“.

און ווירקליך האָט מאַנעס בעזעסען אַ געוויסען געפיהל צו גע־רעכטיגקייט. ער האָט פון דער נאַטור ניט געקענט איבערטראָגען קיין עולה. די איינאָרדנונג פון דער וועלט, אין וועלכער ער האָט געלעבט, איז געווען אַזאַ, אַז ניט אַלע מאָל זיינען די איינריכטונגען געגאַנגען האַנד אין האַנד מיט די גערעכטיגקייט. און ניט אַלע מאָל איז געווען אַזוי לייכט צוצוקומען צום געזעץ און ניט אַלע מאָל איז דאָס געזעץ געווען גערעכט. דורך דעם האָט מאַנעס געפונען דעם

וועג פון זיין פּארטיי — צו שטיצען גוטע ברידער און אָנצוגעהמען זיך פאר אַן איינגענעם — א פּיעל נעהענטערען און גלייכערען וועג צו גערעכטיגקייט — ווי דאָס טויטע ווארט פון געזעץ. דורך דעם איז מאנעס געווען אַן אמת'ער, געטרייער דיענער און איבערגעגע־בענער צו זיין פּארטיי, ווייל ער האט זי געהאלטען פאר די בעסטע און גערעכטע. פאר'ן דזשאַדזש, דעם ליעדער פון זיין פּארטיי, וואָס איז נאָך דערצו געווען א איד, וועלכער האט שטענדיג געגעבען מאַ־נעס'ן די האנד, ווען מאנעס האט איהם אָנגעטראָפען אין גאַס, און ער פלעגט איהם זאָגען „העלאָו, אַגיטאַטאָר!" — פאר דעם דזשאַדזש וואָלט מאנעס אוועקגעגעבען דאָס לעבען. אין דעם דזשאַדזש האָט מאנעס געזעהן א פּערקערפּערונג פון זיין אידעאַל. דזשאַדזש גרינ־פעלד איז געווען זיין מענש; אַז מען האָט עפּעס בעדאַרפט, איז ער צום דזשאַדזש אַהיים געגאַנגען און זיך דורכגעשמועסט מיט איהם. פאר דעם דזשאַדזש האָט מאנעס ניט געהאט קיין געהיימניסע. דעם דזשאַדזש האָט ער געזאָגט דעם אמת, און דער דזשאַדזש האָט איהם געלערענט ווי אזוי ער זאָל זאָגען מאָרגען אין געריכט פאר איהם.

דזשאַדזש גרינפעלד איז געווען מאנעס'עס אידעאַל, און דורך דעם וואָס דזשאַדזש גרינפעלד איז נאָך געווען א איד, און א גוטער איד דערצו, וועלכער האָט יעדען שבת געדאַווענט — איז ער געווען מאנעס' שטאָלץ. און כאָטש מאנעס אליין איז ניט פרום געווען און מאנעס אליין האָט ניט געקעהרט פאר גאָט, דאָך איז עס איהם גע־פעלען, וואָס דער דזשאַדזש געהט דאַווענען יעדען שבת און איז א מאַכער אין אידישע חברות. און דערפאר וואָס אין אמעריקא איז פאראַן א אידישער דזשאַדזש, וואָס אין אמעריקא איז פאראַן אַזא פּאַרטיי, ווי זיינע, וואָס טהוט פאר א גוטען ברודער אלעס — האָט מאנעס ליעב געהאט אמעריקא — דאָס לעבען. אמעריקא — מאַי קאַונטרי — פלעגט מאנעס מיט שטאָלץ טענה'ן צו די איריש־לייט. און מאנעס איז געווען אַ גרויסער פּאטריאָט פון אמעריקא און פון דזשאַדזש גרינפעלד, ווייל דזשאַדזש גרינפעלד איז געוואָרען ביי איהם דער סימבאָל פון אמעריקא. ביי איהם אין שטוב האָט געהאנגען פון איין זייט וואשינגטאָן'ס פּאָרטרעט און פון דער אנדער זייט דעם דזשאַדזש'ס פּאָרטרעט. און, איז געקומען אַן אמעריקאנער יום־טוב, האָט מאנעס אין פענסטער ארויסגעהאנגען א גרויסע אַמע־

ריקאנער פלעג, און פון איין זייט וואשינגטאן'ס פארטרעט און פון דער צווייטער זייט דזשאדזש גרינפעלד'ס פארטרעט...

דורך דעם האט מאנעס פיינד געהאט די נייע פארטיי, וואס איז אויפגעשטאנען, די סאשעליסטס. ערשטענס, וואס זיי זיינען ניט קיין פאטריאטען און מאכען אן טראבעל, און דאס צווייטע, וואס זיי אגי־טירען געגען דעם דזשאדזש. ער האט זיי ניט פערשטאנען און ניט געוואוסט, וואס זיי ווילען. די אנדערע פארטייי האט ער פערשטא־נען. די רעפובליקאנער ווילען האבען זייערע לייט, כדי זיי זאלען קריגען „פול", און מיר לאזען זיך ניט. אבער וואס ווילען די סא־ציאליסטען? יושר? ווי ווייט קען מען געהן מיט יושר! און וואס וועט שוין זיין, אז עס וועלען זיין עהרליכע עלעקשאנס, וועמען וועט דערפון א טובה ארויסקומען? „ווער וועט עפעס דערפון הא־בען?" פלעגט ער טענה'ען און זיין איבערציינגט אין זיינע רייד. „עס וועלען אריינפאלען ניט קיין פאסענדע מענשען, עפעס לאפע־טומעס. א איד וועט האבען טראבעל, וועט ניט זיין צו וועמען צו געהן, צו וועמען זיך צו ווענדען".

— האסט געהערט, יושר ווילען זיי האבען — ווער בעדארף האבען דעם יושר, אז דער יושר קען נישט העלפען, צו אלדי שווארצע יאהר.

און צום „גוטען ברודער" מאנעס האט זיך סעם געווענדעט יעצט, ווען דאס אומגליק האט זיך געטראפען מיט'ן אנקעל. סעם איז אין אבענד אוועק צו מאנעס'ן. מאנעס'ן האט ער געטראפען אין קלוב פון די אנטי־פראהיבישאן איז סאלון אויפ'ן קארנער, דארט, וואו עס האט זיך אויך געפונען דער פארטרעט פון וואשינגטאן און פון „דזשאדזש". מאנעס איז געווען א הויכער, א דארער, מיט א גלאט פערקעמטען שייטעל, ביי די פאות האט זיך איהם שוין געגרויעט, און די קורצע געשוירענע וואנסלעך האבען זיך אויך שוין געגרויעט. מאנעס האט גלייך פערשטאנען, אז עס איז טראבעל. ווארים אז סעם זאל קומען צו איהם — סעם איז געווען א גרויסע פויגעל, דעם אנקעל'ס רעכטע האנד — אז סעם זאל זיך פלוצלונג בעוויזען, מוז עפעס זיין אינטערעסאנטעס. און כאטש מאנעס האט ניט געהאלטען פון סעם'ען און איהם ניט געגליכען — ווייל סעם איז אזוי געטריי דעם אנקעל, און לאזט ניט פערדיענען קיין „גוטען ברודער" — דאך

איז סעם געווען אַ צו „וויכטיגע פויגעל", אַז ער זאָל זיך ניט פרעהען מיט זיין וויזיט.

— וואָס איז געשעהן? — טראָבעל? האָט מאָנעס געפרעגט. ער האָט געוואוסט, אַז צו איהם קומט מען ניט אַנדערש, סיידען מען האָט טראָבעל.

— קום אַרויס מיט מיר, וועלען מיר רעדען.

— דאָ קענסטו רעדען ווי אין דער היים. — דאָ זיינען אַלע מיינע גוטע ברידער. קענסט רעדען.

— דער אַלטער געהט דאָך חתונה האָבען — האָט סעם געזאָגט זיך צורוקענדיג צו איהם.

— ווער, דער אַנקעל? — האָט מאָנעס געפרעגט אויפגערעגט.

— יאַ, מיט אהרן מעלניק'ס קליינע מויד.

— ער וועט האָבען קינדער, דער אַלטער — האָט מאָנעס געזאָגט ווערענדיג בלייך.

— וואָס, קראַנק איז ער דען, דער אַלטער?

אין אַנקעל זיינען אַלע געווען פעראינטערעסירט. אַלע לאַנדסלייט, משפחה ניש משפחה — דער אַנקעל איז געווען אַ היימישע זאַך. ווי אַ קעניג ביי אַ פאָלק, אָדער אַ פאָטער ביי קינדער. אַלע זיינען זיי שטאָלץ געווען מיט זיין פערמעגען, אַלע האָבען עפּעס געהאָפט אויפ'ן אַנקעל.

— לינסט דו דאָך אין דר'ערד, איך האָב דיר שטענדיג געזאָגט: טהייק קער אָף יורסעלף. זאָג מיר, האָסטו זיך עפּעס אָנגעגרייט?

— איך בין איהם געטריי געווען ווי אַ הונד, ניט קיין גראָשען קיין אייגענעם, נישט פערגונען צו ספּענדען אַ ניקעל — איך האָב איהם געדיענט ווי אַ געטרייער הונד — יעצט וואָס? זי וועט מיך נאָך הייסען געהן אויך — וואָס בין איך ביי איהר, ווער בין איך! האָט זיך דער גרויסער סעם צו־וויינט פאַר מאָנעס'ן.

מאָנעס האָט געהאַט אַ ווייך הארץ, און, ווי געזאָגט, אַ גע־פיהל פאַר גערעכטיגקייט. ער האָט ניט בלויז רחמנות געהאַט אויפ'ן יונג, ער האָט אויך איינגעזעהען די גאַנצע גערעכטיגקייט פון דעם יונג וואָס וויל ניט, אַז דער אַנקעל זאָל חתונה האָבען, כדי די ירושה ניט צו פערלירען. און דערפאַר איז ער געווען דעם אַנקעל געטריי

און עהרליך איהם געדיענט. מאנעס האט געפיהלט דאס בעדערפע־ניס דעם יונג צו העלפען:

— ער האט דאך, דאכט זיך, געהאט צו טהאן מיט א ווייבעל?

— ער האט פון איהר דריי, פיער קינדער, וועלכע ער האלט אויף.

— און וואס שווייגסטו, נאר, פיהר מיך גור אהין צו דער אי־דענע. ער וועט שוין ניט חתונה האבען, דער אלטער.

— מאנעס, מהו איהם נישט קיין שלעכטס, עס איז א רחמנות אויפ'ן אלטען — האט סעם געזאגט ארויסגעהענדיג.

— וואס הייסט איך וועל איהם טהאן שלעכטס, ער איז דאך מיין אנקעל אויך און עפעס אן אלטער מאן — האט מאנעס אבגע־ענטפערט מיט א בעליידיגונג.

---

.5

## אנקעל מאזעס זעהט אלעס פאראוים.

אנקעל מאזעס האט אבער אלעס פאראויסגעזעהן און ווי א געניטער סוחר האט ער ליעב געהאט, בעפאר ער געהט אבטהאן א ביזנעס, זאל ער זיך מיט אלעמען פערזיכערען, אז קיינע איבער־ראשונגען, קיינע „דיסאפוינטמענטס" זאלען זיך מיט איהם ניט טרעפען. בעפאר אנקעל מאזעס האט זיך געקליבען א חתן ווערען מיט מאשא'ן, איז ער אוועק צום מאן'ס ווייבעל, מיט וועלכע ער האט קינדער געהאט, און איז דורכגעקומען מיט איהם.

— וואס ווילסטו, זאג?

דער ווייבעל'ס מאן איז געווען א קליין, נידעריג, שווארץ, ברוין אידעל, א שווארץ־האריג בעוואקסענער, דאס פנים, די הענד, דער האלז — אלסדינג וואס מען האט ביי איהם ארויסגעזעהן איז געווען בעוואקסען מיט האהר, פון די האהר האבען זיך ארויסגעבלישטשעט צוויי שווארצע אויגעלעך, ווי צווי שווארצע מייזלעך. ער איז געווען ביים ווייבעל אונטער'ן פאנטאפעל. דאס ווייבעל האט געפיהרט א לאנטש־רום, אביסעל לעמבערגער שנאפס, זיסען, היימיש־געמאכטען,

מיט פעטע לעבערלעך צו פערבייסען האָט מען געקראָגען אין לאַנטש-רום. און דערפאַר וואָס דאָס ווייבעל איז געווען אַ חן'עוודיגע, מיט אַ פּאָר חן-גריבעלעך, וואָס האָבען זיך געשפּיגעלט אין איהרע פעטע בעקלעך, האָט זי געצויגען צו זיך עלטערע ביזנעס-לייט. די ביזנעס-לייט האָבען אויף איהר געזאָגט, אַז זי איז אַזוי בע'טעמ'ט, ווי די פעטע הינטערשטע טהייל גענזלעך און קאַטשקעלעך וואָס מען קריגט ביי איהר... דאָס ווייבעל איז געווען די פיהרערין פון די ביזנעס, און דער מאַן האָט איהר ארויסגעהאָלפען. זיין ארויסהעלפען אין די ביזנעס איז בעשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט איינגערעדט אַ פּאָר ביזנעס-לייט וואָס האָבען געהאַט אַ נעהענטערען צוטריט, אַז זיי האָבען אַן אַנטהייל אין די קינדערלעך וואָס זיין ווייב האָט. און האָט אויפ-קאַלעקטירט געלד דערפאַר. און אַזוי ווי ער האָט ניט געהאַט מעהר פון דריי קינדער — זיינען זיינע קליענטען געווען בעגרענעצט און זיינע איינקונפטען זיינען געווען קליין. און ווירקליך האָט ער ניט גע-וואוסט, צו וועמען זיינע דריי קינדער, וואָס ער האָט פון זיין ווייבעל, בעלאַנגען: צו איהם, צי צום אַנקעל מאָזעס, אָדער צו אַן אנדער ביזנעס-מאַן פון דילענסי סטריט. דאָס האָט איהם אָבער ניט גע-שטערט צו זיין אַ געטרייער פאָטער צו די קינדער, צו זאָרגען פאַר זייערע רעליגיעזע ערציהונג. געגאַנגען מיט זיי אין שוהל אריין דאַווענען — וועלכעס ער אַליין האָט געלערענט מיט זיי.

— מיסטער מעלניק, וואָס הייסט וויפיעל איך וויל? — עס זיי-נען דען מיינע קינדער? עס זיינען דאָך אייערע קינדער!

— נו, נו — האָט איהם דער אַנקעל געקיצעלט מיט אַ פינגער — דו האָסט אויך אַ חלק אין זיי.

— מיסטער מעלניק, עס זיינען אייערע קינדער — האָט איהם דער איד פערזיכערט ערנסט. אדרבה, פרעגט גיטלען (דאָס ווייבעל האָט געהייסען גיטעל), אדרבה, פרעגט זי.

— אַז איך ווייס נישט וועלכעס איז מיין, וועלכעס איז דיין, און וועלכעס איז דעם ביזנעס-מאַן'ס פון דילענסי סטריט — לאַכט דער אַנקעל.

— מיסטער מעלניק, זי איז געווען אייער ווייב מעהר פאַר אַלע-מענס, בעליוו מי — פערזיכערט איהם דער יונגער מאַן.

דאָס האָט נור דער יונגער מאַן אַזוי געזאָגט, כדי פון אַנקעל וואָס מעהר געלד אַרויסצוקריגען. אין האַרצען אָבער איז ער געווען איבערצייגט, אַז די קינדער זיינען זיינע, יענע — דעם אַנקעל און דעם צווייטען סוחר, נאָרט נור דאָס ווייבעל אָב, זי רעדט זיי איין, ווייל מען דאַרף דאָס צו די ביזנעס...

— און וואָס וועט זיין, אַז איך וועל דיר מאַכען פאַר אַ קאָללעקטאָר איבער די הייזער אין עסעקס סטריט, וועט זיין אַלל־רייט?

דער יונגער מאַן האָט געוואָלט צופאַלען צום אַנקעל, כאַפּען דעם אַנקעל'ס האַנד און קושען; זיין גרעסטע אַמביציע אין לעבען איז געווען צו ווערען אַ קאָללעקטאָר פון טענעמענט הייזער. שמעגדיג אונטערגעדריקט, ליגענדיג אונטער דער ווייבעל'ס פאַנטאָפעל — האָט דער שוואַרץ־האָהריגער אידעל גע'חלום'ט אַליין צו ווערען אַמאָל אַ הערשער, צו געוועלטיגען איבער אַנדערע. און אַזוי ווי זיינע אַמביציעס זיינען ניט ווייטער געגאַנגען פון עסעקס סטריט, וואו ער האָט געוואוינט — דורך דעם האָט ער גע'חלום'ט צו ווערען אַ מושל איבער די איינוואוינער אין עסעקס סטריט, אַריינצוקומען אין אַ שטוב אַריין און צו בעפעהלען: „רענט אָדער אַ מוף־צעטעל!“ אַרויסצוואַרפען פאַמיליעס פון זייערע היימען, צו ווערען אַ שטרענגער קאָללעקטאָר, אַז גאַנץ עסעקס סטריט זאָל ציטערען פאַר איהם. דאָך מיט אַמאָל איינצושטימען אויפ'ן אַנקעל'ס פאָרשלאָג האָט ער מורא געהאַט, כדי ער זאָל דערנאָך קיין פערדרוס ניט האָבען, אַז ער האָט געקענט מעהר אַרויסקריגען, האָט ער צוגעלייגט מיט אַ פערשעהמט מינעלע:

— מיט הונדערט דאָלאַר קעש. (מעהר האָט איהם דאָס האַרץ ניט געלאָזט).

— מיט נאָך אַ הונדערטער — האָט דער אַנקעל צוגעשמייכעלט.

דער אידעל האָט ווידער פערדרוס געהאַט, פאַר וואָס האָט ער ניט געזאָגט צוויי הונדערט, אָדער גאָר פינף הונדערט — און עס האָט איהם געביסען. האָט ער אין אַ ווײַלע אַרום ווידער צוגעלייגט:

— מיט אַ מתנה פאַר מיר.

— וואָס פאַר אַ מתנה ווילסטו?

— אַ גאָלדענעם זייגער מיט... מיט... — קלעהרט דער אידעל וואָס ער זאָל זאָגען — מיט נאָך אַ פינף און צוואַנציגער.

— דעם גאָלדענעם זייגער קריגסטו, די פינף און צוואַנציג דאָלאַר ניט — קיין איין סענט ניט מעהר — שרייב אונטער דאָס פּאַפּיער, אַז די קינדער זיינען דיינע, און דו האָסט גאָר ניט צו מיר.

— שוין, שוין, מיסטער מעלניק לעבען — האָט דער שוואַרץ־האָהריגער איד צוריקגעכאַפּט, מורא־האָבענדיג אַז דער אַנקעל זאָל ניט חרטה קריגען, און איז צופריעדען געווען, וואָס ער האָט פון אַנקעל אַלעם ארויסגעקריגען וואָס עס האָט זיך נור געלאָזט ארויסקריגען, און וועט מעהר קיין פּערדרוס ניט האָבען. דער אַנקעל אָבער, וועלכער האָט פערשטאַנען יענעמס מיין, האָט דערנאָך חרטה געהאט וואָס ער האָט איהם די 25 דאָלאַר קעש ניט נאָכגעגעבען — כדי יענער זאָל זיך פּייניגען, אַז ער האָט געקענט נאָך מעהר ארויסקריגען.

— גיטעל לעבען — האָט דער מאַן אריינגעשריען אין לאַנטשרום — קום נור אריין.

גיטעל, וועלכע האָט געבאַמעלט מיט איהרע פערעלדיגע אויער־רינגלעך אין די אויערען, מיט די האַלב צולאָזענע שוואַרצע האָהר, איז אריינגעקומען מיט אַ קאָקעטיש מינעלע, וועלכעס האָט זיך בעהאַלטען אין די שמאַלצענדע חן'עוודיגע גריבעלעך.

— פּנחס לעבען, האָסט מיך גערופען — האָט דאָס ווייבעל אויסגעזונגען, דערזעהענדיג דעם אַנקעל.

— מיסטער מעלניק געהט דאָך חתונה האָבען, ווינש איהם מזל־טוב, גיטעל לעבען — האָט דער מאַן געזאָגט.

גיטעל לעבען, וועלכע האָט געוואוסט פון די אונטערהאַנדלונגען מיט'ן מאַן, האָט זיך געמאַכט ווי זי ווייסט פון גאָרניט.

— וואָס געהט עס מיך אָן, וואָס מיסטער מעלניק געהט חתונה האָבען!

— און איך ווער דאָך ביי מיסטער מעלניק אַ קאָללעקטאָר פון די עסעקס סטריט הייזער. — דאַנק מיסטער מעלניק, גיטעל לעבען.

אַז גיטעל לעבען האָט דאָס דערהערט, האָט זי זיך צואַווויינט.

דער מאַן האָט זיך ארויסגעמאַכט, איבערגעלאָזט זי מיט'ן אַנקעל, אַז זיי זאָלען זיך זעגענען. דער אַנקעל האָט איהר אָנגעזאָגט, אַז פון היינטמאָל אַז זאָל זי זיין געטריי דעם מאַן איהרען און אויפ־

פיהרען זיך בעסער, און זי זאָל ניט וויינען. נאָך דער חתונה וועט ער זי אויך געדענקען. און אז דער מאַן איז אריינגעקומען האָט ער שוין געפונען דאָס ווייבעל בערוהיגט. דער אָנקעל האָט דעם מאַן אויך אריינגערופען אין אַ ווינקעל און איהם אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל זי גוט בעהאנדלען און אָבהיטען זי — און זיי ביידע, דער מאַן מיט'ן ווייבעל, האָבען איהם געוואונשען אלדאָס־גוטס, אַז ער זאָל גליקליך זיין און דערלעבען נחת מיט דער נייער יונגער ווייבעל...

— זי זאָל האָבען ביי דיר אַ בעסער מזל ווי איך — מאַזעס לע־בען — האָט זיך דאָס ווייבעל צו־וויינט.

---

אז מאַנעס מיט סעמ'ען, דעם קאַזין, זיינען דערנאָך געקומען צו דער ווייבעל פערקלאָגען, אַז דער אָנקעל געהט חתונה האָבען, האָ־בען זיי געפונען דאָס פּאָרעל, דעם מאַן מיט'ן ווייבעל, גאָר ניט פער־וואונדערט, אדרבה, זיי האָבען זיך נאָך געפרעהט.

— פאַר וואָס זאָל ער נישט חתונה האָבען — האָט זיך דער מאַן אָבגערופען, - און וואָס געהט אונז אָן, אַז דער אָנקעל האָט חתונה?

— ער איז דאָך נאָך אַ יונגערמאַנטשיקעל, פאַר וואָס זאָל ער ניט חתונה האָבען? — האָט דאָס ווייבעל צוגעלייגט ווי אַ מבין'טע.

האָבען זיי ביידע, מאַנעס און סעם, פערשטאַנען, אַז דער אָנ־קעל איז שוין דאָ פריהער געוועזען פון זיי, און האָט אלצדינג שוין פער־ריכט — האָבען זיי געשוויגען.

— סעם, האַק אָב, אַלצדינג האַק אָב, וויש אָב דאָס מויל און מאַך אַ שווייג, זעהסט דאָך עס איז פערפאַלען — האָט איהם געראַטהען מאַנעס.

— מאַך זיך ווי דו ווייסט פון גאָר נישט, און אַז דו וועסט עס דערהערען, פרעה זיך דערמיט. פרעה זיך זעהר, ווינש דעם אָנקעל מזל־טוב און ווער גוט מיט אהרן'ען און מיט די גאַנצע משפחה פון דער ווייבעל, חנפ'ע זיי, ריהם זיי, לעק זיי, אַלצדינג, ביזט ביי זיי אין די הענד, גוטער ברודער — האָט איהם מאַנעס געלערענט.

סעם האָט געוואוסט אַליין וואָס צו טהאָן. געוויים האָט ער בע־שטימט אזוי צו טהאָן. איז דען געוועזען אַן אנדער עצה? אָבער אין הארצען האָט ער זיך אַנדערש געטראַכט. ער אליין איז ארויסגעקומען

פון דער משפחה מעלניק — איז געווען דעם אַנקעל'ס אַ קאַזיז, און ניט בחינם האָט ער זיך גענומען דעם אַנקעל פאַר אַן אידעאַל און האָט איהם אין אַלצדינג נאָכגעטהאָן.

נײן, ער האָט זיך ניט געקענט אַזױ לײכט אָבזאָגען פון זײנע אַמביציעס דעם אַנקעל צו ירשנ'ען און אַלײן אַמאָל צו פערנעהמען דעם אַנקעל'ס שטעל — און ער איז בערײט געווען אויף אַלצדינג, פאַר גאָר נישט זיך אָבצושטעלען, נאָר דעם שידוך נישט צולאָזען: — ער וועט קינדער האָבען, דער אַלטער, — האָט זיך דער יונג געטראַכט.

אַלעס פאַראויסגעזעהן, אַלעס פעררױכט, אַז קײנע איבערראַשונגען און קײנע „דיסאַפּאָינטמענטס" זאָלען זיך ניט טרעפען, האָט אַנקעל מאַזעס בעפוילען אהרן מעלניק די תנאים אַנצוגרײטען. אַ סך געזונענס, און ביער, און שנאַפּס אויף זײן חשבון, די קוזמינער לאַנדסלײט האָט ער אָבגעלאָזט אויף אַ האַלבען טאָג, אַז זײ זאָלען קומען צו די תנאים. די קוזמינער לאַנדסלײט האָבען עס טאַקע געהאַלטען פאַר אַ קוזמינער גליק, וואָס דער אַנקעל נעהמט אַ פּראָסט אָרים מײדעל פון זײנע לאַנדסלײט פאַר אַ כלה. און אַלע האָבען זיך דורך דעם געפיהלט געהויבען און געהאַלטען זיך פאַר די מחותנים.

אויף די תנאים האָט דער אַנקעל געלאָזט וויסען די קוזמינער לאַנדסלײט, אַז די חופּה וועט ער שטעלען אין אַן אײגענער קוזמינער שוהל, וועלכע ער וועט קױפען פאַר די קוזמינער לאַנדסלײט. די קוזמינער לאַנדסלײט האָבען געוואָלט איהם קושען די הענד, און זײנען איהם דאַנקבאַר געווען, וואָס ער האָט זײ אײנגעלאַדען אויף די תנאים, און וואָס ער געהט פאַר זײ קױפען אַ שוהל. זײ האָבען איהם בעוואונשען דעם קאָפּ מיט ברכות און געשפּיגעלט זיך און געפרעהט זיך מיט זײן גליק און עשירות. זײ האָבען איהם פערגליכען צו אַלע אבות — אײנער צו יעקב אבינו, אַז פון איהם וועלען ארויסקומען די שבטים, און אַן אַנדערער — צו משה רבינו, וואָס ער קויפט זײ אַ שוהל, און האָבען שוין אַ נאָמען געזוכט פאַר דער שוהל, און זי אַנגערופען אויפ'ן אַנקעל'ס נאָמען: „אוהל משה אנשי קוזמין".

און דער אַנקעל איז ארומגעגאַנגען אין אהרן'ס רומס אַ צופרידענער, אַ גליקליכער און אַ גוטער, און געזאָגט:

— עסט, טרינקט, קוזמינער לאַנדסלײט, פרעהט זיך, פרעהט זיך, עס איז בײ מיר אַ שמחה...

## 6.

## מאשא ווערט א כלה.

גאנץ קוזמין, וואס האט זיך געפונען אין ניו יארק, האט בעטראכט מאשא'ן פאר דער גליקליכסטער מיידעל אונטער דער זון. האט מאשא אליין ניט געוואגט צו טראכטען אנדערש פון גאנץ קוזמין און האט זיך אויך געהאלטען גליקליך מיט דעם, וואס זי איז א כלה גע־ווארען פאר'ן רייכען אנקעל מאזעס. דער אנקעל האט זי בעשאטען מיט מתנות, בעהאנגען זי מיט טהייערע דזשולערי — דאס מאָ־דערנסטע און טהייערסטע. ער האט איהר יעדען טאג געשיקט די שניי־דעריןֹ, געמאכט איהר רייכע קליידער. אלע טאג האט מען פון די גרויסע סטארס פון די פינפטע עוועניו עפעס אנדערש געבראכט פאר מאשא'ן. זיירענע אונטערוועש, לאקירטע הויכע שיך, פאכערס, האנד־שוהען. דאס מיידעל, וועלכע האט נאך געדענקט דעם פאטער'ס ארימ־קייט און די וואהנונג אין האפקינס סטריט — ווי אזוי האט זי גע־קענט וואגען אנדערש צו בעטראכטען זיך ווי אלע קוזמינער לאנדס־לייט, ווי אלע בעקאנטע? די גאנצע משפחה האט זי בעטראכט און געהאלטען פאר דעם גליק אליין.

דורך דער צייט, וואס זי איז אויסגעוואקסען אונטער דעם אנקעל'ס גונסט, האט זי זיך אויסגעלערענט דעם אנקעל צו געהארכען. זי האט געזעהן, אז אלע קוזמינער לאנדסלייט, איהר טאטע, איהר מאמע — אלע וואס זי האט געקענט, הארכען דעם אנקעל און וואגען ניט איהם אקעגענצורעדען אדער צו טהאן אדער צו טראכטען אנ־דערש, ווי דער אנקעל וויל. „דער אנקעל האט געהייסען" — דאס איז געווען דאס הייליגסטע געבאט, דער שטארקסטער ארגומענט — און דער אנקעל האט געהייסען, אז זי זאל א כלה ווערען פאר איהם. דער אנקעל וויל, אז זי זאל ווערען זיין ווייב, און דעם אנקעל דארף מען אין אלעם געהארכען, אלעם נאכגעבען וואס ער וויל.

זי האט אנגעהויבען צו פיהלען וואס עס הייסט צו ווערען דעם אנקעל'ס א ווייב. זי איז שוין מעהר ניט קיין קינד געווען — און ווען זי האט אליין קיין אייגענע פערלאנגען ניט געהאט, אבער איהר

פאַנטאַזיע האָט געאַרבייט און געמאָהלען איהר בילדער אין איהר פאָר־שטעלונג, ווי זי איז דעם אַנקעל'ס ווייב. טהייל מאָל איז זי געזעסען נעבען איהם און דער אַנקעל האָט זי געגלעט, געדריקט צו זיך, און דאָס ברייטע פּנים זיינס האָט זיך אָנגעלאָפען מיט בלוט, און ער האָט פערשפּרייט זיינע ברייטע גרויסע ליפּען מיט פרייד, און זי שטאַרק געדריקט צו זיך — האָט זי געשלאָגען אַנגסטען. זי האָט זיך געלאָזט, ווייל זי איז געווען צוגעוועהנט צו איהם נאָך אַלס קינד, ווייל דער אַנקעל האָט זי שטענדיג געגלעט — און דער אַנקעל האָט אַלסדינג געמעגט. אָבער זייט ער איז אַ חתן געוואָרען אַנגסט זי פאַר איהם, און ווען ער נעהמט זי אַרום, ווערט איהר אַזוי הייס און אַזוי עפּעס, אַז עס גלוסט זיך איהר באַלד אַבצוּוואַשען...

אין אַבענד, ווען זי איז ביי זיך אין ווייסען זויבערען צימער געווען, וועלכעס איז שוין יעצט געווען רייך אויסמעבלירט מיט דעם ווייסען לאַק־מעבעל, וועלכעס דער אַנקעל האָט איהר געשאָנקען שוין לאַנג צוריק — אין דעם פריש־איבערגעצויגענעם בעט — האָט זי געקלעהרט פון נאָך דער חתונה. זי האָט זיך פאַרגעשטעלט דעם אַנקעל פלוצים נאַקעט. זי האָט ניט געוואָלט דערפון קלעהרען, נור עפּעס איבערגעוואָלט זיינען געקומען די געדאַנקען איהר אין קאָפּ אַריין. און זי האָט געזעהן דעם אַנקעל אַ נאַקעטען, מיט דעם אַראָב־הענגענדען פעטען בויך, מיט אַ באָרד אויף די ברוסטען, און עס האָט זיך איהר געדאַכט, אַז דער אַנקעל געהט נאָך איהר אין בעט אַריין...

האָט זי זיך ניט געוואָלט לעגען אין בעט אַריין. גאַנצע שעה'ן איז זי אָבגעזעסען אין אַבענד בעפאָר זי איז געגאַנגען שלאָפען, זייט זי איז אַ כלה געוואָרען, און מורא געהאַט זיך צו לעגען. און זייט זי איז אַ כלה געוואָרען, שלאָפט זי ניט אויסגעטהאַן, ווי זי וואָלט מורא געהאַט, אַז עס וועט ווער ביינאַכט בעריהרען איהר לייב...

---

טשאַרלי, דעם פעטער בעריל'ס זוהן, האָט נאָכ'ן פאָטער'ס אהיים פאָהרען געוואָהנט מיט דער מאַמען און מיט די עלטערע שוועסטער. טשאַרלי איז געווען בייטאָג אין קאַלעדזש און פאַרטאָג האָט ער פאַר אַ צייטונגס־סטענד ארומגעטראָגען צייטונגען צו די שכנים. די שוועסטער האָט געאַרבייט ביי העטס און די מאַמע האָט

געקאָכט, געוואַשען און געהאַלטען די שטוב פאַר זיי. די אידענע, ווי אָרים זי איז ניט געווען, האָט דאָך געזעהן מיט אַלע מעגליכקייטען דורכצוזעצען, אַז טשאַרלי זאָל קענען געהן אין קאַלעדזש. מיט דער זעלבער אויפאָפּפערונג פון אונזערע פרומע מאַמעס פאַר זייערע לערן־קינדער אין בית־המדרש האָט זיך די אידענע געאָפּפערט פאַר טשאַרלי׳ן ער זאָל געהן אין קאַלעדזש. אין דער היים וואָלט אפשר איהר גרעסטער אידעאַל געווען צו זעהן טשאַרלי׳ן אַ רב; דאָ איז איהר אידעאַל געווען צו זעהן טשאַרלי׳ן אַ געענדיגטען קאַלעדזש. אַז עס איז געקומען צו בעצאָהלען פאַר טשאַרלי׳ן קאַלעדזש־געלד פלעגט די אידענע וועלען דורכזעצען: צו קרובים געלאָפען, צו בעקאַנטע, אָב־געשלאָגען די טהירען פון אָנקעל, און אַז מען האָט נאָר געדאַרפט — האָט די אידענע אַהיים גענומען פון אַ קליינעם קאָנטראַקטאָר צו נעהען הויזען, אָדער איז געגאַנגען אליין אין אַ קליינעם שאָפּ און האָט אויף אַ פאָר וואָכען „געאָפּערייטעט“. די אמביציע פון דער אידענע וועלטען דורכזעצען: צו קרובים געלאָפען, צו בעקאַנטע, אָב־ריין־אידעאַליסטישען גרונד. איהר איז ניט געגאַנגען אזוי פיעל וועגען טשאַרלי׳ס קאַריערע ווי פאַר די תורה אליין. טשאַרלי׳ס לערנען איז ביי איהר געווען ווי ביי אונזערע אַלטע מאַמעס אַ בעצאָהלונג און אַ לוין פאַר איהר פערפינסטערט וואָכעדיג לעבען. זי האָט זיך גע־טרויסט מיט איהר קינד׳ס געלערענטקייט, און העכער זיך געהאַלטען פון אַלע לאַנדסלייט. און אפילו איהר שוואָגער אהרן מעלניק׳ס גרויסע גליק — וואָס דער אָנקעל געהט חתונה האָבען פאַר מאַשאַ׳ן — האָט איהר ניט געקענט אימפּאָנירען געגען דעם, וואָס איהר טשאַרלי געהט אין קאַלעדזש. און אָפט אין דער משפחה, ווען מען האָט מקנא געווען אהרן׳ען דאָס גרויסע גליק וואָס האָט איהם געטראָפען מיט מאַשאַ׳ן — פלעגט זי מיט אַ גלייכגילטיגע אָבער געהויבענע מינע זאָגען:

זואָר עס זוכט עשירות, און ווער עס זוכט געלערענטקייט. איך גיב נאָך ניט אוועק מיין קינד׳ס קאַליש (קאַלעדזש) פאַר דעם גאַנ־צען אָנקעל׳ס פערמעגען.

— איהר וועט האָבען אַ גאָלדענע שטוהל אין גן־עדן דערפאַר — האָט איהר „אַ משפחה“ אָבגעענטפערט.

— יאָ אַ גאָלדענע שטוהל, ניט אַ גאָלדענע שטוהל; וואָרים וואָס איז דען די גאַנצע וועלט? אויף דער וועלט דאַרף מען אויך

זיין א מענש — ניט בלויז א שניידער, — האט די אידענע „געשטא־בען“ די גאנצע משפחה דערפאר, וואס זיי זיינען געווארען דא אין אמעריקא אלע שניידערס.

מאשא פלעגט זיך אפט בעגעגענען מיט טשארלי'ן אין דער ער־שטער צייט נאך דעם פעטער'ס אוועקפאהרען. טשארלי פלעגט ארויפ־קומען צום פעטער אהרן און פלעגט אפט ארויסגעהן מיט מאשא'ן אויף אונטערנעהמונגען, צו געמיינזאמע פריינד, אויף לעקטשורס, אדער אמאל אין טהעאטער, ווען עס איז געווען געלד. מאשא האט זעהר געגליכען צו קוקען אויף טשארלי'ן ווי עס שניידט זיך איהם א פאר וואנסעס און ווי די באקען ווערען בעוואקסען מיט שמאלע, קוים־שפראצענדע באקען־בערד, ווי פאות. זי האט געגליכען איהם צו הערען רעדען וועגען ביכער וואס ער האט געלעזען, וועגען זיין קאלעדזש, וועגען סאשעליזם, מיט וועלכען ער האט זיך שוין דאן אינטערעסירט, און טשארלי רעדט דאכט זיך אזוי קלוג — נור ווען די מיידלעך הויבען אן צו מאכען אויס איהם „פאן“, ווערט ער רויט און ווייסט ניט וואס צו ענטפערען. זי האט געגליכען צו זעהן דענסט־מאל, ווי טשארלי שטעהט אין פערלעגענהייט, און ציליע, איהר חבר'טע, לאכט איהם אויס, מאכט „פאן“ פון זיינע וואנסעס וואס וואקסען איהם ניט אויפ'ן ריכטיגען ארט — און טשארלי שטעהט מיט די גרויסע לאנגע הענד, איז רויט, און שמייכעלט פערשעהמט.

— נעווער־מיינד, אז ער וועט גרויס ווערען, וועט ער זיך גאלען די וואנסעס — האט איהם א פריינדין ארויסגענומען פון טראבעל.

— טשארלי, פליעז, גאל ניט די וואנסעס — האט זיך ביי איהם מאשא געבעטען. אך, ווען איך וואלט געווען א באי, וואלט איך מיר געלאזט וואקסען אט אזעלכע גרויסע וואנסעס — ניט ווי דיינע, וואס זעהען אויס ווי מיט סאדעם אבגעשמירט.

די מיידלעך צולאכען זיך, און טשארלי, דער קלוגער, געביל־דעטער טשארלי, מיט דעם פערריכטענעם קראגען פון העמד, וואס מען זעהט אן דער מאמע'ס לאטע וואס זי האט נעכטען ביינאכט ארויפ־גענעהט, שטעהט א פערשעהמטער.

דער אנקעל האט געזעהן, אז טשארלי קומט צו אפט אריין צו מאשא'ן, האט ער געגעבען א ווונק צו איהר פאטער אהרן:

— ליסטען, אהרן, אי לייק, אז מאשא האט „פאן“. איך האב נאר ניט געגען אויסגעהן מיט טשארלי׳ן, ניט מעהר. וואטש, אהרן, וואטש.

— וואס רעדט דער אנקעל, דאס קינד געהט אויס נאכ׳ן אנ־קעל, — האט אהרן איהם פערזיכערט.

און מיט אמאל האט טשארלי אויפגעהערט אריינצוקומען. „פא“ זאגט, אז טשארלי האט זיך אריינגעלאזט אין פאליטיקס — ער איז געווארען א סאשעליסט, און רעדט אין סטריט אויף די קארנערס. און „פא“ זאגט, אז סאשעליזם איז ניט קיין גוטע פאליטיקס ווייל זיי האבען נעווער א טשענס צו געווינען אן עלעקשאן. ווען שוין יא פא־ליטיקס, האט זיך טשארלי געדארפט אבגעבען מיט די דעמאקראטען, זאגט „פא“, אדער מיט די רעפובליקאנער, וואלט ער כאטש דערפאר געקענט דעם קאלעדזש בעצאהלען און דערנאך געהאט אויסזיכט אויף א גוטען דזשאב, אבער ביי די סאשעליסטס קען טשארלי קיין טשענס ניט האבען, ווייל זיי וועלען נעווער געווינען אן עלעקשאן.

טשארלי האט זיך ניט געוויזען און מאשא האט ניט געקלעהרט וועגען איהם. נור זייט מאשא איז א כלה געווארען, ווילט זיך איהר טרעפען מיט טשארלי׳ן. זי האט אביסעל מורא פאר איהם. מורא? ניין. אבער שעהמען טהוט זי זיך דאך. דאס האט זי צוריקגעהאלטען אויפצווזוכען טשארלי׳ן; אבער וואס האט זי זיך אייגענטליך וואס צו שעהמען? און זי וואלט זיך אזוי דאך געוואלט זעהן מיט איהם... איהר דאכט זיך, אז זי האט איהם עפעס זעהר וויכטיגעס וואס צו זאגען, כאטש זי קען זיך ניט דערמאהנען וואס זי האט אזעלכעס צו זאגען.

און איינמאל, אין א פריהמארגען, האט זיך מאשא אויפגעכאפט נאך א נאכט ניט שלאפען און עס האט זיך איהר געדאכט, אז זי האט זיך שוין ניט פאר קיינעם וואס צו שעהמען. אפילו פאר טשארלי׳ן אויך ניט. זי וועט דאך סיי ווי סיי אין א פאר וואכען ארום שטאר־בען. פאר וואס האט זיך איהר געדאכט אז זי וועט שטארבען — האט זי ניט געוואוסט. נור עס האט זיך איהר אויסגעוויזען אז עפעס וואס וועט געשעהן מיט איהר — און איז באלד פריהמארגענס אוועק צו דער מוהמען. זי האט געוואוסט, אז זי וועט טרעפען טשארלי׳ן אין דער היים, ווארים נאך דער ארבייט ביינאכט, צוטהיילענדיג די

פייפערס צו די קאסטומערס שלאפט טשארלי אין פריהען טאג. עס האט זיך איהר געוואלט טשארלי'ן ארויסנעהמען אויף שפאציער איבער די פינפטע עווענוי אין צענטראל פארק — ווי זיי פלעגען עס אפט טהאן פאר יאהרען בעפאר זי איז נאך א כלה געווען, ווען טשארלי איז צו זיי אריינגעגאנגען. עס איז איהר נייגעריג געווען צו זעהן צי ביי טשארלי'ן זיינען שוין די וואנסעס גרעסער אויס־געוואקסען, און צי ער גאלט זיי ניט — ווי ער האט איהר אמאל אין שפאס פערשפראכען. און שעהמען האט זי זיך אויך ניט וואס — טשארלי ווייסט דאך ניט, אז זי וועט סיי ווי סיי ניט חתונה האבען. ער ווייסט ניט, אז זי וועט באלד שטארבען.

---

7.

## טשארלי מעלניק.

מאשא האט געפונען טשארלי'ן שלאפענדיג. די מוהמע האט זי אויפגענומען מיט איבערראשונג.

— טשארלי, טשארלי, גיב נור א קוק ווער עס איז דא.

טשארלי איז ארויסגעקראכען פון צווייטען צימער מיט א צו־שויבערטען קאפ האהר, אין וועלכען עס האבען געשטעקט פעדערען. די שווארץ־פייערדיגע אויגען זיינען געווען ברייט אויפגעריסען. מאשא האט רעכט געהאט, די וואנסעס האט טשארלי ניט געגאלט — זיי זיי־נען געווען אזוי קליין און דין, אז עס איז אייגענטליך נאך ניט געווען וואס צו גאלען. נור דערפאר וואס די יונגע הערלעך זיינען געווען סאדעם־שווארץ — האבען זיי געגעבען זיין קינדיש־אינגליש פנים א מענליך אויסזעהן. טשארלי איז פערשעהמט געווארען דערזעהענ־דיג פלוצים מאשא'ן, זיין אינגליש פנים איז בענאסען געווארען מיט בלוט, און זיין גאנץ נאקעט לייב, אויף וויפיעל עס האט זיך ארויס־געוויזען פון די קליידער, איז בעגאסען געווארען מיט בלוט — און ארויסגעוויזען האט זיך זיין יונגער קערפער פון זיינע קליידער א גרויס שטיק, ווארים טשארלי איז געווען אין בלויזען יוניאן־סוט. א מי־נוט האט טשארלי ניט געוואוסט וואס צו טהאן פאר איבערראשונג און איז געבליבען אזוי שטעהן מיט זיינע נאקעטע פיס און נאקעטע הענד,

ביז די מאמע האט איהם דערמאנט אין וואס פאר א הולך ער געפינט זיך:

— טשארלי, וואס טהוסטו?

איז טשארלי פערשוואונדען אין דעם צווייטען צימער און מאשא האט געלאכט. די מוטער האט איהם פערענטפערט:

— עס איז דען אויסצוהאלטען פון די היצען? מען וואלט נאקעט אויך ארומגעגאנגען.

די מוטער האט אריינדערלאנגט טשארלי'ן דאס העמד מיט די הויזען, וואס האבען זיך געטריקענט אויפ'ן פייער־עסקייפ, ווארים טשארלי האט זיי פריהער אויסגעוואשען ווען ער איז אהיים געקומען פון די נאכט־ארבייט.

— איך בין געקומען ארויסנעהמען טשארלי'ן פאר א „וואק" אין פארק אריין — זאגט מאשא.

— פאהרט ליעבער נאך קוני־איילאנד, און באדט זיך אויס אין ים — עס איז דאך אזוי שמיקענד. איך זאג איהם שטענדיג נאך קוני־איילאנד, נור ער איז אזא פוילער, מאשא, ליגט א גאנצען טאג אין שטוב, איבער די ביכער — דערצעהלט די מאמא.

— די מאמא האט רעכט, טשארלי. מיר פאהרען נאך קוני־איילאנד, אויפ'ן וועג וועל איך אבטרעטען אין דער היים נאך מיין בייטהינג־סוט. נעהם דיינעם, טשארלי.

טשארלי איז יעצט ארויסגעקומען פון דער צווייטער שטוב אן אויסגעפוצטער, אין א פריש געוואשענעם העמד מיט די אויסגע־וואשענע הויזען, וועלכע זיינען נאך ניט געווען אין גאנצען טרוקען. די הויזען האבען זיך געקלעפט און פון די שווארצע האהר האבען גע־רונען גרויסע טראפענס וואסער איבער'ן פנים פון דעם, וואס טשארלי האט געהאלטען דעם קאפ אונטער'ן קראן.

— איך בין געקומען דיר ארויסנעהמען נאך קוני־איילאנד פאר א שווים — זאגט מאשא — נעהם דיין בייטהינג־סוט.

טשארלי האט ניט ארויסגעוויזען קיין גרויסען חשק. ער האט געשמייכעלט און געזאגט, אז ער דארף עפעס בעזארגען אין שטאדט, און האט קיין צייט ניט. מאשא איז געבליבען קאלט אבגעגאסען פון זיין אנטווארט און זי האט זיך שוין געקליבען אוועקצוגעהן. די מאמא

וואונדערט, וואָס מאשא טהוט אין אַזעלכע היצען אין שטאָדט און פאָהרט ניט ארויס אויף זומער־פּלעזשור, און איז געגאַנגען טרעפען, אַז עס איז אודאי איבער דעם אויסשטייער וואָס זי בעדאַרף זיך מאַ־בען, ווארים זי האָט געהערט, אַז מאשא געהט באַלד חתונה האָבען.

— מען האָט דאָך מיר געזאָגט, אַז עס האָלט שוין גאָר נאָהענט דערביי. נו, זאָל עס דיר זיין מיט מזל.

מאשא האָט ניט אָבגעענטפערט. זי איז רויט געוואָרען און גע־שוויגען. נור פּלוצים האָט זי זיך אָנגערופען ווי מיט אַן עקשנות, קוקענדיג אויף טשאַרלי׳ן:

— עס איז דאָ אין שטאָדט אַזוי פיעל צו טהאָן פאַר דער חתונה, און דער אַנקעל — נור וואָס דער אַנקעל, האָט זי ניט געענ־דיגט. זי איז רויט געוואָרען און אָבגעהאַקט אין מיטען. און אַנ־שטאָט עקשנות אָדער גדלות, וואָס דאָס וואָרט „דער אַנקעל" האָט געזאָלט ארויסרופען, האָט עס ארויסגערופען עפּעס מיטלייד צו איהר.

טשאַרלי האָט רחמנות געקראָגען איבער איהר — און עס האָט איהם באַנג געטהאָן, וואָס ער איז אַזוי קאַלט צו איהר, האָט ער זיך אָנגערופען צו דער מוטער:

— דו האָסט רעכט, אָלד טשאַפּ, האָט ער געקלאַפּט די מוטער אויף די פּלייצעס — עס איז הייס, קום, מאשא, איך געה דיך ארויס־נעהמען פאַר אַ שווים.

— זעהסט, מאשא, ווי מיין זוהן רופט מיך. אַלטע שקאַפּ, אין דער הייט רופט מען אַזוי אַ פערד, שקאַפּ. אין אַמעריקא רופט מען די מאַמאַ אַזוי.

— אָה, דו אָלד פוּל — האָט טשאַרלי אויפגעהויבען די מוטער אויף די הענד און זי ארומגעטראָגען איבער דער שטוב.

— לאָז מיך אַראָפּ, געדענק אין גאָט, לאָז מיך אַראָפּ, וועסט מיר עפּעס שלעכטס טהאָן — האָט זיך די אידענע געבעטען.

— נישט פריהער ביז דו וועסט זאָגען אָלד טשאַפּ. נישט שקאַפּ, נור טשאַפּ, טשאַפּ.

— וואָס איז דער חלוק טשאַפּ, שקאַפּ! לאָז זיין טשאַפּ, אַבי לאָז מיך אַראָפּ, וועסט מיר נאָך חלילה עפּעס שלעכטס טהאָן.

— און יעצט דעם „סאַלוט". נישט פריהער ביז דו וועסט אָב־זאָגען דעם „סאַלוט".

— „אי פלערזש אלידזשענס טו מאי פלעג“ — האט די אי־דענע קוים ארויסגעשטאמעלט די ווערטער, וואס טשארלי האט זי געלערענט ווען ער איז א קינד געווען און אין סקוהל געגאנגען.

— אט אזוי. און יעצט געה אראפ, אלד טשאפ — האט טשארלי פארזיכטיג די מוטער אראבגעזעצט פון זיינע פלייצעס אויף א שטוהל ארויף.

— זעהסט, מאשא, ווי מיין זוהן בעהאנדעלט מיך, — האט די אידענע זיך בעקלאגט. — א ליאדע וואס, זעצט ער מיך ארויף אויפ׳ן אקסעל — איך האב דען כח צו איהם?

— נו, יעצט קום, מאשא. האו דו יו דו? — האט טשארלי זיך אנ־געדופען צו מאשא׳ן, ווי ער וואלט זי פלוצים דערזעהן.

די מוהמע האט געוואהנט אין הארלעם, אויף איינע פון די ארימע אידישע גאסען. אז זיי זיינען ארויס אין גאס, האבען זיי ערשט דערפיהלט די היץ. עס איז געווען איינער פון יענע טעג אין ניו יארק, ווען די היץ צולייגט זיך איבער דער שטאדט פון פריה־מארגען אן, א לאנגווייליגע און א פייכטע, אהן א האפנונג אויף אן אברוה אין לעבען. פון פריה־מארגען אן ווערט עפעס דאס לעבען אזוי לאנגוויי־ליג. פון די אפענע פענסטער קוקען ארויס שמוציגע בעט־געוואנד, און אויף די פייער־עסקייפס טריקענען זיך שטיקלעך וועש; אויף די פענסטער פערדארטע טעפלאך מיט נעבטיגען עסען. און איבער די טרעפלעך פון די הייזער, אויף די שוועלען ביז טיעף אין די גאס אריין, וואלגערען זיך ארום, ווי ארויסגעווארפענע שמאטעס, ווי ארויס־געווארפען צובראכען מעבעל, פרויען און קינדער. האלב־נאקעטע, האבען זיי זיך געגליטשט איבער די טרעפלאך פון די הייזער, אויף די טראטוארען ארויס. די מוטערס האבען געפרואווט אפצונארען די קינדער מיט פענים, וועלכע די קינדער האבען יעדען אויגענבליק פערוואנדעלט אין לאלא־פאפס. די לאלא־פאפס זיינען צוגאנגען אין זייערע הענטעלעך און בעשמירט זייערע געזיכטער, און די וויס־גע־פרעסטע העמדלעך, די מוטער׳ס ארבייט פון ביינאכט, האבען גענקלעפט זיך פון דעם צוגאסענעם צוקער. די קינדער זיינען אבגעשפרונגען פון דעם בריהענדען טראטואר, וועלכער איז אנגעווארימט געווארען פון די ברענענדע היץ און געבאפט זיך א רעטונג אויף דעם ברייטען גאס־וועג. און אלעס איז געפאהרען, ווער אויף רעדלעך, ווער אויף

אַז אַלטע קאַסטעס, ווער אין אַ הערינג טוּ, און ווער עס האָט דער־פּאַקט אַן אַלטן ראָד פון אַ וואָגן און האָט דאַרויף איינגעלאַדעט אַלע זיינע פריינד פון גאַס פאַר אַ „רייד“ איבער דער גאַס. און די שמוץ פון די אונגעקערהטע גאַסן האָט זיך אויפגעהויבן פון דער בעוועגונג און געלייגט זיך אויף די געזיכטער און הענד, אויף די שטיינער און פענסטער פון דער גאַס, ביז עס האָט דערגרייכט אויף די נאַקעטע ברוסטן פון די מוטערס, וועלכע האָבן דעם שמוץ פון גאַס איינגעקאָרמעט אין זייערע קינדער אין איינעם מיט זייערע מוטער׳ס מילך...

טשאַרלי מיט מאַשאַ׳ן האָבן שטום דורכשפּאַציערט די גאַס און מיט גרויס מיה זיך געמאַכט אַ וועג דורך די קינדער, וואָס עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי זיינען געבוירען געוואָרען מיט רעדלאַך אויף די פיס, צווישען די פערד, פּראַכט־וועגנס און קויהלען־טראַנקס, וואָס האָבן געהאַט זייער ראוט איבער דער גאַס. מען האָט קיין וואָרט ניט געקענט הערען איינער פון צווייטען פון שטויב און גערויש און פון די היץ, וועלכע האָט זיך געדאַכט איז אויך אַזוי רוישענד און שרייעדיג, אַזוי ווי זי וואָלט געווען דורכגעפאָהרען די ניו יאָר־קער גאַסען אויף קינדישע אייזערנע רעדלעך... נור וואָס וויטער זיי זיינען געקומען אין גאַס אַרויף, אַלץ שטילער איז די גאַס געוואָרען, אַלץ ריינער, שטילער און אַנגענעהמער די הייזער, און באַלד איז דער רויש אין גאַנצען פערשוואונדען. זיי זיינען אַנגעקומען אויף די ענדע פון דער זעלבער גאַס, וואָס ציהט זיך צום פּאַרק צו, ביי די פינפטע עוועניו.

די הייזער, וועלכע זיינען געשטאַנען געגענאיבער דעם פּאַרק, זיינען געווען פערהילט אין שאַטען פון בוימער, גרויסע פענסטער האָבן אַרויסגעקוקט אין גאַס אַריין, נור די פענסטער זיינען געווען בלינד, פערמאַכט, בעצויגען מיט טונקעל־גרינע טערימס, אַרום די הייזער איז געווען קיהל און שטיל — נור אין די הייזער האָט קיינער ניט געוואָהנט, און זיי זיינען געווען פערשלאָסען אויפ׳ן גאַנצען זומער.

לאַנג זיינען זיי געגאַנגען איבער דער גאַס, וואָס האָט זיך געצויגען געגענאיבער דעם פּאַרק. דאָ איז געווען אַנגענעהם צו געהן. די גאַס איז געווען געהילט אין דעם בלעטערדיגען בעוועגליכען שאָטען, וואָס די גרויסע בלעטער פון די בוימער האָבן געוועבט איבער׳ן

טראָטואַר. עס איז שטיל געווען אין דער גאַס. אַ יום־טוב'דיגע שטילקייט האָט געהערשט וואָס די בוימער און גרינס האָבען פער־שפּרייט ארום זיך, קיין לעבעדיגער הויך האָט זיך ניט געהערט פון די הייזער, טהיר און פענסטער זיינען געווען פערמאַכט און פער־שלאָסען — אזוי האָבען זיך געצויגען פערשלאָסענע פּלעצער איבער גאַסען ווייט, געגענאיבער דעם געזונדסטען צענטראַל פּאַרק — און קיין לעבעדיגער נפש האָט דערפון קיין נוצען געהאַט.

טשאַרלי האָט זיך אָנגערופען מיט אַ שמייכעל:

— די הייזער זיינען דער בעסטער בעוויז פון די אונענטוויקלונג פון דער אמעריקאנער קולטור.

— ווי אזוי מיינסטו דאָס, טשאַרלי?

— די הייזער זיינען דאָך אַ שרייענדער בעוויז פון די אונ־גערעכטיגקייט פון אונזער אָרדנונג אין וועלכער מיר לעבען. מיר זעהען דאָס טאָג־טעגליך — מיליאָנען מענשען זעהען דעם שריי־ענדען בעוויז, און מיר שווייגען.

— איך פערשטעה דיר ניט, טשאַרלי — זאָגט מאַשאַ.

— שטעל דיר פאָר, עס וואָלט ווער ארייננעקומען אין אַ שטאָדט אריין און וואָלט אויפגעקויפט דאָס גאַנצע ברויט פון שטאָדט און דאָן עס פערשלאָסען אין גרויסע שפּייכלערס פאַר זיך. אָדער ער וואָלט אָבגעקויפט אַלע ברונעמס פון שטאָדט און פערשלאָסען עס פאַר זיך — די מענשען וואָלטען דאָך אַזאַ איינעם פערשטיינט. פאַר וואָס איז דאָס בעסער פאַר ברויט און וואַסער? די שטאָדט בעזיצט גע־וויסע געזונדע פּלעצער געגענאיבער די פּאַרקס, געגענאיבער דעם ריווער סייד, און די געזונדע שעהנע פּלעצער האָבען רייכע מענשען אָבגעקויפט פאַר זיך און פערבויט מיט רייכע פּאַלאַצען, און פער־שלאָסען זיי איבער'ן זומער, ווען די מענשען נויטיגען זיך אַם מעהר־סטען אין אַזעלכע פּלעצער, און זיינען אוועקגעפאָהרען. ניט זיי האָבען עפּעס דערפון, ניט קיינער האָט עפּעס דערפון. און דאָס זעהען מענ־שען טאָג־איין, טאָג־אויס, טויזענדער און טויזענדער מענשען זעהען דאָס און מען שווייגט. איך גלויב, אז דאָס איז נור מעגליך אין אַמעריקאַ.

— זיינען דען אין אנדערע לענדער ניטאַ קיין רייכע מענ־שען, וואָס האָבען גרויסע פּאַלאַצען?

— יאַ, נור אין אנדערע לענדער, גלויב איך, איך ווייס ניט, נור איך גלויב אַזוי, האָט דאָס אייגענטהום־רעכט אַ געוויסע בעגרענ־צונג. די מאַכט פון גאָלד אין בעגרענעצט אויף געוויסע רעכט. דאָרט וואו עס ריהרט ניט אַן די אינטערעסען פון כלל. דאַ אין אמעריקאַ האָט דאָס גאָלד אַן אונבעגרענצטעס רעכט. אלסדינג מעגסטו קויפען פאר גאָלד. און דער בעסטער בעווייז דערפאר זיינען אָט די פּאַלאַצען — ניט די פּאַלאַצען, נור די פּלעצער אויף וועלכע זיי שטעהען — די פּלעצער, וועלכע וואָלטען אין אנדערע לענדער געווען געהערט צום פאָלק — צו אַלעמען, וועהרענד דאַ, אין אמעריקאַ, פערקויפט מען עס פאר געלד צו איינצעלנע. דאָס איז רעכט פון די פערשלאָסענע בתינעמס. און דאָס איז אַזוי כאראקטעריסטיש אמעריקאניש.

— פאר וואָס?

— אמעריקאניש — הייסט דעמאָקראטיש. די דעמאָקראטיע איז, נאָך מיין מיינונג נאָך, דער גרעסטער פיינד, וואָס איז אויפגע־שטאַנען אויף די מענשהייט צייט די וועלט עקזיסטירט, ווארים דע־מאָקראטיע, אַזוי ווי זי ווערט פערשטאַנען דאַ ביי אונז אין אמעריקאַ, גיט אַ רעכט יעדען איינצעלנעם וועלכער בעזיצט אַ בעגאַבונג צו פער־שקלאַפען פאר זיין אייגענטהום אונבעגרענצטע גיטער, סיי אין טויטען מאַטעריאַל און סיי אין אינדיווידועלע לעבעדיגע ווילענס. די דעמאָ־קראטיע איז דער צאַר — אין אינקאָגניטאָ. אבער בעסער וועלען מיר דאָס אָנרופען אנאָנימער צאַר. מען האָט גענומען דעם צאַר'ס קרוין אראָפּ פון קאָפּ פון אַן אינדיווידום, וועלכע איז געווען נור פאר איין פּערזאָן און זי בעשטימט פאר די, וואָס זיינען אָם מעהר־סטענס פעהיג צו רויבעריי און פערברעכענס. און דורך דעם איז דער צאַר אין אמעריקאַ צוברעקעלט אויף פיעל קליינע צארעלאך. ווער־עס איז פעהיג, דער פערכאַפּט אַ גרעסערען שטיק צאַר. דעמאָקראטיע אָהן בעגרענצטע רעכט אויף אייגענטהום — איז אַ גאַלאַפּעריי, אַ וועט אויף הערשאַפט. טאַקע אַ דעמאָקראטישע וועלט, מען שטעלט קיינע בעגרענצונג ניט, קיין ראַסען אונטערשיעד, ווער עס האָט נור אין קאַן אריינצוגעבען: כיטרעקייט, פערברעכערישע פעהיגקייט — דער קען

אנטהייל נעהמען אין וועלט. דורך דעם איז דא דער צאר פיעל גע־פעהרליכער, איז פיעל שווערער צו בעקעמפפען ווי אין רוסלאנד, ווייל דא ווערט יעדעס מאל דאס צארענטהום געשטארקט דורך נייע פרישע בלוט־קוועלען וואס ער קריגט. ער ווערט בעזעצט יעדעס מאל פון שטארקערע ענערגישע מענער, און ווערט בעשיצט פון זיין מאיעסטעט, זיין היילינקייט, דער אבגאט דעמאקראטי.

— איך פערשטעה דיר ניט אין גאנצען, טשארלי, נור פון אלע דיינע רייד דערפיהל איך, אז דו האסט שטארק פיינד די רייכע. מוז דען יעדער רייכער זיין א שלעכטער מענש, קען מען ניט זיין א רייכער און א גוטער אויך — האט מאשא געזאגט, ווי זי וואלט עפעס געוואלט פערענטפערען.

— יא, מאשא, האסט רעכט, איך בין זיך מודה, אז איך האב אינסטינקטיוו פיינד יעדען רייכען. דעם גוטען נאך מעהר ווי דעם שלעכטען. ווארים רייכקייט אליין פאר זיך איז א געמיינהייט, רייכקייט איז א בעוויז פון פערברעכען, פון רויבעריי — עס איז ניט קיין אונטערשיעד אויף וואס פאר א וועג דו קריגסט עס, נור אז דו האסט מעהר וויפיעל דו בעדארפסט, בערויבסט דו אנדערע — און דאס איז געמיין. און ניט נור בלויז צוליעב דעם — נור אויך צוליעב א גאנץ אנדער זאך, איך מיין אז א רייכער מענש איז א מיאוס׳ער מענש, ער קען ניט האבען קיין שעהנע געפיהלען. איך וויים ניט פאר וואס איך קלעהר אזוי, פיללייכט איז מיין ערציהונג שולדיג — אין די ארימקייט אין וועלכע מיר האבען געלעבט — נאר איך האב אינ־סטינקטיוו פיינד א רייכען.

**— דו זאגסט נאר אזוי, ווייל דו ביזט ניט רייך — אבער ווען מען גיט דיר געלד...**

— איך האב וועגען דעם געקלעהרט, איך האב מיר געפרואווט פארשטעלען אין מיין פאנטאזיע — ווען מען קומט צו מיר און מען גיט מיר געלד, אדער איך ווער מיט אמאל רייך: שעהנע פאלאצען, פערד, זומער־וואהנונגען, א רייזע נאך יוראפ — איך קען אויסהעל־פען אונזער סאסייעטי פון „פאריינערס“ — איך וועל דיר שפעטער דערצעהלען פון אונזער סאסייעטי — ניין, איך וואלט ניט געוואלט, מיר דאכט זיך, אז די אלע געפיהלען וואס מען קען האבען דורך די

מעגליכקייט פון געלד, די אַלע פֿערשיעדענאַרטיגסטע געפּיהלען און מעגליכקייטען קענען ניט קומען צו דעם געפיהל, וואָס מען האָט, ווען מען איז אַן אָרימאַן. צו מיין געפיהל וואָס איך האָב, ווען איך וואָהן אַט אונזער גאַס און איך זעה די אָרימע מענשען, די פרויען, די קינדער — צו דעם געפיהל וואָס איך האָב, וואָס איך טראַכט אַזוי וועגען רייכע — מיר איז גוט, איך בין אַן אָרימער, איך וואָלט געוואָלט שטענדיג זיין אָרים — אַט אַזוי זיין, ווי איך בין אַצינד.

מאַשאַ האָט געשוויגען. ביז איצט איז דער געשפּרעך געווען אַזוי זיך. עס האָט זיך מאַשאַ'ן געדאַכט, אַז ער וויל זיך ווייזען פאַר איהר מיט זיין געלערענטקייט — דורך דעם רעדט ער אַזוי. אָבער די לעצטע ווערטער האָבען זי פּלוצים אַנגעריהרט. עס האָט זיך איהר געדאַכט, אַז ער מיינט זי, און ער פיהלט אַזוי ווי ער מיינט — און די ווערטער האָבען איהר געבראַכט צו קלעהרען אויך, ווען זי איז געווען אַ קינד, און פון „האָפּקינס סטריט".

— יעצט פערשטעה איך שוין.

— וואָס פערשטעהסט דו?

— יעצט פערשטעה איך פאַר וואָס דו האָסט מיך פיינד — איך ווייס דו האָסט מיך פיינד, און דיין מאַמע האָט מיך פיינד, און אַלע האָבען מיך פיינד, אַלע אָרימע און גוטע לייט האָבען מיך פיינד, צייט איך בין אַ כלה געוואָרען פאַר'ן אַנקעל.

מאַשאַ האָט אויפגעהויבען איהרע גרויסע אויגען און געלאָזט זיי הענגען אויף טשאַרלי'ן. איהרע אויגען זיינען געווען לענגליכע און גרויסע, דער שניט פון אַ גוטע קוואַליטעט שפּאַנישע טרויבען, און אויך אַזוי פול ווי אַ וויין־טרויב. דער ווייס־עפּעל איז געווען העל־העל — לויכטענדיג און זי האָט געשמייכעלט, געשמייכעלט ווי אַ קינד, נור טשאַרלי האָט געמיינט, אַז אָט אין אַ מינוט צוואַויינט זי זיך, און דער גאַנצער זאַפט פון וויין־טרויב אויגען וועט זיך צור־גיסען. ער האָט מורא געהאַט, אַז די וויין־טרויב אויגען זאָלען זיך ניט צוגיסען — האָט ער אויך געזאָגט מיט דעם זעלבען שמייכעל:

— דאָס איז ניט דיין שולד, איך ווייס עס.

די ווערטער האָבען מאַשאַ'ן געבראַכט צו קלערען ווענען זיך און איהר גאַנצע סיטואַציע — מעהר ווי פון אַלע זיינע רייד. זי האָט זיך פערטיעפט אין איהרע געדאַנקען, איז שטיל געווען איבער'ן גאַנ־צען וועג, כאָטש איהרע אויגען האָבען אויף איין מינוט ניט אויפ־געהערט צו שמייכלען און צו גלאַנצען, אַזוי ווי זיי וואָלטען געוואָלט טשאַרלי'ן אונטערהאַלטען קאָמפּאַניע אַנשטאָט איהרע רייד.

---

8.

## קוני איילאַנד.

אין קוני איילאַנד ביים ביטש האָט טשאַרלי פערגעסען איז דעם ערנסטען געשפּרעך וואָס ער האָט געפיהרט מיט מאַשאַ'ן, און איז געוואָרען אַן „אַמעריקאַן באָי“. קוים איז ער אַריינגעקומען אין בייטהינג סוט און זיינע נאַקעטע הענד און פיס האָבען דערפיהלט די לופט פון ים, האָט עס איהם געטראָגען ווי אַ ווינד. ער האָט אונ־געדולדיג געוואַרט אויף מאַשאַ'ן, וועלכע האָט געדאַרפט אַרויסקומען פון די פרויען־אַבטהיילונג. דער ביטש איז געווען בעליינגט מיט מענ־שען, און עס האָט זיך אויסגעוויזען, אַז ער איז אַ פאַרטזעצונג פון ים, און אַפּטמאָל האָט ער קאָנקורירט מיט'ן ים — די מענשען אויפ'ן ברעג האָבען אויסגעזעהן ווי מעהר און פיעלער פון ים. נור דער ים מיט די מענשען האָט טשאַרלי'ן ניט געשטערט. טשאַרלי האָט זיך שטענדיג גוט געפיהלט צווישען די מענגע. ער האָט ליעב געהאַט די מאַסען און דעם רעש פון זיי — און די פערשיעדענע קאָלירטע מאַסע מענ־שען וואָס האָבען פערטרונקען דעם ברעג פון ים האָבען אין איהם ערוועקט אַ פרייד און אַ לעבענס־לוסט. די האַלב־נאַקעטע ווייבער מיט רויט בלויע און קאָלירטע קאַפּ־בעדעקענס, און די גאַנץ נאַקעטע קינדער, וואָס זיינען אַרומגעלאָפען מיט פריידען־געשרייען און מיט עסען אין די הענד — די האַרענדע פאַמיליעס אַרום די קינדער, האָ־בען אין איהם דערמאָנט ווי ער וואָלט זיך געווען געפונען אויף אַ פּיק־ניק פון אַ פרייהייטס יום־טוב. די מענשען וואָלטען זיך צוזאַמענ־גענומען צו פייערען אַ גרויסען יום־טוב. אַלע זיינען נאַקעט, אַלע עסען

און באדען זיך, וואשען און שווימען — און אלעס מעג מען אויף דעם יום־טוב.

ער האט זיך געפרעהט אין איינעם מיט די גרויסע מענגע מענ־שען. ער האט ליעב געהאט צוצוזעהן ווי מענשען האבען פערגעניגען. קיינמאל נאך האט ער ניט געזעהן א מענגע מענשען זאלען האבען פער־געניגען צוזאמען און פרעהען זיך צוזאמען. שטענדיג האט ער גע־זעהן ווי מענשען ארבייטען צוזאמען, ווי מענשען ליידען צוזאמען, טרויערען און וועהטאגען צוזאמען, דא — די גרויסע ברייטע מענגע מענשען, האלב נאקעטע, מענער מיט פרויען צוזאמען, אויסגעמישט מיט די קינדער — עסען צוזאמען, באדען זיך צוזאמען, פרעהען און לאכען און שפיעלען זיך צוזאמען — און אלע האבען פערגעניגען. דאס האט איהם אנגעשטעקט, עס האט געוועקט זיין לעבענס־לוסט און זיין יוגענד. ער האט פלינק געוואלט זיין אין מיטען דער פרייד, מיט־שפיעלען און מיטפרעהען זיך מיט אלע, און געוואלט וואס אם שנעל־סטען אין וואסער אריין, אויסמישען זיך צווישען דער פרעהענדער מענגע, וואס זייערע פריידענס־געשרייען ברומען ארוים פון ים — און דא זעהט מען ניט מאשא'ן... ס'האט זיך איהם געדאכט, אז ער איז פערליעבט אין מאשא'ן; ס'האט זיך איהם געדאכט, אז ער איז געקומען מיט מאשא'ן אויף דעם פיקניק, אויף דעם יום־טוב פון פריי־הייט און נאקעטקייט, און ער וויל וואס אם שנעלסטען נעהמען אנ־טהייל אין דעם יום־טוב.

דערווייל האט איהם מאשא ארומגעזוכט צווישען די מאסען. טשארלי האט ניט בעמערקט. ווי פערציקט פון דער פרייד, פון די מענשען, איז ער געגאנגען פון איין משפחה צו אן אנדערע און צוגע־זעהן ווי זיי עסען — מענער און ווייבער און קינדער עסען צוזאמען נאקעטערהייט און ווארפען אז דאס עסען ארום זיך, און ער האט מיט פרייד צוגעזעהן ווי מענער און ווייבער און קינדער טוליען זיך און וואלגערען זיך לייב אן לייב אין זאמד — און מאשא איז איהם נאכ־געגאנגען צווישען די מענגע, ביז זי האט איהם קוים דערכאפט ביי דער האנד:

— וואו ביזטו? איך זוך דאך דיר ארום!

— א, מאשא, קום, קום פלינקער! — און ער האט געכאפט דאס מיידעל ביי דער האנד און געפלויגען מיט איהר אין וואסער אריין.

א כוואַליע פון ים איז זיי געקומען אנטקעגנען צושווימען און זי האָט געטראָגען אין איהר'ע פאַלדען א מענגע מיט מענשען־לייבער און וואסער־לייב, און אבגעגאָסען טשאַרלי'ן מיט מאַשאַ'ן מיט ים־וואסער און מענשען־לייבער. עס האָט געדויערט א ווײַלע ביז די צוויי, האַלטענדיג זיך ביי די הענד, האָבען געקענט זיך ארויסכאַפּען פון וואסער און ארויסקריגען זיך פון די מענשען־מאַסע בעגאָסענע און אַבגערונענע; אַ נאַסער האָט טשאַרלי ארויסגעלאכט פון וואסער.

— אַה, מאַשאַ, און געכאַפּט זי ביי דער האַנד און ווייטער זי געצויגען אין ים אריין.

א צווייטע כוואַליע איז אָנגעקומען און האָט די צוויי יונגע פּאָר צוזאַמענגעוואָרפען, איינגעקנאָטען איין לייב אין אַנדערען. מאַשאַ האָט געפיהלט אויף זיך טשאַרלי'ס יונג־ביינענדיגען האַרטען קערפּער, זיינע שטאַרקע יונגע הענד ארום איהרע בריסטען, און צווישען זיינע נאַקעטע הענד און איהרע בריסטען איז גאָר ניט געווען — נור עס האָט געראָנען וואסער — און טשאַרלי האָט געפיהלט ווי מאַשאַ'ס לייכטער קערפּער ליגט זיך אויף איהם, און עס איז איהם אנגענעהם געווען — ווי דאָס קאַלטע מיידעל־לייב, בעקליידט אין נאַסען ווייכען ליגט זיך אויף איהם. ער האָט זי געצויגען ביי דער האַנד טיעפער אין וואסער אריין — מאַשאַ האָט מורא געקראָגען, געשריען פאַר פרייד און פאַר שרעק און אָנגעהאנגען זיך מיטביידע הענד אויף טשאַרלי'ס יונגען שטאַרקען האַלז. טשאַרלי האָט זי גע־האַלטען מיט ביידע הענד און דאָס וואסער האָט איהם מיטגעהאָלפען. ער האָט געזעהן ווי איהר יונגער שטאַרקער קערפּער שניידט זיך ארויס מיט אַ נאַסע וואסער ליניע פון איהר קלעפּענדיג באָדע־קליי־דעל, דער שוואַרצער נאַסער זיידענער שטאָף האָט אָנגענומען די זעלבע ליניע וואָס עס האָט איהר קערפּער. ער איז געפאַלען אויף איהר קערפּער און ער האָט בולט געמאַכט יעדען צוטהייל פון איהר יונג מיידלישעם לייב, ס'האָט ארויסגעקוקט יעדע ליניע, איהרע יונגע אַב־שפּרינגענדע בריסטען האָבען זיך ווי צוויי שטאַרק־האַרטע באַרגעס ארויסגעשניטען פון איהר נאַס קליידעל, און איהר רונדיגער שטאַר־קער בויך האָט זיך ארויסגעשניטען ווי אַן איידעלער פאָרצעלאַן טע־לער פון איהר נאַסען סוט — ער האָט ליעב געהאַט צו זעהן די ליניען פון איהר קערפּער, און גערן געהאַט צו פיהלען דאָס שלאַנגענדע

לעבען און איינגעהאַלטענעם ווילען וואָס שלומערט אין דעם קאַלטען האַרטען, וואָס ער האַלט אויף זיינע הענד — נור לאַנג טראַכטען און בעטראַכטען האָט ער ניט געקענט — דער ים האָט זיך געשפּיעלט מיט זיי און די לויפענדע פרישע וועללען האָבען געבראַכט דעם קאַלטען סוד פון פון ווייטען טיעפען ים צו זיי — יעדעם מאָל האָבען זיי דער־פיהלט צווישען זיך אַ דריטען קערפּער, דעם קאַלטען פרישען געהיימ־ניספאָלען קערפּער פון טיעפען ווייטען ים — וואָס איז געווען ווי דער קערפּער פון אַן אונבעקאַנטער פרעמדער פרוי. זיי האָבען זיך גע־שראָקען פאַר דעם פרעמדען קערפּער — און ארומגענומען זיך און געטוליעט זיך איינס צום צווייטען, און דער קאַלטער פרעמדער וואַ־סער־לייב האָט זיך געטוליעט צו זיי, געוואָלט זיך אַנווארימען אין זייי־ערע יונגע לייבער און מיט־זיין מיט זיי אין זייער פערבאָרגענער געהיימניס, און פערשטעלען זיי פון פרעמדע מענשען׳ס אויגען...

---

## 9.

זיי זיינען ביידע געלעגען אויפ׳ן זאַמד און איין זון האָט זיי ביידען בעדעקט. נאָך קיינמאָל זיינען זיי נישט אַזוי נאָהענט געווען צוזאַמען. און זיי האָבען ניט געוואוסט, אַז מענשען, יונגע מענ־שען, מעגען ליגען אַזוי צוזאַמען אָהן זינד און אָהן שעהם.

די זון האָט זיי ביידען צוזאַמען געוואַרימט און זיי זיינען ביידע אַנגעשטעקט געוואָרען פון די פרייד און צופריעדענהייט וואָס האָט געהערשט צווישען די מענגע נאַקעטע גליקליכע מענשען אויפ׳ן זאַמד־ברעג. זיי האָבען ניט געקלעהרט, אַז זיי זיינען יונג, און זיי האָ־בען ניט געוואוסט ביידע, אַז זיי האָבען זיך ליעב. נאָר זיינען גליק־ליך געווען וואָס די זון וואַרימט זיי און וואַרימט אַלעמען אויפ׳ן ברעג. עס האָט זיך זיי געדאַכט, ווי די גאַנצע פערשיעדענפאַרביגע מענגע וואָס פערמערינקען דעם ווייטען ברעג פון ים, מיט די נאַקעטע הענד און פערשיעדענקאָלירטע בעדעקענס אויף די קעפּ — זיינען איין

משפחה — די גאנצע וועלט איז איין משפחה געווארען און זיי געפינען זיך צווישען די משפחה.

— איך האב ליעב צו זעהן די מענגע אין פרייד — האט טשארלי געזאגט צו מאשא'ן — איך האב ליעב צו זעהן ווי אלע פרעהען זיך און זיין מיט זיי אין דער פרייד. עס זיינען דא אזעלכע, וואס האבען ניט ליעב קוני איילאנד, ווייל קוני איילאנד איז דער פלאץ פון די רויהע מאססען. זיי פערשמוצען דעם ים מיט די רעשטלאך פון עסען און בעליידיגען דעם ברעג מיט זייערע אומגעלומפערטע מיאוס'ע קערפערס — און מיר דוכט זיך, אז פרייד און צופריעדענהייט און גליקליכקייט קען מען נור האבען מיט א מענגע, מיט א גרויסע, רויהע מאסע אין איינעם. מיר וואלט לאנגווייליג געווען צו האבען פרייד און פערגעניגען אליין. מיר וואלט לאנגווייליג געווען צו זיין איינער א גליקליכער, אדער צו זיין מיט בלויז גליקליכע, מיט אויסדערוועהלטע וואס האבען די מעגליכקייט צו האבען פערגעניגען. פערגעניגען קען מען נור האבען אט דא, ווען מ'זעהט ווי די גרויסע ברייטע מאססען האבען פערגעניגען. עס דוכט זיך דאן, אז עס איז גאר ניט מעהר דא קיין שלעכטעס און קיינע ליידען אויף דער וועלט; אז דאס פערגעניגען איז אויסגעשפרייט פאר אלעמען. דאכט זיך, אט דא קען מען טועף און שטארק הנאה האבען פון פערגעניגען. דאס פערגעניגען בעשאפט אינערליכען און אמת'ן פרייד — מען ווערט אנגעשטעקט מיט דער אלגעמיינער פרייד.

מאשא האט געקוקט אויף איהם. זי האט ליעב געהאט צו הערען איהם רעדען. טשארלי האט ניט געקענט רעדען רוהיג, טשארלי האט געקענט נור רעדען מיט בעגייסטערונג, מיט פלאמענדיגע אויגען און מיט מאכען מיט די הענד — עס איז געווען ווי ער וואלט איבערגענומען פון פאטער, דעם פרומען חסיד, די רעליגיעזע בעגייסטערונג, און האט ער זי ניט געהאט אויף וואס אויסצולאדען, האט ער זי אויסגעגאסען אויף זיינע איבערצייגונגען. און די איינגעבוירענע בעגייסטערונג און התלהבות פון זיין פרומען טאטען האט אפילו די אמעריקאנער פאבליק סקוהל ניט געקענט ביי טשארלי'ן אויסלעשען.

— קוק זיך ארום, מאשא — האט טשארלי געשפרונגען פאר פרייד — זעה ווי גרויס, ווי ווייט, ווי לאנג ווייט עס ציהט זיך אוים די מענגע — טויזענדער און הונדערט־טויזענדער — זעה, אלע

זיינען גליקליך, אַלע פרעהען זיך — איך ליעב די מאַסען; אַז איך בין אין אַזאַ ים מיט מענשען, דאַכט זיך מיר, איך וואָלט אויף אַלעס פער־היג געווען, אויף גרויסע זאַכען. עס זיינען דאָ דעמאָקראַטען, סאָ־ציאַליסטען אפילו, וועלכע ליעבען ניט די גרויסע מענגע, די מאַססע אין פאָר זיי צו גראָב, אונקולטורעל — און זי בעליידיגט זייערע עסטעט־טישע געפיהלען. אָפטמאָל איז מיר אויסגעקומען צו הערען פון מיינע קאַמעראַדען, אַז זיי פיהלען זיך איינזאַם אין דער מענגע. זיי פערשטעהען ניט, די נאַראָנים, די אידעע פון אַ מענגע. זיי מיינען, אַז די מאַססע איז אַ צוזאַמענהאַנג נור פון פיעלע איינצעלנע, גראָבע, אונוויסענדע איינצעלנע. זיי ווייסען ניט, אַז די מאַססע איז אַ קער־פער, אַ נשמה, אַ בעשעפענים פאַר זיך אליין — מיט איהר אייגענע אינדיווידואַליטעט. אַז איך געפין זיך אין אַ מענגע, איז ווי איך וואָלט זיך געפונען אין דער אונענדליכקייט. אין דעם געהיימנים פון אונ־זער עקזיסטענץ, וואָס אַלס איינצעלנער קען מען עס ניט דערגעהן און פיהלען. מאַשאַ, דו ווייסט וואָס אַ מאַססע איז? אַ מאַססע איז דאָס גרויסע אייביגע לעבען, וואָס איז געווען פאַר אונז און וועט זיין נאָך אונז. מיר וועלען שטאַרבען, יעדער איינצעלנער וועט שטאַרבען, די מאַססע וועט לעבען, זי האָט אייביג געלעבט, אין אַלע דורות, אין אַלע פאָרמען. מיר דאַכט זיך, אַז גאָט האָט צוערשט בעשאַפען ניט דעם איינצעלנעם, נור די מענגע; אַז איך געפין זיך צווישען אין אַזאַ ים מיט מענשען, בין איך זיכער, מיר דאַכט זיך, אַז איך האָב זיך אויפגעלעזט — איך בין אַ טהייל פון דעם גרויסען אייביגען.

מאַשאַ איז שטיל געווען און האָט איהם אָנגעקוקט פערוואונ־דערט און פרעמד. פיעל פון זיינע ווערטער האָט זי ניט פערשטאַ־נען, און זי האָט איבערהויפט קיינמאָל פון קיינעם ניט געהערט אַזוי ריידען. נור נאָך מעהר פון די רייד איז איהר פרעמד פראַגע־קומען טשאַרלי אַליין. דורך דעם יאָהר, וואָס זי איז אַ כלה מיט'ן אָנקעל און זי האָט טשאַרלי'ן ניט געזעהן — דערקענט זי איהם ניט. טשאַרלי פלעגט שטענדיג פערשעהמענדיג שווייגען אין די געזעל־שאַפט פון די מיידלאַך. די מיידלאַך האָבען פון איהם חוזק געמאַכט, און ער האָט אָבגעענטפערט מיט אומגעלומפערטקייט. זיינע וויצען האָבען קיינמאָל ניט אויסגענומען — וואָס איז עס געוואָרען מיט טשאַרלי'ן? וואו איז ער געווען דורך דער צייט? וואָס האָט ער

געטהאן? זי האט זיך אנגעהויבען א ביסעל צו זשענירען פאר איהם, ווייל זי קען אזוי ניט רעדען ווי ער; און עס האט איהר ארומגענומען א געוויסע שטאלצקייט אויף איהם, און זי האט איהם גערן געהאט, פאר וואס ער רעדט אזוי.

טשארלי׳ן האט עס ניט אויסגעמאכט, אויב מאשא פערשטעהט איהם יא אדער ניט. ער האט מעהר גערעדט פאר זיך, ווי פאר איהר. איבריגענס האט ער געמיינט, אז אלע דענקען אזוי ווי ער, און אלע טראגען זיך ארום מיט די געדאנקען וואס ער. טשארלי איז געווען פון יענער וואקסענדער יוגענד אין אמעריקא, וואס זייער גלויבען אין אידעאליזם איז נאך אזוי יונג און פריש, אז עס שמעקט פון איהר דער טוי פון וואקסען. ווי אלצדינג אין אמעריקא איז אנגעזאפט מיט ענערגיע פון א יונגער שפראצענדער פרוכט, אזוי איז אויך דער אמעריקאנער אידעאליזם, דארט וואו ער ווייזט זיך ארויס יונג און פול מיט גלויבען. מיט סקעפטיציזם און ספקות איז ער נאך ניט בעפלעקט. ער ווייסט ניט פון זוכעניש אין מיסטישער פערבארגעניש. נור דער גאנצער אידעאליזם איז אנגעווענדעט אויף פראקטישעם און בעקוועמליכקייט און ווערט געטריבען פון אן ענערגישען אפטימיסטישען לעבענס־לוסטיגען שטראם פון א יונגען שפראצענדען שטאם. דער זעלבער ענערגישער שטראם פון די יונגע שפראצענדע קראפט וואס בויט די הימעל־קראצער און ווארפט מיילען־לאנגע בריקען איבער טהאלען און טייכען — טרייבט אויך די דענקענדע קראפט פון אמעריקא צו פראקטישען און ניצליכען אידעאליזם... טשארלי האט בעלאנגט צו אן ענגען קרייז פון אידישע שטודירענדע יוגענד, וועלכע האט ניט געלערענט פאר קאריערע, נור זיי זיינען געווען ארומגענומען פון אט דעם יונגען אמעריקאנער אידעאליזם. דער אפטימיזם, וואס האט געשטעקט אין זייער בלוט פון זייער אלטער אמונה, האט אונבעוואוסט געפאדערט אין זיי דעם פראקטישען אידעאליזמוס. דער געדאנקען־גאנג זייערער איז ניט ארויסגעגאנגען פון די גרענעצען פון היינטיגען, דעם וועלטליכען לעבען, האט זיך ניט פערבלאנדזשעט אין קיין אנדערע וועלטען, און האט געזוכט א פראקטישען ענטפער אויף אלע פראבלעמען — אין די גרענעצען פון היינטיגען, אין דעם וועלטליכען לעבען.

טשארלי האט זיך אויך געהאט בעקענט מיט א גרופע רוסישע

אידישע אינטעליגענטען, וועלכע זיינען דאָ מהעטיג געווען אין דער ארבייטער בעוועגונג. פון זיי האָט ער געהערט פון דער ארבייטער בעוועגונג אין רוסלאַנד, פון דער רעוואָלוציע, פון דעם רוסישען אידעאַליזם — פון סיביר, פון טורמע. רוסלאַנד, די רעוואָלוציע, איז ביי איהם געווען ווי א פערצויבערטע לעגענדע, ווי אַ הייליגקייט, אַ ארץ ישראל און די רוסישע אידישע אינטעליגענץ איז ביי איהם געווען ווי אַ הייליגע. ער איז שטאָלץ געווען, וואָס ער קומט פון רוסלאַנד, פון לאַנד פון רעוואָלוציע און אידעאַליזם, וואָס ער איז דאָרט גע־בוירען געוואָרען. און ער האָט זיך מיט זיין גאַנצער אונשולדיגער יוגענדם קראַפט אריינגעוואָרפען אין דער בעוועגונג דאָ. און געדענ־קענדיג און פיהלענדיג דאָס לעבען פון די אידישע עמיגראַנטען, האָט עס ביי איהם געוועקט דער פּראָטעסט, זיין פּראָטעסט, פון אַ גע־זונטען גלייכבערעכטיגטען, ערצויגענעם איינגעל צום ערנידריגטען לע־בען פון זיינע עלטערען. און פיליכט איז אין דעם שולדיג געווען זיין פאָטער׳ס רעליגיעזע פרומקייט, וואָס ער האָט ניט געזוכט, ווי טויזענדער, טויזענדער זיינס גלייכען, זיין אייגענע פּערזענליכע פער־בעסערונג פון זיין לאַגע, נור ער האָט זיין גאַנץ ענערגיע, גלויבען און האָפנונגען אוועקגעשאַנקען די פּארטיי, וועלכע, ער האָט געגלויבט, וועט אַלעמענס לאַגע פערבעסערען און פערלייכטערען.

מיט זיינע איין־און־צוואַנציג יאָהר איז טשאַרלי נאָך געווען די אונשולד אַליין, און זיין בעציהונג צו מאַשאַ׳ן איז געווען ווי די מעהרסטע פון די אמעריקאַנער ערצויגענע יוגענד צו מיידלאַך — אַ בעציהונג פון אַ קאַמעראַד אַ באַי צו אַ קאַמעראַד אַ גוירל. זיין יונגער קערפּער, וועלכער איז פון די פּאַבליק סקוהל אַן געוואָרען אויסגימנאַסטירט און געהאַלטען זיך אין איין ברעכען און בעוועגען, איז געווען צו ניכטער פאַר קערפּערליכע ליידענשאַפט. ער האָט ניט קיין צייט געהאַט צו זאַמלען זיין ענערגיע פאַר לוסט, ווארים זיין ענערגיע איז יעדעס מאָל אַנגעווענדעט געוואָרען אויף בעוועגונגען און ברעכען זיך, אויף שפּרינגען און באָלל כאַפּען. קיין מיידעלשער קערפּער האָט ביי איהם גאָר ניט קיין בעזונדערעס ערוועקט. ער האָט זיך געבאָדען מיט מאַשאַ׳ן, געפיהלט איהר קערפּער אויף זיך, גע־לעגען יעצט נעבען איהר אין די זון אויפ׳ן זאַמד, געזעהן די ליניען פון איהר יוגענד, וואָס שניידען זיך ארויס פון איהר באָדע־קלייד און

ער האט גערעדט צו איהר ווי צו א פריינד א אינגעל, און ער האט זי פאר אזעלכע געהאלטען. ער האט געשטיפט מיט איהר, געווארפען זיך אויף אן אנדער, אנגעריהרט די דעליקאטסטע טהיילען פון איהר קערפער, און עס האט ביי איהם קיינע זינדיגע געפיהלען ניט ערוועקט. ער האט זי געריסען ביים האנד און געשלעפט זי ביים ארעם איבער'ן זאמד, וואו די זון האט זיי ביידען בעגאסען מיט ליכט און ווארימקייט.

— קום, מאשא, וועלען מיר זיך לאזען אין דעם ים פון די מענשען — קוק, זעהסט ווי גרויס דער ים מענשען איז — קום, איך האב ליעב צו טראגען זיך אין א ים מענשען.

און ווירקליך איז דער גאנצער ברעג פון ים ווי ווייט דאס אויג האט נאר געקענט פערכאפען, אנגעפילט געווען מיט נאסע, בארוויסע און נאקעטע מענשען. לייבער, לייבער און לייבער. דאס ביסעלע קליידער, סיי מענליך, סיי ווייבליך, האט זיך פערלארען אין די נאקעטע הענד, העלזער, בריסטען, פיס און רוקענס. עס איז געווען ווי דער ים וואלט ארויסגעווארפען פון זיך כוואליעס מיט מענשען־לייבער: ווייבער, מענער, קינדער, אינגלאך און מיידלאך, אלע אויסגעמישט, צוזאמענגעפארט, צוזאמענגעקנאטען.

מאשא און טשארלי, יונג און נאקעט, מיט נאקעטע פיס און נאקעטע הענד, זיינען געגאנגען צווישען די האלב נאקעטע לייבער. עס איז געווען ווי די גאנצע וועלט וואלט זיך צונויפגעקומען צום ברעג פון ים, אראפגעווארפען פון זיך די זינדיגע בעפלעקטע קליידער, און געמאכט א נאקעטע שטאדט. עס האט נור געשטערט אין דעם ים־נאקעטקייט דאס רעשטעל פון אנגעטהועכס, וואס די מענשען האבען געמוזט טראגען פאר „אנשטענדיגקייט"... אזוי זיינען זיי ביידע געגאנגען האנד אין האנד, און זייערע נאקעטע שטיקער לייבער האבען זיך אנגעריהרט און געריבען אן פרעמדע, אן אונבעקאנטע. מען האט מיט אמאל דערפיהלט דעם טעם פון א פרעמדען לייב. עס האט זיך געדאכט, אז א גרויסער משיח איז געקומען און האט אלע פערבאטען אויפגעלעזט, אלעם מעג מען, און די גאנצע וועלט מישט זיך אויס אייגער מיט'ן צווייטען...

טשארלי האט געהאט דאס בעדערפעניס צו רעדען. די בעגייסטערונג פון די אלגעמיינע פרייד האט איהם אנגעשטעקט — און

ווער עס וואָלט נעבען איהם געגאַנגען, מיט דעם וואָלט ער זיך מיט זיינע געפיהלען געטהיילט.

— קוק, מאשא, קוק, ווי ווייט און ברייט עס איז דער ים מענשען. זעה, די גאַנצע וועלט איז זיך צוזאַמענגעקומען. כ'האָב ליעב די ניו יאָרקער מאַססע. אז מען זעהט אַ ניו יאָרקער מאַססע, זעהט מען די גאַנצע וועלט פאַר זיך. אין אַלעמענס אויגען ליגט אַ בענקשאַפט פון אַ יוגענד, פון אַ קינדהייט, וואָס זיי האָבען ערגעץ אַנדערש וואו, אין אַן אַנדער לאַנד איבערגעלעבט. דאָס איז ניו יאָרק. מיר אַלע זיינען ניו יאָרקער. איך, דו — די אַלע וואָס ליגען דאָ — מיר אַלע האָבען אונזער קינדהייט פערבראַכט ערגעץ אַנדערש וואו. און אַ ניו יאָרקער צו זיין הייסט, צו האָבען אין די אויגען אַ בענקשאַפט צו אַן אַנדער וואַסער, פעלד און זון. יעדער איינער פון אָט די האָט זיך אויפגעצויגען אין אַן אַנדער לאַנד. פיעלע קומען דאָ פון די ברייטע סטעפּס פון רוסלאַנד און פיעלע וועלכע געדענקען דעם ליכטיגען הימעל פון איטאַליע, פון די רייך־קאָלירטע און בילדערישע פעלדער פון אונגאַרן און גאַליציען, פיעלע וועלכע געדענקען די אַראַבישע וויסטע, און אַזעלכע, וועלכע האָבען זיך אויפגעצויגען אויף די בעמאָהלטע רייז־פעלדער פון כינאַ און יאַפּאַן, און ווער אויף די הויכע בערג צווי־שען שעפּסען און קיה, און אַזעלכע, וועלכע האָבען נאָך געזעהן דאָס קליינע אידישע שטעדטעל מיט די פערשנייטע דעכער אין ווינטער — דו געדענקסט, מאשא, אונזער שטעדטעל קוזמין אין ווינטער? איך געדענק עס ווי אין אַ חלום: די קליינע שוהל, מיט אַ פענדעלע פון דאַך אַראָפּ, אַן אויסגעדרעהט פענדעלע. דער טאַטע האָט מיך געפיהרט אין שוהל אַריין, אויף די פּלייצעס האָט ער מיך געשלעפּט, און איך האָב געהאַלטען אַ סדור מיט אַן עפּעל אין דער האַנד, און אויף דער שוהל איז געווען אַ פענדעלע. און מיר אַלע דאָ ליגען נאַקעט ביי איין ברעג פון קוני איילאַנד.

מאשא איז טרויעריג געוואָרען און פערקלעהרט. טשאַרלי'ס ווערטער האָבען איהר געבראַכט צו קלעהרען וועגען איהר לאַגע. זי האָט זיך אויך דערמאָנט אַן קוזמין און האָט געזעהן איהר קינד־הייט ווי אין אַ חלום ווי זי ציהט זיך אויף ביים זיידען. זי האָט געדענקט אַן אַלטען אידען, וואָס האָט איהר געגעבען לעקעכלעך, און דערנאָך האָט זי אַלעם פערגעסען און ווידער זיך דערמאָנט אַן

האפקינס סטריט, ווי זי לויפט צום בוטשער ער זאָל איהר באַרגען פלייש. „פאַ ארביימ" — און דערנאָך דעם אָנקעל, און איהר לאַגע איצט. זי איז טרויעריג געוואָרען און האָט אויפגעהויבען איהרע שוואַרץ־גלדיכטע ברעמען און איהרע פולע וויינטרויבען־אויגען צו טשאַרלי'ן:

— און דו וואָלסט ניט געוואָלט זיין געבוירען אין אמעריקאַ?

— ניין — האָט טשאַרלי געענטפערט — איך בין גליקליך וואָס איך בין אַ ניו יאָרקער, אַ פרעמדער געבוירענער, מיט בענקשאַפט נאָך רוסלאַנד, ווי אַלע דאָ אין דער פרעמד געבוירענע. און מיר אַלע דאָ אין דער פרעמד וועלען מאַכען אמעריקאַ אַ שעהנע, אַ פרייע, אַ גרויסע אמעריקאַ. יעדער איינער וועט ברייגגען דאָס שעהנע פון זיין לאַנד און וועט עס געבען צו אמעריקאַ. זיי ברייגגען דאָס מיט אויף די שיפען פון זייערע לענדער. די איטאַליענער, די רוסען און די טשעכען מיט די אונגאַרען, און די סקאַנדינאַווער מיט די אראַבער — אַלע, אַלע ברייגגען מיט דאָס שעהנסטע פון זייער לאַנד, דאָס בענקשאַפט פון זייער קינדהייט, און וועלען דאָס אוועקגעבען אמעריקאַ. איינער ברענגט זיין שעהנהייט, זיין קונסט, זיין גלויבען. אַנדערע זייער גלייכע דענקען, זייער עהרליכקייט. אַלעס שעהנסטע און בעסטע פון דער גאַנצער וועלט — אַלעס וועט זיך צוזאַמענלייגען און מיר אַלע וועלען זיין דאָס גרויסע, דאָס פרייע, דאָס נייע אמעריקאַ!

— און וואָס וועסטו געבען, טשאַרלי, אמעריקאַ? — האָט מאַשאַ לאַכענדיג געפרעגט.

— וואָס איך וועל געבען? איך וועל געבען דאָס, וואָס אַלע קינדער פון אידען וואָס קומען פון רוסלאַנד. אַ, מיר זיינען זעהר פיעל שולדיג אמעריקאַ, און מיר דאַרפען איהר פיעל געבען. אמע־ריקאַ האָט אונז אַלעס געגעבען, אונז אַנדערש געמאַכט פון אונזערע עלטערען. פיעל זיינען מיר שולדיג אמעריקאַ פאַר די פרייהייט, וואָס זי האָט אונז געשאָנקען. און מיר וועלען איהר געבען דאָס, וואָס די אידען האָבען געגעבען רוסלאַנד — אונזער רעוואָלוציאָנערען גייסט זיינען מיר פערפליכטעט אמעריקאַ, אונזער אייביגען פראָטעסט, אונ־זער אונצופריעדענהייט. מיר זיינען פערפליכטעט אמעריקאַ אַנדערש צו זיין ווי אונזערע עלטערען. אונזערע עלטערען זיינען אראָפּגע־קומען, זיינען זיי געוואָרען שקלאַפען אין אמעריקאַ. און מיר מוזען

זיי בעפרייען. מיר אַלע זיינען קינדער פון שקלאַפען. זיינען אונ־זערע עלטערען ניט געוועזן קיין שקלאַפען? מיין טאַטע, דיין טאַטע. און האָט דיך דיין טאַטע ניט אוועקגעגעבען צו זיין ברויט־געבער ווי מען גיט אָפּ אַ שקלאַפען־קינד?

— סטאָפּ, וואָרים איך'ל... — האָט מאַשאַ געזאָגט און איז רויט געוואָרען. איהרע פולע וויינטרויב־אויגען זיינען פול געוואָרען מיט פּערל־טרעהרען. נאָר ביי זיך האָט זי שוין בעשלאָסען טשאַרלי'ן ניט צו לאָזען זעהן, אַז עס האָט איהר עפּעס אָנגעריהרט. און אויס־צולאָכען די גאַנצע זאַך, האָט זי זיך אָבגערופען:

— האָסט עפּעס געלד, טשאַרלי?

— איך מיין אַרום אַ דאָלאַר. ער האָט שוין גענוי געוואוסט די סומע געלד וויפיעל ער בעזיצט, נור געמאַכט מעשה רייכער.

— און איך אַ האַלבען. דאָס וועט סטייען.

— אויף וואָס?

— איך וויל האָבען אַ נייס טיים, מיר זיינען דאָך אין קוני איילאַנד.

—דאָס איז רעכט, — שרייט אויס טשאַרלי.

— נו, געה דיך אָנטהאָן, איך אויך. מיר וועלען זיך טרעפען אין דרויסען.

און ער איז פלינק אוועק.

טשאַרלי האָט ערשט יעצט זיך דערמאָנט וואָס ער האָט גע־זאָגט און איז געבליבען שטעהן אַ פערשעהמטער מעהר פון איהר שמייכעל, איידער פון די אומגעלומפּערטע רייד, וואָס ער האָט אַזוי אונגעשיקט אַרויסגערעדט.

---

## .10

## „טויזענד און איין נאַכט“.

נאַכ'ן באָדען האָבען זיךביידע געפיהלט פריש און פול מיט ענערגיע. זיי זיינען בערייט געוועזן אויף אַלסדינג. טשאַרלי האָט זיך צוריקגעהאַלטען פאַרלעגען, עס איז איהם געוועזן אונבעקוועם איבער דעם, וואָס ער האָט דערמאָנט מאַשאַ'ן פון אַנקעל.

מאשא האט איהם באלד אבער געמאכט אן אלצדינג פערגעסען. מיט א ווייכע שטים, מיידלישע ווייבליכקייט, מיט וועלכען עס איז שוין פול געווען איהר גאנץ וועזען, האט זי זיך אנגערופען:

— דו, טשארלי, גיב מיר צוהאלטען דאס קאר־פעיר, פאר'ן איבער־ריגען וועלען מיר האבען א נייס טיים, אז ניט וועלען מיר אלעס נאך אויסגעבען און ניט האבען מיט וואס אהיים צו פאהרען.

דאס זאגענדיג האט זי ארויסגענומען פון איהר געלד א קוואדער און קאקעטיש איינגעבונדען אין טיכעל — שמייכלענדיג צו טשארלי'ן, די איבעריגע האט זי ארייגעשטעקט טשארלי'ן:

— נא, צושטייער.

— וואס ווילסטו זעהן?

— עווריטהינג. — איך וויל האבען א ריעל גוד טיים.

— אלל־רייט, קום! און הונגעריג ביזטו נים? — איך'ל דיר זאגען דעם אמת — איך בין זעהר הונגעריג — האט טשארלי געזאגט אין פערלעגענהייט.

— איך אויך — האט מאשא געלאכט — נור מיט עקאנאמיע, איך וויל האבען פאן.

— וואס?

— קרעקער־דזשעקס.

טשארלי איז אבער געווען פאר מעהר סאלידעס, און האט פאר־געשלאגען „פראנקפורטער". עס איז געבליבען אי דאס ערשטע אי דאס צווייטע, וואס זיי האבעןביידע געגעסען אויף דער גאס שטופענדיג זיך צווישען דעם טייך מענשען וואס האט געשטראמט איבער די טראטוארען, און געלאכט זיך אין פנים אריין.

דאס ערשטע וואס זיי האבען געטראפען זיינען געווען „די זיעבען וואונדער פון דער וועלט". מען האט געוויזען א קוה מיט צווי קעפ, געבראכט פון אינדיען; א צונויפגעוואקסענער צווילינג (מיידלאך), געבראכט פון כינא, און צווי קליינע ליליפוטען: איינעם א יאפא־נעזער, דעם צווייטען א ניגער; די דיקסטע מיידעל פון דער וועלט, וואס האט געוואויגען העכער פון פינף הונדערט פונט; א מאן מיט א פנים פון א לייב, א יונגע מיידעל מיט גרויע האהר; א נעגער־פרוי וואס קריכט ווי א בער, און א ווילדען אינדיאנער, וואס א קא־פיטאן האט ערשט ענטדעקט.

זיי האָבען בעצאָהלט צו פינף סענט און אָנגעקוקט „די זיעבען וואונדער פון דער וועלט", וואס מ'האָט געבראכט פאר זיי פון אלע עקען פון דער וועלט, וואו די נאטור בעשאפט עפעס אויסטערישעס. מעג עס זיין אויף די פערבאָרגענע ווייטסטע אינזלען, געפינט מען עס אויס און מען ברייננט עס נאָך קוני איילאנד און מען ווייזט עס פאר פינף סענט. עס האָט זיך זיי געדאכט, אז קוני איילאנד איז דער צענטער פון דער וועלט. אין אַן אַנדער אָרט האָט מען פערשפּראָכען צו ווייזען די כשוף־מאַכעריי פון עגיפּטען, געטריבען פון כאליף פון מצרים, און אלס צייכען, אַז מען זאָגט אמת, האָט דער גרויסער טונקעלער כאליף פון מצרים געהאלטען א כינעזישען אינגעל — ער האָט איהם געלייגט שלאָפען אויף א בעזים, און האָט איהם געמאכט רוהען אין דער לופטען, און האָט איהם געהויבען אין דער הויך, נור אלצדינג וואָס דער כאליף פון מצרים האָט געהאט צו ווייזען, האָט ער געוויזען אין דרויסען, בחינם, פאר אלע מענשען. די וועלכע האָבען בעצאָהלט א ניקעל און זיינען אריינגעגאנגען — האָבען אינעווייניג שוין גאָר ניט געזעהן.

פאר נאָך פינף סענט האָבען זיי זיך געפונען אין כינא, און גע־זעהן די שלאָפענדע כינעזישע פּרינצעסין מיט איהרע קליינע צו־נויפגעקוועטשטע פיסעלעך, מיט די גאָלדענע פאַנטאָפעלעך אויף די פיסעלעך. און פאר נאָך א ניקעל האָבען זיי זיך געפונען אין אלאדין'ס כשוף־לאָמפּ, וואו דער גרויסער שטארקער אלאדין, דער אָבגעברענטער אראַבער מיט די אוירינגלאַך אין אויער, מיט די רויטע שטארקע לי־פען, איז אויפגעשטאנען פאר זיי. פון זייערע קינדער־חלומות, פון די ביכלעך ארויס, איז ער לעבעדיג געוואָרען. אָט שטעהט ער פאר זיי, אלאדין פון „טויזענד און איין נאכט", רייבט דעם כשוף־לאָמפּ און עס בעוויזט זיך אין דער לופט א טיש געדעקט מיט גאָלדענע און זיל־בערנע כלים. אלאדין נעהמט א קרוג אין האנד אריין און גיסט פון איהם וויין ארויס; אלאדין רייבט דעם כשוף־לאָמפּ און עס קומט צו־פליהען א ווייסע טויב, א דיענערין פון דעם לאָמפּ און שטעלט זיך אויף זיינע פּלייצעס, און רוימט איהם איין א סוד אין אויער אריין. א שליחות פון א געהיימער, פער'כשוף'טער וועלט.

זיי זיינען געגאנגען פון איין כשוף־פּאַלאַץ צום צווייטען. עס

האָבען זיך פאַר זיי אויפגעעפּענט די געהיימניסען פון אינדיע, די פערבאָרגענישען פון מצרים און די סודות פון די ווייטע פער'כשוף'טע אַראַביע. עס האָט זיך זיי געדאַכט, אַז זיי לעבען אין דער צייט פון „טויזענד און איין נאַכט“, ווען דער וועג נאָך אינדיע איז נאָך ניט געפונען געוואָרען, און זיי זיינען זיך אין די פער'כשוף'טע לענדער פון אַלטען אָריענט. זיי האָבען געזעהן די טעמפּלען פון כינא, און די טענץ פון אינדיע, און די פּרינצען פון אינדיע האָבען זיי נביאות גע־זאָגט וועגען דעם גורל פון זייער צוקונפט, און די אַלאַדינס פון אַראַביע האָבען זיי אַמוזירט מיט די קונסט פון זייערע צויבערייען. און אי־בעראַל האָט זיך געפונען דער פּראַכט און גלאַנץ פון דעם פערבאָר־גענעם אַלטען אָריענט.

אַז זיי זיינען אַרויסגעקומען פון די כשוף־פּאַלאַצען, האָבען זיי זיך ביידע געפיהלט ווי שכור. זיי האָבען זיך אויסגעזעצט אויף צוויי פערד, בעקליידעט זיינען געווען די פערד מיט רייכע מאַנטלען, ווי די פערד פון אַן אַראַבישען אַנפיהרער. גרויסע טהייערע שטיינער ברי־ליאַנטען און רויטע שמאַראַגדען און סאַפּיר שטיינער און אַנדערע טהייערע שטיינער, רויב פון געפאַנגענע פּרינצעסינס און פון אין מלחמה געפאַלענע כאַליפען, זיינען געהאַנגען אויף די פערד, און פון אַ טהיי־ערע אַראַבישע בלוט־ראַסע זיינען די פערד געקומען, פון די ברייט ציטער'ענדע נאָז־לעכער האָט געשלאָגען אַ רויך און פון איידעל דעלי־קאַטען מויל־שניט האָט געשלאָגען אַ שוים, און אַ פּרינץ מיט אַ פּרינצעסין זיצען האַנד אין האַנד אויף די פערד, מאַשאַ און טשאַרלי און פאַר זיי אַנדערע פּרינצעסינס, און אויף דעם רייך־בעפּוצטען קאָוטש זיצען איידעל־קעניגליכע קינדער און זיי פאָהרען אויף די פערד, יאָגען איינס דאָס אַנדערע און קענען זיך קיינמאָל ניט כאַפּען. וואו־הין רייטען די פּרינצען? אין דער לאַנד פון חלום, אין דער איי־ביגער פרייד, אין יוגענד אריין.

אַ מינוט די רייזע. פון האַלז זיינען די פערד, אַ ראַד־שפּאַן דער מהלך. אָבער וואָס איז דער חילוק? די ווירקליכקייט — אַ מינוט, אייביג — דער חלום.

און באַלד זיצען זיי אין אַ פליה־קאַרב. עס הויבט זיך דער קאַרב אין די לופטען, העכער און העכער. עס ענטפּלעקט זיך פאַר זיי

דער גרויסער הימעל, קוני איילאַנד מיט די מיליאָנען מענשען, דער ים מיט מענשען און דער ים מיט וואַסער אונטער זייערע פיס.

זיי הויבען זיך העכער — פּלוצים פאַלען זיי מיט אימפּעט אריין אין אַ טיעפען טהאָל מיט'ן קאָפּ אַראָפּ אין אַ אונטער־גרונד, אַ וואַסער אונטער זייערע פיס — דער טויט פאַר די אויגען, און ווייטער שווימסטו אין דער הויך, דו פליהסט העכער, העכער, פערגעסען דאָס לעבען, פערגעסען די וועלט.

און שכור פון כשוף געפינען זיי זיך באַלד אין געלב־פיאָלעטנע וואָלקען, וואָס הילט איין די וואונדער־שטאָדט ווי אין אַ פאַנטאַסטישען חלום. קוני איילאַנד האָט זיך אָנגעצונדען. עס פליסען די טייכען ליכט פון די הייזער, פון די טורעמס און דעכער אראָב, ווי שטראָמען וואַסער. עס דרעהען זיך די רעדער מיט ליכט איבער די טורעמס, פליהען אוועק פון די הייזער, שווימען אריין אין די לופט, און עס דאַכט זיך, אַז איבער דער וועלט האָט זיך דער הימעל נעהענטער אראָב־גערוקט, און עס האָט זיך בעוויזען דאָס שיינענדע ליכט פון די שטערען מיט די קאָמעטען. קוני איילאַנד איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ חלום, ווי אַ לעגענדאַרע שטאָדט, פון די קינדער־ביכלעך ארויס. די קינדער יאָהרען זיינען צוריק אויפגעשטאַנען לעבעדיג, און אַלעס איז אין דער וואָהר געקומען. אַלע מעשיות זיינען ריכטיג געוואָרען, און מענשען, גרויסע מענשען, לעבען ווי קינדער, האָבען לעבעדיג געמאַכט אַ קינדער־שטאָדט פון די מעשה־ביכלאַך ארויס, און לעבען אין איהר. איבער קוני איילאַנד הענגט אַ גאָלדענער רויטליכער נעבעל, און אַלע לעבען אין דעם נעבעל, געהען און וואַקלען זיך ווי שכור, ווי זיי וואָלטען געלעבט אין אַ חלום. פון די געוועלבער ארויס גיסען זיך טייכען ליכט, רויטע, געלבע. עס זיינען געמאַכט די געוועלבער ווי גרויסע קינדער־הייזלעך און פאַר די געוועלבער שטעהען גרויס גע־שניטענע פּופּען און האַלטען טראָמפּייטען אין די הענד און שפּילען. אַ הויכע פּופּען־דאַמע, אָנגעטהאָן ווי אַ קעניגין אין גאָלד און זילבער, שטעהט פאַר די פּופּען־מוזיק מיט אַ שטעקען אין האַנד, און זי איז די קאַפּעל־מייסטערין. אנדערע פּופּען זיצען זיך אויף פּופּען־פערד און רייטען, און מענשען דרעהען זיך צווישען זיי. די מענשען זיינען אויך ווי פּופּען, נור שכור'לאַך געהען זיי פון איין ליכטיג געוועלב אין אנדערען,

געהמען זיך וואָס זיי ווילען, עסען, טרינקען, און שפּיעלען, און טאַנ־צען — דאָס ליכט גיסט זיך וואָס ווייטער אין גאָס אַריין, די גאַנצע גאָס ווערט בעגאָסען אין ליכט, און אַלעס ווערט פערשטעלט, און עס דאַכט זיך, אַז מען לעבט אין גאָר אַ קינדערישע וועלט. אין די כשוף־וועלט פון די קינדער־יאָהרען, אַלע, אַלע, די גאַנצע וועלט זיינען צוריק קינדער געוואָרען — גרויסע קינדער. מיר אַלע שפּיעלען זיך ווי קינדער, און מיר אַלע האָבען זיך געפונען אין די קינדער־וועלט וואָס הייסט קוני איילאַנד.

אַז זיי זיינען געזעסען אין וואַגאָן צוריק אַהיים צו פאָהרען, האָבען זיי זיךביידע ווי אויפגעוואַכט פון חלום וואָס זיי האָבען געלעבט — ווידער זיינען זיי זיך פאַרגעקומען פרעמד. זי האָט גע־פיהלט אַ שנור אויף'ן האַלז, וואָס עס האָט איהר ווער פערוואָרפען. און טשאַרלי'ן האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט געערדט אַ גאַנצען טאָג נאַרישקייטען. און צו וואָס? און פאַר וועמען? נור דאַד האָבען זיי ביידע געפיהלט ווי עפּעס האָבען זיי דורכגעלעבט צוזאַמען, עפּעס אַזעלכעס וואָס האָט זיי אויף אַ מינוט זעהר נאָהענט צונויפגעבראַכט צוזאַמען, און דאָס וואָס איז געשעהן קען שוין ניט אָבגעווישט ווערען — אַן ערינערונג פון אַן אנגענעהמען חלום האָט פערוועבט זייערע מיעדע מוחות. זיי און דער גאַנצער וואַגאָן מענשען האָבען געכאַפּט אַ לעצטען בליק אויף קוני איילאַנד. פון דערווייטענס האָט זיך גע־וויזען דער אינזעל ווי אַן אויסטערישע ערשיינונג פון דער נאַטור, ווי אַ וואונדער. הויכע פייערדיגע טורעמס האָבען זיך געהויבען אין דער הויך איינער נאָכ'ן אַנדערען. פייער ברענענדיגע רעדער האָבען זיך געדרעהט אין דער לופטען, און זיי האָבען זיך געהאַלטען אין חלל ווי דורך אַ נס. שטאַלץ און אונגעוועהנליך שעהן און ווי גאָר ניט פון דער וועלט האָבען זיך געוויזען די פייער ברענענדיגע טורעמס פון די פייער ברענענדיגע הייזער, און זיי האָבען אויסגעזעהען ווי קור־פּאַלען און טורעמס פון הייליגע געטליכע טעמפּלען, וועלכע זיינען פון הימעל אַראָפּגעפאַלען. עס האָבען אויסגעזעהן די רעדער, אין די ברענענדיגע גאַסען אין דער לופטען, און די ברענענדיגע שפּיצען פון די טורעמס, ווי טעמפּלען געטליכע, ווי אַ „מעקא“, ווי אַ ירושלים. און זיי האָבען געצויגען צו זיך מיט זייער מאַיעסטעטישען וואונדער־

ליכטן הייליגען גלאַנץ און יעדער איינער האָט אין האַרצען געבענטשט און געדאַנקט די הייליגע וואונדער־שטאָדט קוני איילאַנד וואָס ברענגט פרייד, זעליגקייט און שפּיעלעריי צו מיליאָנען...

---

.11

## די כלה וויל נישט.

מאַשאַ'ס עלטערען זיינען אונרוהיג געוואָרען אין דער היים, וואָס מאַשאַ איז אַוועק אין קוני איילאַנד און מען זעהט זי נים. עס איז שוין געווען שפּעטלעך אויך, סאַפּער־צייט, דער טיש איז גע־דעקט געווען, די געשליפענע גלאַז־וואַרג וואָס אהרן'ס ווייב האָט זיך אָנגעקויפט אין שטוב, צייט עס איז איהר גוט געגאַנגען, האָט געפינקעלט פון גלעזער־שענקעל אַרויס, און מאַשאַ'ס מוטער ראָזע איז געזעסען ביים געדעקטען טיש אַן אונגעדולדיגע, אַמאָל געקלימ־פּערט מיט אַ גאָפּעל, אַמאָל אַוועקגעשאַרט אַ טעלער, און געקלאַפּט מיט די ליפּען:

— נאַ דיר אַ קוני איילאַנד.

אהרן, וועלכער איז געווען אַהין אַ ראַק, איז געשטאַנען ביים אָפענעם פענסטער און אַרויסגעקוקט אונגעדולדיג אויף מאַשאַ'ן. דאָס קלאַפּען מיט'ן ווייב'ס ליפּען האָט איהם דענערווירט, ווארים כאָטש עס איז ניט געווען קיין אויסערגעוועהנליכעס אין מאַשאַ'ס זאַמען זיך, דאָך האָט זיי מאַשאַ'ס פערשפּעטיגען אויפגערעגט. וואָס פאַר אַ קלייניגקייט עס האָט זיך ניט געטראָפען מיט מאַשאַ'ן, האָט זיי באַלד בעאונרוהיגט. ווי מען בעאונרוהיגט זיך שטענדיג וועגען אַ גרויסען אוצר — האָט אהרן אַפּגעבויגען דעם קאָפּ פון פענסטער און געברומט:

— ראָזע, לאָז מיך שוין געהן, ראָזע.

די איבעריגע קינדער זיינען ניט געווען אין שטוב, געווען געהאַט אַרויסגעפאָהרען אויף זומער־וואָהנונגען. נור טאַטע־מאַמע זיינען איבערגעבליבען מיט מאַשאַ'ן, צוליעב דעם אויסשטייער. עס האָט טאַקע געהאַלטען קורץ פאַר מאַשאַ'ס חתונה. אין אַזעלכע פעלע זיי־

נעז טאטע־מאמע מעהר בעאונרוהיגט ווענען די כלה — און דא איז דאך די כלה געווען מאשא.

— וואו איז זי געגאנגען, ראזע? — איז שוין אהרן געווארען אויך אונרוהיג.

— וואו, איך האב דיר געזאגט, נאך קוני איילאנד; זי האט געוואלט זיך אויסבאדען.

— און מיט וועמען איז זי דאס געגאנגען אין קוני איילאנד, ראזע?

— וואס פרעגסטו מיך? דו ווייסט ניט? זי האט דאך אנגע־קלונגען, זי געהט מיט טשארלי'ן אין קוני איילאנד זיך באדען.

— מיט טשארלי'ן, הא? ראזע, מיט טשארלי'ן איז זי געגאנגען אין קוני איילאנד. און דער אנקעל האט מיר אנגעקלונגען, אז ער קומט באלד אריין מיט דער מאשין זי ארויסנעהמען. דער אנקעל האט מיך היינט געפרעגט א מאל צעהן אויף איהר. געה זאג איהם, אז זי איז געגאנגען מיט טשארלי'ן אין קוני איילאנד. געה זאג איהם מיט טשארלי'ן. יעצט וועט ער באלד אריינקומען, זי ארויסנעהמען מיט'ן אויטאמאביל, און זי וועט ניט זיין — איז געגאנגען מיט טשארלי'ן אין קוני איילאנד — הא, ראזע, שעהן זעהסטו אוים, הא?

— וואס בין איך שולדיג? איך האב זי דען געזעהן? אויפ־געכאפט זיך אין דער פריה און איז אוועק. וואס האב איך געזאלט טהאן?

— געה זאג דעם תירוץ דעם אנקעל. געה, זאג איהם, ער וועט דא באלד זיין, וועסטו דאס איהם זאגען.

— אהרן, וואס שרעקסטו מיך, אהרן?

נור אהרן האט זיך באלד אויך דערשראקען פאר דער שרעק, וואס ער האט אנגעווארפען. האט ער זיך געפרואווט ארויסנעהמען פון דער שרעק.

— ראזע, לאז מיך אפ, ראזע. דאס קינד איז זיך געגאנגען באָ־דען, וועט באלד צוריקקומען — וואס מאכסטו חתונות?

— איך מאך חתונות? — דו מאכסט חתונות!

— ראזע, לאז מיך אפ, ראזע.

נור באלד זיינען זיי בעפרייט געווארען פון דער שרעק, וועלכע זיי האבען איינס אויפ'ס אנדערע אנגעווארפען. אין שטוב איז געקומען

אריינצולויפען מאשא. טאטע־מאמע האבען פריי אויפגעאטהעמט. אין איהרע אויגען איז געווען א גלאנץ פון טרעהרען און כעס. זי האט זיך א מינוט אבגעשטעלט אין מיטען שטוב און אנגעקוקט טאטע־מאמע מיט א רחמנות און וויינענדיגען בליק, דאן איז זי ארויס אין א הויכען געוויין און איז שנעל אריין צו זיך אין שטיבעל אריין.

— ראזע, וואס איז דאס? — האט אהרן געפרעגט.

— איך ווייס וואס דאס איז? וואס פרעגסטו מיך? קום אריין צו איהר.

טאטע־מאמע זיינען צו צו מאשא'ס צימער, האבען אבער גע־פונען די טהיר פערשלאסען. דער טאטע האט זיך געבעטען הינטער דער טהיר:

— מאשא לעבען, וואס איז דיר? זאג מיר, ביזט חלילה קראנק? אפשר שיקען נאך א דאקטאר?

— מיר פאלען דאך פון לעבען, מאשא; וואס איז דיר, מאשא?

— האט זיך די מאמע געבעטען.

מאשא איז אבער שטום געבליבען הינטער דער פערשלאסענער טהיר.

— איז וואס וועט יעצט זיין, ראזע? — האט דער מאן געפרעגט, ווי דאס ווייב וואלט נור אליין אין דעם אונגליק שולדיג געווען.

— איך וועל אהין געהן, צו די שנארערס, און די אויגען זיי אויסדראפען, דער מאמא'ן מיט'ן זוהן. וואס האבען זיי צו אונז, וואס פערגינען זיי אונז ניט אונזער שטיקעל ארים גליק — האט ראזע געזאגט. מיינענדיג טשארלי'ן מיט זיין מוטער.

— אבער הער אויף, הער שוין אויף! — שרייט דער טאטע

— מאשא, מאשא לעבען, שרעק אונז ניט; דו שרעקסט דאך אונז

— האט זיך דער טאטע געבעטען הינטער דער טהיר.

פון מאשא'ן איז קיין אנטווארט ניט געקומען.

— און וואס וועט יעצט זיין? דער אנקעל וועט דאך באלד קו־מען. ער האט אנגעקלונגען, אז ער קומט מיט די מאשין דיר ארויס־נעהמען.

דא האט זיך פלוצים מאשא'ס טהיר אויפגעפראלט, און דאס מיידעל מיט ברייט־אויפגעריסענע אויגען האט געשריען צו טאטע־מאמע:

— איך וועל ניט חתונה האבען מיט'ן אנקעל, איך וועל ניט, איך וועל ניט!...

טאטע־מאמע האבען זיך אנגעקוקט, ווי דער אונגליק אליין וואלט מיט'ן דונער אריינגעקומען.

— וואס רעדסטו? וואס זאגסטו? מאשעלע, וואס טהוט זיך מיט דיר?

— אי דאנט וואנט איט, אי דאנט וואנט איט! — האט מאשא געטאפעט מיט די פיס.

— שא, שטיל, וועה איז מיר, דער אנקעל וועט דאך באלד אריין.

מאשא האט צוגעקלאפט די טהיר פון איהר צימער, הינטער די עלטערען.

— איז וואס וועט יעצט זיין? ראזע, איך ווער דאך משוגע, איך ווער דאך משוגע, איך געה דאך פון זינען אראב! — אהרן האט מיט אמאל דערזעהן די גרוב פון ארימקייט, פון וועלכער ער האט זיך ארויסגעקריגען, און די געפאהר ווידער אין איהר אריינצופאלען. ער האט זיך צוריק געזעהן אן אפערייטאר — ער האט פערצווייפעלט.

נור ווי אימער אין אזא פאל, ווען אהרן האט זיך פערלארען, האט אויך איצט ראזע גענומען די לאגע אין איהרע הענד אריין:

— אהרן, געה אוועק, זעץ זיך צום טיש עסען. דער אנקעל וועט באלד אנקומען... — האט זי געזאגט מיט א בעפעהלענדען טאן.

אהרן האט געפאלגט, זיך אוועקגעזעצט ביים טיש און גענומען ברעכען די הענד:

— וואס וועט יעצט זיין, וואס?

— אהרן, הער אויף, דער אנקעל וועט אנקומען — ער דארף גאר ניט וויסען, ער דארף גאר ניט אנזעהן.

אהרן האט איינגעזעהן, אז דאס ווייב האט רעכט, האט אויפגע־הערט און געפרואווט רוהיג זיצען.

— וואס איז געשעהן? גאר ניט איז געשעהן. געפאהרען מיט'ן באי נאך קוני איילאנד האט זיך איהר דער קאפ פערדרעהט. זי וועט איבערשלאפען די נאכט, וועט זי זיך אויסניכטערען.

אהרן האט איינגעזעהן, אז דאס ווייב האט רעכט, איז ער שוין גאר רוהיג געווארען.

און אז דער אנקעל איז אריינגעקומען, האט ער געטראפען די צוויי זיצען ביים טיש און עסען זיך געמיטהליך.

— וואו איז מאשא? — האט דער אנקעל געפרעגט נאך זייענדיג ביי דער טהיר. בעפאר ער האט נאך „גוד איווינינג“ געזאגט, האט ער דערזעהן, אז מאשא איז ניטא ביים טיש.

— האלאו, מאזעס! (צייט דער אנקעל איז א חתן געווארען, האט איהם ראזע אויפגעהערט צו טיטולירען מיט „אנקעל“, נור גערופען איהם ביים בלויזען נאמען מאזעס, וועלכער האט זיך אויסגעדאכט, אז עס פאסט זיך מעהר פאר א חתן־בחור). האלאו, מאזעס — האט זיך ראזע אבגערופען, מאשא האט א קאפ שמערצען. האט זי זיך אביסעל צוגעלעגט ביי זיך אין צימער. — און איידער דער אנקעל האט נאך צייט געהאט זיך אוועקצוזעצען, האט זי שוין אריינגערופען אין צווייטען צימער:

— מאשא, מאשא, זעה נור ווער עס איז דא!

— וואו איז זי געווען, וואס דער קאפ טהוט איהר וועה? — האט דער אנקעל געפרעגט.

אהרן איז בלייך געווארען און דערשראקען, ווי יעדעס מאל, ווען עס מאכט זיך איהם עפעס ניט גלאט, ווערט ער באלד צומישט און פערלירט זיך. ראזע אבער האט זיך ניט פערלוירען:

— זי איז געווען אין קוני איילאנד זיך אויסבאדען, אזעלכע היצען, אהיים געקומען א ברוגז'ע, מאזעס. — האט זי געוואונקען מיט די אויגען צום אנקעל, „זאל ער צוגעהן זי ארויסרופען; ווערמען זי וועט אבזאגען, אבער איהם...“ — האט די אידענע קאקעטיש צוגעוואונקען.

אהרן איז נאך בלייכער געווארען, געשראקען זיך. ראזע האט איהם בערוהיגט מיט א וואונק. דער אנקעל איז ווייטער געבליבען זיצען ביים טיש, גלייכגילטיג, געזאגט ווי פאר זיך:

— אז זי וויל זיך ברוגז'ען, זאל זי זיך ברוגז'ען. — ארויסגענומען א דיקע ציגאר פון גאלדענעם ציגארען־טאש, איינע צוגעווארפען אהרן'ען, די אנדערע אבגעביסען, אויסגעשפיגען, און געקייט זי אין מויל און געפרעגט אהרן'ען:

— וואס מיינסטו, דער נייער קאַלעקטאָר וואס איך האָב אַנגע־שטעלט פאַר די הייזער דאַון־טאַון, ווי רופט מען איהם דאָרט, יודעל דער רעסטאָראַטאָר, ער וועט זיין אָלל־רייט?

— איך ווייס ניט וואס דער אַנקעל דאַרף נייע מענשען. אויף פרעמדע מענשען איז זיך קיינמאָל ניט גוט צו פערלאָזען, — האָט זיך אהרן אָבגערופען מיט מעהר דרייסטקייט.

— אויף פרעמדע מענשען איז זיך ניט גוט צו פערלאָזען, הא אהרן, — האָט דער אַנקעל געזאָגט גלייכגילטיג, אויפגעהויבען זיך, צוגעגאַנגען צום שפּיעגעל, איינגעשפּיעגעלט זיך. ער האָט, ווי זיין געוואָהנהייט איז געווען, פון וועלכער ער האָט זיך ניט געקענט אָב־געוועהנען, ארויפגעשפּיגען אויף דער האַנד און געגלעט זיך די ווייס־גרויע האָהר וואס זיינען זעהר שטאַרק געוואַקסען ביים קאַרק און זיך נאָך געשוואַרצט ביי די וואָרצלען.

— מאַזעס לעבען, וועסט מיר אפשר צוליעב טהאָן און פערזוכען פון מיינע מילכיגע קרעפּלאַך; איך האָב זיי ספּעשעל געמאַכט פאַר דיר, — האָט זיך אַנגערופען ראָזע, וועלכע האָט צייט מאַזעס איז א חתן געוואָרען געפונען מעהר דרייסטקייט צום אַנקעל, געדוצט איהם, וואס אהרן האָט באַין אופן ניט געקענט ברענגען איבער זיך.

דער אַנקעל האָט אָבער ניט געענטפערט, צוגעגאַנגען צו די טהיר פון מאַשאַ'ס צימער, אַנגעקלאַפּט און געזאָגט מיט א בעפעהלע־רישען טאָן:

— העי טשיילד, קום ארויס, די מאשין וואַרט.

אהרן איז ווידער בלייך געוואָרען ווי די וואַנד. נור ראָזע האָט איהם בערוהיגט מיט בליקען.

עס זעהט אויס, אז דעם אַנקעל'ס שטימע האָט אויך מאַשאַ ניט געקענט ביישטעהן. באַלד האָט זיך די טהיר געעפענט און מאַשאַ איז ארויס, א בלייכע. זי איז געגאַנגען מיט פאַמעלעכדיגע טריט, איז צוגעגאַנגען צום אַנקעל און איז געבליבען שטעהן.

דער אַנקעל האָט איהר אויפגעהויבען דעם קאָפּ מיט זיינע קורצע פעטע פינגער און זי אַנגעקוקט:

— וואָט איז דהי מעטער וויטה יו, מאַשאַ?

מאַשאַ האָט פּלוצים געלאָזט הענגען איהרע אויגען אויפ'ן אַנ־קעל. איהרע אויגען זיינען גרויס געווען, גרעסער ווי געוועהנליך,

און גרויסע טרעהרען האבען אנגעפילט דעם גאנצען חלל פון אויג. זי האט געקוקט דעם אנקעל אין פנים אריין און געזאגט:

— מאסט אי מערי יו, אנקעל? אי קענ'ט, אי קענ'ט. — און די פיעלע זאפטיגע טרעהרען האבען אויסגערונען פון די אויגען און געפערלט זיך פון די אויגען־הערלאך אראפ אויף די באקען.

דער אנקעל איז בלייך געווארען און איז געבליבען אהן ענטפער.

— מאשא לעבען, וואס טהוסטו?

— מאשא, מאשא, — האבען פאטער און מוטער אנגעהויבען שרייען.

— שאט־אפ! — האט דער אנקעל זיי איינגעשטילט מיט א שארפען פעראכטענדען בליק.

— אלל־רייט, קיד, געה שלאפען, — האט ער געזאגט צו מאשא'ן און איז ארויסגעגאנגען אהנע צו שענקען א בליק די דערשראקענע טאטע־מאמע.

---

## .12

## דער טייפעל נעהמט איהם.

דער אנקעל איז געקומען שפעט אין ביזנעס. ער איז געווען ערנסט געשטימט און גענומען זיך נאכקוקען די ארדערס. ער האט אבגעשראקען מענשען מיט זיין אנגעכמורעטען בליק און שווער אטהעמען. ער האט געהאלטען אין איין אויספרעגען די מענשען און זיך ארויסגעוויזען ניט פערטרויענדיג. זיין „אדיוטאנט" סעם איז ניט אבגעטראטען פון זיין זייט. איז איהם עפעס ניט געפעלען, האט ער פארווירפע געמאכט סעם'ען. געערדט האט ער צו סעם'ען און גע־קוקט האט ער אבער אויף דעם שולדיגען, און דאס איז גענוג געווען, אז עס זאל פון יענעם דאס חיות ארויס.

ער איז ארויף צו די שניידער אויף דעם אויבערשטען שטאק. עס איז געווען סלעק־צייט און דער אנקעל האט געלאזען שניידען סטאק, כדי די ארימע לאנדסלייט זאלען האבען פון וואס א לעבען צו מאכען און, ווי יעדעס מאל, ווען דער אנקעל פלעגט לאזען שניידען סטאק,

איז ער יעצט אויך ארומגעגאנגען אנגעלאדען און אלע האבען מורא געהאט פאר איהם. נור צייט דער אנקעל איז א חתן געווארען, האט ער זיך אנגעהויבען צו שאנעווען און איז ניט אריינגעקומען אין שאפ אין די הייסע טעג, דורכדעם האט מען זיך ניט געריכט אויף איהם.

די שניידערס האבען טאקע געמיינט, אז דער אנקעל איז ניטא. און סעם, זייט דער אנקעל איז א חתן געווארען, האט אויך געגעבען א מאך מיט דער האנד און איז ניט געווען מעהר אזוי געטריי דעם אנקעל. דורכדעם האבען זיי זיך ערלויבט צו באלאמוטשען. עס איז אויך געווען איינער פון די הייסטע טעג. די היץ איז געווען אונמעגליך איבערצוטראגען אין דעם ניעדריגען לאנגען שאפ, וועלכער איז געווען איבערגעמאכט פון א בוידעם אין א ווערקשטעל. דער ציגעלנער דאך, וועלכער איז נאקעט געלעגען איבער די קעפ פון די ארבייטער, האט געבראטען פון די אנגעווארעמטע היץ. איבער'ן גאנצען לאנגען שאפ האט זיך געהערט א זים-הלשות'דיגער געשמאק פון גאז, וואס האט געדונען פון די ראבערנע פייפס, מיט וועלכע די פלעט-אייזענס פון די פרעסערס זיינען געווען בעהעפטעט. די פרעסערס זיינען געשטאנען האלב-נאקעטע און האבען מיט זייערע אנגעהיצטע אייזענס געפרעסט די נייע וואלענע שטאפען. די פארע פון די גענעצטע שטאפען האט פייכט געמאכט די לופט און געווארפען א מיעדקייט. די מיעדקייט איז געקראכען אין די ביינער און איינגעשלעפערט דעם מארך. אלעמען האט זיך געוואלט שלאפען — פון גאז-געשמאנק און פון שוויים-גע־שמאנק. פיעלע האבען ניט געקענט ביישטעהן דעם יצר-הרע פון שלאף און זיינען געפאלען אויף די שמוציגע מאשינען און געכאפט א דרע־מעל. אנדערע, די שטיק-נעהערס, האבען אויפגעהאלטען זייער וואַ־בעדיגקייט מיט א זמר'ל. יעקיל דעם חזן'ס האט זיך דערמאנט אן אלטען, אלטען ניגון פון ראש השנה מוסף, וואס דער אלטער חזן האט געזונגען אין קוזמינער שוהל — און א סך האבען זיך אויפגעכאפט פון שלאף צוליעב דעם ניגון און דערמאהנט זיך אן ראש השנה אין קוזמין. דער ניגון האט ארויסגערופען זיסע עראינערונגען, פון פיש און ציבעלעס, פון תהלים זאגען, פון גרינעם פעלד און קאלטען וואסער ביי תשליך, און נאך א סך זיסע זכרונות פון דער היים, מיט דעם היי־מישען הימעל, פון אלטען קוזמינער בית-עולם מיט דעם תשעה-באב־געשמאק, און פון ראזשינקע וויין און שבת פארנאכטליך מקוה געהן,

און עס האט זיך אנגעהויבען בענקען. דאס בענקעניש האט זיי מוטה געגעבען צו קעמפפען געגען די זיס־נורענדיגע גאז שטאפען און פייכטען לופט־רויך און אויפהאלטען זייער ענערגיע. מיט אמאל האט זיך שלמה'לע דארפס־געהער צולאזט איבער דער מאשין — אנגעהויבען צו יאגען די מאשין מיט די פיס — די לאנדסלייט האבען עס גערופען „מנחה־דאווענען". ער כאפט אריין א מנחה. און חיים אקס האט זיך אנגערופען:

— הער, נור דו, גארגעל, וואס צולאזט דו זיך צו „מנחה" אויפ'ן קול?...

עס איז אוועק א שמועס פון דער היים. קוזמין האט אויפגעלעבט מיט אלע זיינע דערפער, וועגען, שענקען און פיש־יעזשערס. עס האט אויפגעלעבט דער אלטער רבי פון קוזמין, און ר' ליבוש'ל דיין, און דער אלטער חזן, און אלע געסלעך און ווינקעלעך פון קוזמין. פון קוזמינער בית־עולם זיינען אויפגעשטאנען די טויטע וועלכע רוהען אין טיעפען גראז הינטער די מצבות, און זייערע נשמות האבען געשוועבט צווישען די פרעס אייזענס און מאדעל־פאדעס, אויף קאפאטעס און ניי־געשניטענע הויזען. זיי האבען ניט געהערט, די קוזמינער, דעם אנקעל קומען. זיי האבען ניט געזעהן דעם אדיוטאנט סעם — זיי האבען געלעבט אין אלטען קוזמין, אין די פארנאכטען צווישען מנחה און מעריב, אין קוזמינער בית־המדרש.

— העי, קוזמין, וואס איז דער מעהר? ! — האט סעם אויס־געשריען — נו, יא. דער אנקעל לאזט שניידען סטאק, כדי די שנא־רערס זאלען האבען וואס צו פרעסען, האבען זיי רעכט! וואס טויג זיי ארבייטען, מען דארף סיי ווי סיי ניט די ארבייט. אז דער אנקעל וואלט מיר געהארכט—

נור דער אנקעל האט איהם איינגעשטילט מיט א בעוועגונג פון די הענד און געקוקט אויף קוזמין.

עס זיינען אלע געווען אידען, וואס ער האט געקענט פון זיין יוגענד. מיט א טהייל פון זיי האט ער פערבראכט אין איין חדר, ארומגעלאפען אין גאס, אהיים געטראגען שטעלען פון די אויבס־סוחרים פון מארק, און דערפאר געקראגען פערפוילטע אויבס. פיעלע פון זיי האט ער געקענט ווען זיי האבען געלעבט אין נגידות און עשירות און ער האט ניט געוואגט זיך צו גלייכען צו זיי. ער האט זיי אלע־

מען געקענט — און יעצט זיינען זיי אלע זיינע משרתים און האבען מורא פאר איהם, און זיינען שטיל געווארען ווען ער איז אריינגע־קומען. איהם האט זיך מיט אמאל אליין פערגלוסט צו הערען דער־צעהלען פון קוזמין — אלטע מעשיות, וואס איז איהם אנגעגאנגען ווען ער איז א קינד געוועו, און עס האט זיך איהם געדאכט, אז קיין אנדער לעבען האט ער ניט געהאט, נור דאס לעבען פון זיין קינד־הייט וועגען וועלכע זיי דערצעהלען דא.

— דערצעהלט, ר' שלמה, דערצעהלט ווייטער פון קוזמין, — האט זיך אנגערופען דער אנקעל, נאך א לאנגען בעטראכטען זיך.

אבער ר' שלמה איז שטיל געבליבען. די לאנדסלייט זיינען ניט געוועהנט געוועו צו רעדען מיט'ן אנקעל גלאט אזוי ווי מיט זייערס א גלייכען. זיי האבען געבויגען טיעף די קעפ איבער די רעק און הויזען וואס זיי האבען גענעהט, און פערדרוישט דעם שאפ מיט דעם קלאפען פון די מאשינען, און די פרעסערס האבען געזועצט מיט די פרעס אייזענס. פון וועלכע עס האט זיך געהערט דער רינענדער גאז.

דעם אנקעל איז טרויעריג געווארען. א מינוט איז איהם דאס אלעס ניט פערשטענדליך געוועו. צו וואס האלט ער דא אט די שעהנע בעלי־בתים פון קוזמין אין דעם שטיקענדען שאפ, איינגעשפאנט ביי דער נאדעל. צו וואס און פאר וועמען יאגט ער זיי און זיך, און מאַ־טערט זיי ביי די לאנגווייליגע ארבייט. א מינוט האט ער געקלעהרט. אפשר וואלט גאר בעסער געוועו צו בעפרייען קוזמין און אליין אהיים צו פאהרען אין דער קליינער שטעדטעל און ווערען דער גרעסטער נגיד, מיט שבת, מיט יום־טוב — מיט צוויי גרויסע בולאנעס, ווי ר' יצחק דער אקסען־סוחר, זיין בעל־הבית, האט געהאט און צו לעבען דאס אלטע אידישע לעבען וואס ער האט געקענט פון זיין קינדהייט.

— און איהר געדענקט נאך ר' שלמה, דעם אלטען ר' יצחק? איהר געדענקט זיינע שבתים? אהיים געקומען פרייטאג מיט צוויי בולאנעס, איהר געדענקט? — האט זיך דער אנקעל אנגערופען מיט בעוואסערטע אויגען.

די אידען האבען מורא געהאט צו גערענקען דעם אלטען ר' יצחק אין דער צייט, ווען דער „אנקעל" איז ביי איהם געווען א שמיים־יונג. נור דעם אנקעל'ס ווערטער האט זיי טיעף געריהרט און אז אונבעגרענצטע ליעבע האט זיי ארומגענומען פאר זייער וואולטהע־

טער, וועלכער שעהמט זיך ניט מיט זיי און דערמאהנט זיך פון דעם אלטען ליעבען קוזמין, נאך וועלכען אלע בענקען.

— ווער געדענקט דאס ניט דעם אלטען ר׳ יצחק, א איד א מכניס אורח געוועז, אודאי אין גן־עדן... — האט זיך דער אלטער אנגערופען.

— אודאי אין גן־עדן, הא, ר׳ שלמה, — האט דער אנקעל זיך פערקלעהרט וועגען גן־עדן און גיהנום־זאכען, וועגען וועלכע ער האט אין גאנצען פערגעסען... עס האט זיך איהם געדאכט, אז ער האט זיין גאנץ לעבען פערשפיעלט, און ניט אנגעגרייט זיך קיין גן־עדן — און אפשר איז יעצט צייט אנצוהויבען לעבען פאר׳ן גן־עדן: צו בויען א גרויסע שוהל. אלע קוזמינער לאנדסלייט זאלען זיצען אין שוהל און דאווגען, און ער זאל זיך דעם גאנצען טאג אבגעבען מיט „טשאַריטי". פאר דער וועלט איז ער שוין צו אלט — צו שפעט אנגעהויבען. זאל כאטש זיין א צווייטע וועלט. און אפשר האבען די אלטע אידען רעכט — עס איז גאר ניטא קיין די־וועלט, נור דאס ריכטיגע לעבען איז ערשט אויף דער צווייטער וועלט...

איין מינוט האט געדויערט די אלע געדאנקען, וועלכע זיינען אזוי פלוצים דורכגעלאפען דעם אנקעל אין קאפ; איין מינוט נור האט געדויערט דאס אבזאגען זיך פון דער וועלט, פון מאשין, פון די אלע ענטציקענדע גענוסען מיט וועלכע ער האט זיך געפייניגט אין לאנגען ווארטען — באלד איז אלעס ווידער אין איהם לעבעדיג געווארען. ער האט זיך פלוצים אויפגעהויבען, דאס פנים האט בעקומען די מינע, פאר וועלכער אלע האבען געציטערט, די אויגען שטאר־און־בעוועגליך, גלייכגילטיג, מיט דעם פעראכטענדען שמייכעל אויף די ליפען, און געזאגט צו סעם׳ען:

— די ארבייט מוז פארטיג ווערען ביז דעם ערשטען. געדענק — באלטימאר. ווי מאסט דעליווער די גודס. — און אהנע צו שענקען א בליק די לאנדסלייט איז ער צוריק אראב אין זיין אפיס, גענומען זיך איינגראבען אין די בריעף, אין די אָרדערס, אין די ביכער, נור דער קאפ איז ניט געשטאנען צו קיין זאך. וויפיעל ער האט זיך ניט גע־פרואווט פעראינטערעסירען מיט די ביזנעס — עס איז איהם ניט געלונגען. אהיים געהן האט ער ניט געוואלט. די היים איז איהם געווען לאנגווייליג און ער האט מורא געהאט פאר איהר. צום

בעסטען וואָלט ער יעצט אַריין צו מאַשאַ'ן, זי אַרויסגענומען מיט אַ מאַשין ערגעץ־וואו אויף אַ זומער־פּלאַץ און געשטאַנען מיט איהר איבער נאַכט, ענטציקט זיך מיט איהר פיגור, מיט איהר לאַכען, מיט איהר אין גאַנצען און געלעבט אין די זיסע פּערציקטע האָפנונגען. וועלכע האָבען אָנגעפילט זיין לעבען און זיינע חלומות דורך די צייט וואָס ער האָט געוואַרט אויף איהר... די ענטציקונגען האָבען נאָך ניט אויפגעהערט ביז איצט, און ער האָט זיך גאָר ניט געשראָקען פאַר איהרע רייד. ער האָט געוואוסט, אַז ווען ער וויל קען ער אַלעס אויספיהרען, צי זי וויל יאָ, צי זי וויל ניט. ער דאַרף נור איין וואונק געבען. נור ער האָט זיך עפּעס אָנגעהויבען צו שרעקען פיעל מעהר פאַר זיך אַליין. אינוועניג האָט זיך בעהאַלטען אין איהם אַ חשד. וואָס זאָגט איהם, אַז ער איז שוין צו אַלט אָנצוהויבען אַ נייעם לעבען. אַז דאָס לעבען, וואָס ער וויל, וועט ער ניט קריגען. ער וועט עס ניט קענען קויפען ניט מיט זיין געלד און ניט מיט זיין מאַכט... ער האָט דעם געדאַנק ניט געוואָלט צולאָזען צו זיך און געקעמפּפט געגען איהם. און עפּעס ווי זיך אַליין צו איבערצייגען, אַז ער בעזיצט נאָך די קראַפט אָנצוהויבען אַ נייעם לעבען, האָט איהם אַרומגעכאַפּט אַ פּאַסיע צו טהאָן עפּעס אַ שלעכטע זאַך — צו אָפּפערען מאַשאַ'ן. עס האָט זיך איהם געגלוסט צו צופאָהרען מיט דער מאַשין נאָך מאַשאַ'ן, זי אַרויסצונעהמען, איבערבלייבען מיט איהר ערגעץ־וואו איבער נאַכט, צוברעכען זי, צוטרעטען זי — און ניט חתונה האָבען מיט איהר. געבען איהר פאַר דערמיט — געלד, נדן, און ניט חתונה האָבען מיט איהר. ער האָט געוואוסט, אַז ער קען עס אויספיהרען, אַז עס וועט איהם קיינער גאָר ניט טהאָן דערפאַר. עס איהם קיינער גאָר ניט טהאָן.

אין זיין פאַנטאַזיע האָט ער שוין געזעהן מאַשאַ'ן אַ צובראָכענע. זיצט אין דער היים אַ קלאָגענדע. זי, דער טאַטע, די מאַמע, קומען און בעטען זיך ביי איהם... אונגליקליך געמאַכט דעם קינד... און ער — געלד וועל איך געבען, נאָר חתונה האָבען וועל איך ניט. ער האָט זיך געקוויקט מיט דעם נקמה־געפיהל.

ער וואָלט עס אויסגעפיהרט אויך, נור אינוועניג אין האַרצען האָט איהם ווער געזאָגט, אַז דאָס איז ניט דער ריכטיגער וועג. אַ פּאַטערליכעס געפיהל, וואָס האָט זיך אַריינגעגנב'עט אין זיין האַרץ

און איינגעפלאנצט געווארען צו מאשא'ן דורך דער צייט וואס ער האט זיך מיט איהר אבגעגעבען, האט געגען דעם פראטעסטירט. און דאן האט ער טיעף געפיהלט, אז ניט דאס וויל ער פון מאשא'ן. אז ווען ער וואלט נור דאס געוואלט — זי נור צו בעזיצען — וואלט ער שוין דאס לאנג געהאט. די גאנצע זאך, וואס ער האט אזוי לאנג געווארט אויף מאשא'ן און זיך מיט איהר אזוי פיעל אב־געגעבען — איז געווען דערפאר, וואס ער האט געוואלט — אז ז י זאל וועלען. זי זאל א ל י י ן וועלען — ניט דערפאר ווייל דער אנקעל וויל. ער האט געוואלט, אז זי זאל איהם ליעב האבען, גוט ליעב האבען און וועלען אזוי חתונה האבען ווי ער. אויף דעם האט ער געווארט. דאס איז געווען זיין גאנצע האפנונג די לעצטע יאה־רען — דורך דער גאנצער צייט וואס ער האט זיך אבגעגעבען מיט איהר. ער האט דאס געזעהן אין זיין פאנטאזיע יעדען טאג און גע־קוויקט זיך מיט דעם — זי ווערט זיין ווייב. זי ווערט שוואך, בלייך, און ער האט רחמנות אויף איהר. זי ליגט אין קינדפעט, פון איהם אין קינדפעט. א בלייכע קוקט זי אויף איהם מיט־איהרע גרויסע טרעהד־רען־אויגען, און ער האט רחמנות אויף איהר. אויף דעם האט ער גע־ווארט, און דאס וועט שוין ניט זיין. אלעס וועט זיין: חתונה הא־בען, קינדער האבען, נור דאס וועלען — אז זי אליין זאל וועלען — דאס וועט ניט זיין. דאס האט ער געכטען אין איהר בליק, אין איהר פערוויינטען בליק אזוי טיעף געזעהן. און פאר וואס זאל עס ניט זיין? פאר וואס קען עס ניט זיין מעהר? פאר דעם האט ער געהאפט, פאר דעם האט זיך געלוינט דאס לעבען, און דאס לאנגע ווארטען.

ער איז בייז געווארען. ווידער האט די פאסיע געברענט אין איהם. אז דאס קען ניט זיין, זאל גאר ניט זיין. צוטרעטען זי, צו־ברעכען און אוועקווארפען. א נקמה־געפיהל האט געברענט אין איהם. ניט איינמאל צוברעכען, נור יעדען טאג. חתונה האבען מיט איהר, צי זי וויל, צי זי וויל ניט. נור צוערשט מוז זי קומען זיך בעטען. ערניעדריגען זיך, בעטען זיך ביי איהם, אויף די פיס בעטען. קושען די הענד און בעטען זיך: האב חתונה מיט מיר. א, איך וועל זי שוין ברענגען אויף די קניען פאר מיר. און קינדער מוז זי האבען, צי זי וויל יא, צי זי וויל ניט — אין קינדפעט ליגען פון אנקעל. און האלטען זי ווי א הונד, ווי א הינטעלע אנגעבונדען ביי מיר, ביים

בעט, זי זאָל וואַרטען אויף מיר אין בעט אַ האַלבע נאַכט — און איך מיט אַנדערע ווייבער. אַ, זי וועט זיך אויסריכטען ביי מיר.

עפּעס אינווענייג אין זיין האַרץ האָט געצווייפעלט אין זיין שטאַרקייט. און די פּאַסיע האָט געברענט דעם עפּעס אין האַרצען צו איבערצייגען, אַז ער וועט עס געוויס טהאָן, און געברומט פאַר זיך:

— צי זי וויל יאָ, צי זי וויל ניט — קינדער מוז זי האָבען.

אין דעם איז ווער צוגעגאַנגען צו איהם. ער האָט אויפגעהויבען זיינע ברעמען און געזעהן מאשאַ'ס פאָטער, אהרן, שטעהט פאַר איהם אַ בלייכער, אַ דערשראָקענער, קוקט זיך אַרום אויף אַלע פיער זייטען אויב קיינער הערט ניט.

— אַנקעל, ס'איז געווען אַ מיסטייק. דאָס מיידעל האָט דערנאָך געוויינט אַ גאַנצע נאַכט. זי ווייסט ניט וואָס עס איז געווען מיט איהר.

דער אַנקעל האָט געוואוסט, אַז דער איד זאָגט ליגען. ער זאָגט עס דערפאַר, ווייל ער האָט מוראַ פאַר זיין שטיקעל ברויט. נאָר דאָך איז עס איהם געווען אַנגענעהם צו הערען. האָט ער זיך פערטיעפט אין די בריעף, געלאָזט אהרן'ען רעדען און ניט געמאַכט זיך הערען.

— אין אַ פּאָר טעג אַרום, זי וועט זיך גוט אויסניכטערען, זאָל דער אַנקעל אַריינקומען. אַלעס וועט זיך ערקלעהרען.

— שאַט־אַפּ, מעהר זאָל קיין רייד ניט זיין. האָב ניט קיין מוראַ, איך וועל דיר ניט אַרויסזעצען. אַז עס נאַט דהיס קיינד אָוו עי מען — פאַרלויפיג ניט, ביז דו וועסט ניט קריגען קיין בעשעפטי־גונג. נור פערשטעהסט דאָך, אַז אויסהאַלטען דיך מיט דיין הויז, ווי ביז יעצט, קען קיין רייד ניט זיין. מאשאַ איז מיר יעצט גאָר ניט — שי דאָנ'ט לייק מי. איך האָב גאָר ניט צו איהר, איך ווינש איהר אַלעס גוטס און אַז דו וועסט דאַרפען נדן פאַר איהר — פּליעז, ווי יערען מיין לאַנדסמאַן. אַז עס נאַט דהיס קיינד אָוו עי מען — נור פערשטעהסט דאָך, אַז עקסטראַ עקספּענסעס קען איך ניט. ווילסטו ביי מיר בלייבען — וועסטו דאַרפען צוריק אַרויפגעהן אין שאַפּ אַריין, אַז ניט וועל איך דיר געבען גוטע רעקאָמענדאַציעס.

— אַנקעל, וואָס רעדט דער אַנקעל! עס איז דאָך גאָר ניט געשעהן. דאָס מיידעל וועט דאָך פערשעהמט ווערען — וואָס רעדט דער אַנקעל!

דעם אַנקעל האָט עס זיס געטהאָן. ער האָט אַ מינוט אַבגעבויגען דעם בריעף און אַנגעקוקט אהרן'ען.

— סעם!

סעם איז געקומען צו לויפען

— ווי האָט מען איהם גערופען אין דער היים? — פרעגט ער, ווייזענדיג אויף אהרן'ען.

סעם איז שטעהן געבליבען, געצווייפעלט אַ מינוט:

— דאכט זיך „גאַרגעל".

— גאַרגעל איז אָלל־רייט! — ער האָט זיך אויפגעהויבען און איז ארויסגעגאַנגען פון געשעפט אָהנע אַ בליק צו שענקען אהרן'ען.

— סעם, דהי גודס מוז געליפערט ווערען נאָך באַלטימאָר ביז דעם ערשטען, געהערט?

— יעס, אַנקעל.

דער אַנקעל איז ארויסגעקומען אויף דער גאַס. ער האָט ניט געוואוסט וואָס מיט זיך צו טהאָן. די פאַסיע האָט נאָך אין איהם געברענט, און זיך וועלענדיג קיהלען איז ער אוועק צום „ווייבעל" (אַ זאַך וואָס ער האָט ניט געטהאָן זייט ער איז מיט איהר מאַן דורכגעקומען וועגען די קינדער). געגומען דאָס ווייבעל אין אַ בעזונדערען צימער אריין, און אוועקגעזעצט זיך מיט איהר עסען געבראַטענע קאַטשקעלעך און טרינקען שנאַפּס. איהר מאַן, דער קאַלעקטאָר פון זיינע הייזער, האָט זיי געמוזט בעדיענען, טראָגען די גוטע זאכען אין שטיבעל אריין. געלאָזט זיך פון איהם די קאָמאַשען אראָבציהען און גערופען איהם „גאַליציאַנער שמענדריק". דער אַנקעל האָט זיך אַנגע'שכור'ט (אַ זאַך וואָס האָט זיך זעלטען געטראָפען מיט איהם) און איז איבערגעבליבען ביים „ווייבעל" איבערנאַכט...

## .13

## מאשא טרעפט זיך מיט'ן אָנקעל.

— וואָס וועט יעצט זיין, ראַזע, וואָס? — האָט אהרן מעלניק געוויינט.

אין דער היים איז געווען תשעה־באב. די שטובען ניט צוגע־ראמט א פּאָר טעג. מען האָט ניט געגעסען, ניט געשלאָפען. די איבעריגע קינדער זיינען געקומען צו פאָהרען פון דער קאַונטרי דאָס שוועסטערעל ציליע, וועלכע האָט קליינערהייט, ווען אהרן האָט נאָך געוואָהנט אין האַפּקינס סטריט, געשפּיעלט „מואוויעס", איז יעצט שוין געווען אַן ערוואַקסענע פריילין, געגאַנגען אין היי־סקוהל. און האָט שוין געהאַט אַליין אַמביציעס צו ווערען אַ כלה; זי האָט אָם מעהרסטען אָנגעברויעט און געוויינט, אַז די שוועסטער געהט זי אומגליקליך מאַכען. די איבעריגע קינדער, וועלכע האָבען זיך שוין ערצויגען אין וואָוילטאָג, נור האָבען נאָך ווי אין אַ חלום געדענקט די אָרימקייט פון האַפּקינס סטריט, האָבען מעהר געפיהלט ווי פער־שטאַנען דאָס אונגליק. זיי האָבען ניט געוויינט, נור זיינען אַרומגע־גאַנגען קינדיש־פערזאָרגט און ערנסט, און די קינדישע פערזאָרגטקייט האָט מעהר געווירקט אויף מאַשאַ'ן ווי דעם פאָטער'ס טרעהרען. לאָה'לע, די אינגסטע שוועסטערעל, וועלכע האָט פון קליינערהייט אָן געהאַט די געוואָהנהייט צו שפּיעלען די „אַמעריקאַן ליידי", און האָט געהאַלטען אין איין פערדריכטען דאָס ענגליש אין שטוב, זי האָט נור געקוקט מיט איהרע קינדישע אויגען אויף מאַשאַ'ן. מאַשאַ איז געווען איהר אידעאַל, און זי האָט ניט געוואוסט וואָס צו זאָגען. זי האָט געפיהלט, אַז מאַשאַ טהוט אַזוי — מוז עס אַזוי זיין.

און דער פאָטער, אהרן, איז אַרומגעגאַנגען אין שטוב הילפלאָז און שוואַך אַזוי ווי זיינע קינדער, מיט אַ פערבונדענע קאָפּ און האָט זיך געהאַלטען אין איין ברעכען די הענד:

— וואָס וועט יעצט זיין, וואָס?

אַ שרעק האָט אַרומגעכאַפּט דעם איד פאַר די אָרימקייט וואָס שטעהט איהם פאַר. ער האָט גאָר ניט געהאַט אין זיין לעבען, קיין

גלויבען אין זיך, קיין ענערגיע, נור די גונסט פון אַנקעל, וועלכע ער האָט געקויפט מיט זיין טאָכטער'ס גליק — און די גונסט שטעהט אין געפאהר, זיין גאַנצע פּרנסה, זיין לעבען, זיין ברויט און דירה. ער האָט זיך געזעהן זינקען אין דעם אַבגרונד, פון וועלכען ער האָט זיך ארויסגעקריגען. דער איד האָט פערלוירען פון וואָג, וואָס ער האָט צוגענומען דורך דער צייט וואָס איז איהם גוט געגאַנגען — דער איד האָט אָנגעהויבען אויסצוזעהן ווי אין די אַמאָליגע יאָהרען, ווען ער האָט געאַרבייט ביים אַנקעל אין שאַפּ.

נור די מוטער, ראָזע, האָט זיך ניט אונטערגעגעבען. צוערשט האָט זי געלאַכט פון דער גאַנצער געשיכטע: די מויד האָט זיך דעם קאָפּ פערדרעהט, זי וועט זיך אויסשלאָפען וועט זי ניכטער ווערען. אָבער אַז זי האָט געזעהן, אַז די מויד האָט זיך אויסגעשלאָפען און איז ניט ניכטער געוואָרען — האָט זי גע'טענה'ט צו מאשא'ן, אַז זי האָט שוין קיין רעכט ניט חרטה צו האָבען.

— יעצט געהסטו חרטה האָבען? צו שפּעט, מיין טאָכטער. האָסט איהם ארומגעפיהרט ביי דער נאָז פאַר פיער יאָהר. ער האָט פערשפּיעלט זיין לעבען איבער דיר; ער וואָלט געקענט חתונה האָבען מיט דער שעהנסטער און בעסטער מיידעל, ניט מיט אַזאַ שנאָרערין ווי דו, וועלכער ער האָט אַ קליידעל געקויפט — יעצט געהסטו חרטה האָבען? יעצט, ווען ער האָט זיך געלאָזט קאָסטען אַזוי פיעל געלד פאַר דיר, און געוואַרט אויף דיר אַזוי לאַנג, האָסט דו נאָך דערנאָך חרטה? צו שפּעט, מיין טאָכטער, צו שפּעט. האָסט בעדאַרפט חרטה האָבען ווען ער האָט דעם ערשטען דאָלאַר זיך געלאָזט קאָסטען אויף דיר, ווען דו ביזט נאָך אַ קליינע געוועזן, בעפאָר ער האָט דיין טאַטען אַ דזשאָב געגעבען — אויף האָפּקינס סטריט. אויף האָפּקינס סטריט האָסטו בעדאַרפט חרטה האָבען, ניט יעצט.

— אוי, ראָזע, עס איז שוין סיי ווי סיי צו שפּעט. דער אַנ־קעל וויל מעהר ניט הערען און געדענקען דערפון.

מאשא האָט איינגעזעהן, אַז די מאַמע האָט רעכט, נור דאָך האָט זי זיך ניט געפיהלט שולדיג. עס איז אַלצדינג געוואָרען אַזוי אָהן איהר ווימען. זי האָט ניט געוואוסט, ווען זי איז אַ קינד געווען, וואָס עס הייסט חתונה האָבען. ערשט יעצט האָט זי עס דערפיהלט. און פאַר וואָס זי האָט זיך אָם מעהרסטען געשראָקען איז געווען — וואָס

זי וועט שטענדיג, שטענדיג שוין זיין מיט'ן אנקעל צוזאמען...
געהן שטענדיג מיט'ן אנקעל, זיין שטענדיג מיט'ן אנקעל. זי האט דעם אנקעל ניט פיינט געהאט, פערקעהרט, זי האט איהם זעהר גערן געהאט, און זי איז איהם זעהר דאנקבאר געווען — נור עס איז געווען לאנגווייליג מיט'ן אנקעל. און זי האט זיך געשראקען פאר לאנגוויילינקייט.

— און וואס בין איך שולדיג, מאמע? איך בין ניט שולדיג.

— ווער דען איז שולדיג? איך בין שולדיג? אויף מיר האט ער זיך געלאזט געלד קאסטען? מיך האט ער געשיקט אין הויי־סקוהל? פאר מיר האט ער געהאלטען מוזיק־טיטשערס? איבער דיר האט ער רואינירט זיין לעבען. ער וואלט געקענט קריגען א ליידי, א פוירסט קלאס אמעריקאן ליידי. ווען נור ער וואלט געוואלט. ער האט אבער ניט חתונה געהאט, געווארט אויף דיר — וואס מיינסטו, דו האסט איהם דעם קאפ פערדרעהט און יעצט ווילסטו ניט? מיט וועמען שפיעלסטו זיך? וואס מיינסטו, ער איז דיין גלייכען? דו ווייסט, ווער דער אנקעל איז, דו ווייסט?

מאשא האט ניט פערשטאנען, וואס די מאמע מיינט. זי האט ניט פערשטאנען פארוואס זי האט דעם אנקעל דעם קאפ פערדרעהט. זי האט ניט פערשטאנען, וואס זי האט געטהאן אזעלכעס דעם אנקעל, פאר וואס דער אנקעל דארף אזוי בייז זיין. עס האט זיך איהר גע־דאכט, אז די „מא" און „פא" קענען גאר ניט דעם אנקעל; אז זי וועט אהין געהן און וועט איהם אלעס זאגען, און דער אנקעל וועט אלעס באלד גוט מאכען — ווי ער טהוט יעדעס מאל ווען עס איז טראבעל.

— איך וועל אהין געהן צום אנקעל, איך וועל איהם אלעס זאגען, איהר וועט זעהן, דער אנקעל וועט ווידער גוט ווערען — האט מאשא געזאגט.

— שוין צו שפעט, צו שפעט, ער וויל ניט הערען און געדענקען מעהר — האט אהרן געוויינט.

— וואס צו שפעט? עס איז גאר ניט צו שפעט! — האט ראזע געשריען אויף'ן מאן — וואס פערקלאגסטו מיר דעם קאפ? נאר איינער — האט זי געקנייפט דעם מאן — לאז זי זיך נור זעהן מיט'ן אנקעל, ער וועט איהר שוין די נארישקייט ארויסשלאגען פון קאפ.

געה, קלינג אַן דעם טעלעפאָן, רוף אָב דעם אַנקעל! — האָט זי גע־שריען אויפ'ן מאַן — וואָס שטעהסטו ווי אַ ליימענער גולם?

אהרן האָט געפאָלגט די ווייב. ער האָט איינגעזעהן, אַז זי האָט רעכט, ווי תמיד. ער איז צוגעלאָפען צום טעלעפאָן מיט האַרץ־קלאַפעניש.

דער אַנקעל האָט געלאָזט לאַנג וואַרטען אויף זיך ביים טעלעפאָן. צוערשט געלאָזט זאָגען, אַז ער איז ביזי; אַז ער איז ניטאָ, און אַז מען איז איהם געגאַנגען זוכען. נור דערנאָך, זעהט אויס, האָט ער זיך אַליין ניט געקענט בערוהיגען און געלאָזט אָברופען דעם טעלעפאָן צו מאשא'ן. אַז ער האָט דערהערט מאשא'ס שטימע דורכ'ן טעלע־פאָן, איז ער ווייכער געוואָרען. ער האָט זיך אָבגערעדט מיט איהר, אַז זי זאָל קומען זעקס פאַרנאַכט אין סטאָר, פון וואַנען ער וועט זי ארויסנעהמען אין אַ „קווייעט ליטל פּליים", וואו זיי וועלען קענען האָבען אַ „טאָק".

ארום זעקס אַ זייגער פאַרנאַכט איז מאשא צוגעגאַנגען צום אַנקעל'ס סטאָר. זי איז געווען אַנגעטהאָן אין איהר ענגליש־געשניי־טענעם ציגעל־קאָלירענדיגען הערבסט־סוט; אויפ'ן קאָפּ, דעם בריי־טען טונקעלען פּילצענעם הוט, וואָס איז דאָן נור וואָס מאָדע געוואָ־רען. זי האָט ניט געוואַרט אויפ'ן אַנקעל פאַר דער טהיר, ווי זי פּלעגט עס אימער טהאָן, נור איז גלייך אריינגעגאַנגען אין געשעפט אריין. סעם איז איהר אַקעגענגעלאָפען, זי פריינדליך בעגריסט, און איז געלאָפען אַנזאָגען דעם אַנקעל. דער אַנקעל איז געווען פערנומען מיט אַ רייזענדען אין זיין פּריוואַט אָפיס, וואָס איז געווען אין אַן אָבגעצוימטען ווינקעל פון גרויסען סטאָר, אין וועלכען עס איז גע־שטאַנען די קאַסע און וואו עס איז געזעסען דער בוכהאַלטער. דער אַנקעל האָט זיך ניט געלאָזט שטערען, געהייסען סעם'ען ער זאָל מאשא'ן איינהאַלטען אַ מינוט, ער וועט באַלד ארויסקומען, און ער האָט ארויסגעקלאַפּט דורך די שויבען פון אָפיס מיט זיינע פינגער: „האַלאָו, מאשא, אַי עם רעדי אין עי מינוט". סעם האָט שוין דער־שמעקט, אַז עס איז עפּעס וואָס פאַרגעקומען צווישען דעם אַנקעל און מאשא'ן, און געטראַכט זיך, אַז ווי עס זאָל ניט זיין, איז גוט אָבצור־היטען מאַנעס דעם קאַזין'ס עצה וועלכער האָט איהם געראַטהען: „חנפ'ע דיך צו צו מאשא'ן, ביזט יעצט ביי איהר אין די הענד".

מאשא איז איהם געפעלען, זייט דער אַנקעל האָט געצויגען זיין אויפ־מערקזאַמקייט אויף איהר. און סעם האָט בענוצט יעדע געלעגענהייט, וואָס עס האָט זיך איהם געמאַכט, צו בעקענען זיך מיט מאַשאַ'ן, ארויסצואווייזען צו איהר פערעהרונג. אויך יעצט האָט סעם גע־האַלטען איין ריהמען איהר סוט, וועלכען דער אַנקעל האָט גע־קויפט פאַר אַ סעמפעל, און צוגעגעבען, אַז ווען אַ „באַיער" פון אַ גרויסען סטאָר אין שיקאַגאָ וואָלט זי געזעהן אין דעם סוט, וואָלט ער, סעם, געקענט מאַכען אַ פּאָר שעהנע דאָלאַר. ער וואָלט געווען אָנ־גענומען דעם אָרדער און וואָלט איהם געווען פערקויפט צו זיינס אַ פריינד, אַ מאַנופעקטשורער פון קלאָוקס. און נאָך האָט ער צוגעגע־בען, אַז ווען ער האָט זי, מאַשאַ'ן, פאַר אַ „מאָדעל" — עס רעדט זיך גאָר אַזוי — וואָלט ער באַלד אוועק פון אַנקעל און אַליין געוואָ־רען אַ מאַנופעקטשורער פון קלאָוקס, ווייל וואָס מאַשאַ טהוט אָן, זעהט אויס אויף איהר מיט „דיגניטי" (דאָס איז געווען דער גרעסטער קאָמפּלימענט, וואָס סעם האָט געקענט זאָגען צו אַ ליידי). נור לאַנג פרעהען זיך האָט איהם דער אַנקעל ניט געלאָזט. דער אַנקעל איז באַלד ארויסגעקומען פון זיין פּריוואַט אָפיס, געוואָרפען עפּעס אַ בליק אויף סעמ'ען, קיין וואָרט ניט גערעדט, נור פערקנייטשט דעם שטערען, און אָהנע אַ וואָרט צו זאָגען אויך צו מאַשאַ'ן, האָט ער זי אָנגענומען אונטער'ן אָרעם און איז מיט איהר ארויס פון געשעפט.

אַז זיי זיינען ארויסגעקומען אין גאַס ארויס האָט זיך מאַשאַ אָנגערופען אויף ענגליש:

— אַנקעל, דו ביזט זעהר בייז אויף מיר?

דער אַנקעל האָט איהר גאָר ניט געענטפערט. נור האַלטענדיג זי פעסט אונטער'ן אָרעם, איז ער מיט איהר געגאַנגען אויפ'ן טראָ־טואַר, קעמפּפענדיג שווער געגען דעם שטראָם מענשען, וואָס האָט זיך געגאָסען פון אַלע ווינקעלעך, פון אַלע געשעפטען אויף דער גאַס ארויס, און געאיילט זיך צום עלעווייטער סטיישאָן. עס איז געווען די שטונדע, ווען די געשעפטען שליסען זיך, און די גאַסען זיינען פינ־סטער געווען פון מענשען. זיי האָבען איבער'ן וועג ניט געקענט קיין וואָרט רעדען. דער אַנקעל האָט זי געצויגען מיט זיך.

— וואוהין געהען מיר, אַנקעל? — האָט מאַשאַ געפרעגט.

— ווילסטו ניט עסען מיט מיר? — האָט דער אַנקעל געזאָגט, אָהנע צו קוקען איהר אין פּנים אריין.

— געוויס, איך וויל.

— טאָ קום.

זיי זיינען אריין אין אַ שמאָל געסעל. דאָרט האָט זי דער אַנ־קעל אריינגעפיהרט אין אַ בעקאַנטען אונגארישען רעסטאָראן. דער ווירטה האָט דערקענט דעם אַנקעל, זיי געגעבען אַ פּלאַץ אין אַ ווינ־קעל, אַז מען זאָל זיי ניט שטערען. דער אַנקעל האָט בעשטעלט עסען און אונגארישען וויין.

ביים עסען איז דער אַנקעל נאָך אַלץ ערנסט געבליבען, געשוויגען, זעלטען ווען געקוקט אויף מאַשאַ'ן, געוועזען פערקלעהרט. כאָטש געגעסען האָט ער מיט אַפּעטיט און פיעל וויין געטרונקען, און פון צייט צו צייט אויפגעפאָדערט מאַשאַ'ן צו טרינקען.

— אַנקעל, מאַך ווידער, אַז עס זאָל גוט זיין. דו קענסט עס שטענדיג אַזוי גוט מאַכען — האָט זיך מאַשאַ פּלוצים אַנגערופען, ארויפלעגענדיג איהר מיידעלשע האַנד אויף'ן אַנקעל'ס האַנד.

— וואָס זאָל איך גוט מאַכען?

— דו ווייסט. ביי אונז איז אַזוי שלעכט יעצט — פּאַפּאַ וויינט, מאַמאַ וויינט.

— פאַר וואָס וויינען זיי? — האָט דער אַנקעל געפרעגט וואונ־דערענדיג זיך — האָט עפּעס פּאַסירט?

— האָבען מורא, אַז דו זאָלסט פּאַ ניט אַבזאָגען פון דער שטעלע.

— פאַר וואָס זאָל איך פּאַ אַבזאָגען פון דער שטעלע?

— דו ווייסט פאַר וואָס... — האָט מאַשאַ געזאָגט פערשעהמט. געשוויגען אַ מינוט, פּלוצים אויפגעהויבען איהרע גרויסע אויגען און געקוקט פריי און קינדיש דעם אַנקעל אין פּנים אריין, און געזאָגט מיט אַ קינדישע, אָבער זיכערע שטימע:

— איך ליעב דיר, אַנקעל. איך ליעב דיר זעהר. איך ליעב דיר מעהר ווי מיין „פּאַ“ און מעהר ווי מיין „מאַ“. פיליי‌כט ביזטו צו אַנדערע שלעכט, נור צו מיר ביזטו שטענדיג געוועזען גוט, שטענדיג זעהר גוט. און איך וועל דיר שטענדיג ליעב האָבען, קיינמאָל ניט לאָזען קיין שלעכט וואָרט רעדען אויף דיר. איך ליעב דיר. דו ביזט מיין טהייערער, טהייערער אַנקעל.

— שוויג, מאשא, שוויג — האט דער אנקעל געברומט ווי פאר זיך — טרינק ווייז, טרינק, פליעז.

— איך קען ניט — האט מאשא צוגענומען דאס גלאז פון איהרע ליפען און האט עס באלד אוועקגעשטעלט — ליסטען, אנקעל, — האט זי זיך אנגערופען, און איז צום ערשטען מאל רויט געווארען, רעדענדיג מיט'ן אנקעל און איהרע אויגען האבען אנגעהויבען שיינען מיט א נאסען גלאנץ — איך האב ניט געוואוסט ביז איצט וואס עס מיינט חתונה האבען. יעצט וויים איך. און איך דענק... און איך דענק, אז אונז חתונה האבען — איז ניט גוט... עס וועט ניט גוט זיין... איך וויל זיין מיט דיר אין דער היים ווי א טאכטער. איך וועל דיר ליעב האבען ווי מיין טהייערען, טהייערען אנקעל — ניט ווי דו ווילסט. דענקסט דו ניט אזוי?

דער אנקעל האט געשוויגען, געטרונקען דעם ווייז שווער, און אויפגעמונטערט מאשא'ן.

— טרינק, מאשא, פליעז, טרינק.

— דאנ'ט, אנקעל, דאנ'ט — האט מאשא געזאגט און אוועקגענומען דאס גלאז פון אנקעל און ניט געלאזט איהם טרינקען — איך ליעב ניט ווי דו טרינקסט היינט. איך ליעב ניט — דאנ'ט, דאנ'ט, ענטפער מיר, פליעז, ענטפער. פאר וואס רעדסטו ניט מיט מיר היינט?

דער אנקעל האט זי אנגעקוקט און געשמייכעלט גוט און מיט ליעבע צו איהר.

— ליעבסטו ניט, הייסט עס, דעם אנקעל. ווי, מאשא? איך בין צו אלט פאר דיר, וואס? איך פאס דיר ניט. יעס, מאשא — האט דער אנקעל געלאכט און געמאכט מאשא'ן אויך צו לאכען און פון דעם גאנצען געשפרעך איז עפעס גאר ניט געווארען.

— א, אנקעל, א אלד מען, רעד ניט אזוי. אי לייק יו, יו אר מאי אלד גוד אנקעל. איך וועל שטענדיג זיין מיט דיר, איך וועל וואהנען מיט דיר אין דעם נייעם הויז וואס דו האסט אויפגעפיקסט — אי לייק איט — יו אלד דיער אנקעל.

דער אנקעל האט צוגערופען דעם קעלנער און בעצאהלט. ארויס־געהענדיג האט ער זיך אנגערופען צו מאשא'ן:

— דו ווילסט געהן מיט מיר?

— אומעדום, אַנקעל.

ארויסקומענדיג האט ער צוגערופען אַ אויטאָמאָביל און געהייר סען זיך פיהרען הארלעם וועסט.

— איך וויל דיר ווייזען די נייע מעבעל, דער טאַפּעצירער האט שוין אויפגעפיקסט די מעבעל. אלעס איז שוין פארטיג. איך וויל, אַז דו זאָלסט זעהן.

מאשא איז טרויעריג געוואָרען און געשוויגען. פּלוצים האט זי זיך ווידער אַנגערופען:

— אַנקעל, פאר וואָס ענטפערסטו מיר ניט?

— וואָס?

— דאָס, וואָס איך האָב געזאָגט דיר —

— וואָס, וואָס?

גלויבסטו ניט, אַז עס איז בעסער פאר אונז, אַז דו זאָלסט בלייר בען מיין אַנקעל, מיין גוד, גוד פּאַ, און איך דיין טאָכטער — ווי מיר זאָלען חתונה האָבען?

— עס איז אָלל־רייט, מאשא. שוויג, שוויג — און זיי זיינען שוין שטיל געבליבען איבער'ן גאַנצען וועג נאָך הארלעם.

.14

## דאָס בלויע צימער.

דער אַנקעל האט אריינגעפיהרט מאשא'ן אין דעם הויז אריין, וואָס ער האט אויסגעריכט אויף צו וואָהנען נאָך דער חתונה. דאָס הויז איז שוין געווען אין גאַנצען איינגעריכטעט, די מעבעל האט נאָך פריש געשמעקט מיט לאַק, די פאָרהאַנגען האָבען שוין געהאַנגען, און דאָס גאַנצע הויז האט געוואַרט אויף די איינוואָהנער. דער אַנקעל האט ליכטיג געמאַכט אין אַלע צימערען און עס האָבען אָנגעהויבען צו פינקלען די געשליפענע גלאָז־וואַרג, די וואַזאַנען, די פּאָרצעלאַיענע הינד און קעץ, מיט וועלכע אַלע צימערען זיינען פול געווען. דער אַנר קעל האט ארומגעפיהרט מאשא'ן פון איין צימער אין אנדערען. די צימערען זיינען געווען רייך אויסמעבלירט, לויט דעם געשמאַק פון

אַז אַלל־רייטניק, היימיש וואַרם, מיט אַ סך מעבעל, קליינע שטיקלעך און זעהר פיעל אָנגעשטעלטע קלייניגקייטען. די „פּאַרלאָר" האָט געמאַכט דעם איינדרוק ווי אַ קראָם פון עלעקטרישע לאָמפּען און פּאָר־צעלאַיענע הינד. און דער אָנקעל האָט יעדעם מאָל איבערראַשט מאַשאַ'ן מיט אַ נייעם ליכט־עפעקט. דאָ האָט אַ קאַץ ארויסגעשטאַרט אַ פּאָר געלע לייכטענדע אויגען. באַלד האָט זיך אַ הענגעל וויינ־טרויבען פון אַ שראַנק אראָב אָנגעהויבען צו לייכטען און באַלד אַן אַנדער שטיק גלאַז־וואַרג. מען האָט געזעהן, אַז דער אָנקעל האָט זיך זעהר אָבגעגעבען מיט דעם אויסמעבלירען די צימערען און האָט אין זיי אריינגעלעגט זיין ליעבע און זיין פאַנטאַזיע. נור אַם מעהר־סטען האָט געטראָגען שפּורען פון זיין אויפמערקזאַמקייט דער שלאָפ־צימער. דער שלאָפ־צימער איז געווען איינגעאָרדענט מיט די צערט־ליכקייט פון אַ גראָבען מענשען. אַלצדינג אין צימער איז געווען בלוי, די וואַנד בעמאָהלט מיט ביליגע לאַנדשאַפטען, וועלדער און טייַ־כען, באָדענדיגע פרויען, טאַנצענדע פעען, און דער באַלקען ווי אַ נאַכט־הימעל מיט שטערען. אַ בלויער פראַנצויזישער גרויסער דיוואַן האָט צוגעדעקט דאָס גאַנצע צימער. דאָס בעט איז געשטאַנען אויף אַ פּיעדעסטאַל בעהאַנגען מיט אַ בלויע זיידענע חופּה, נור דאָס ליכט האָט ניט אויסגעהאַלטען דעם סטיל. דאָס ליכט איז אויך דאָ גע־ווען ווי אין „פּאַרלאָר", פערשיעדען־פאַרביג, רויט, בלוי, העל, און דאָס האָט צושטערט די האַרמאָניע פון צימער. דער אָנקעל האָט גע־געבען אַ דריק אין אַ קנאָפּ און אַ עלעקטרישע פּיאַנאָלאַ, וועלכע איז געשטאַנען אין אַ צווייטען צימער און איז געווען בעהעפטעט מיט דעם שלאָפ־צימער, האָט פּלוצים אָנגעהויבען צו שפּיעלען.

דער אָנקעל האָט זיך אַם לענגסטען אָבגעשטעלט אין שלאָפ־צימער און גענומען זיך זעהר זאָרגפעלטיג בעטראַכטען דאָס בעט, מיט אַלע איינצעלהייטען. מאַשאַ איז רויט געוואָרען און דאָס האַרץ האָט איהר אָנגעהויבען צו קלאַפּען. זי האָט געוואָלט וואָס שנעלער ארויס פון דעם צימער. דאָס צימער מיט דער בעט אויף דעם פּיע־דעסטאַל האָט זי אָן עפּעס דערמאָנט און ארויסגערופען ביי איהר אַנגסט, אַ הייסע ציטערענדע אַנגסט — ווי מ'וואָלט אַ צום טויט־פער־אורטהיילטען געוויזען דעם עשאַפאָט, אויף וועלכען עס וועט ווע־רען אויסגעפיהרט זיין טויט־אורטהייל. און דאָך האָט אַ געהיימע

קראַפּט זי געצוויגען צו קוקען אויף דעם בעט. דאָס צימער איז איהר פאַרגעקומען אזוי ווי אַלט בעקאַנט, ווי זי וואָלט עס אַמאָל אין חלום געזעהן, און זי האָט געפיהלט אַ געוויסע משפחה׳דיגע נאָהענטקייט צו דעם צימער, און צו דער בעט, ווי אַ קראַנקער צום טויט. זי האָט זיך געשראָקען פאַר דעם געדאַנק, און פּראָבירט אַרויסגעהן פון צימער. דער אַנקעל אָבער איז געבליבען זיצען אויפ׳ן ראַנד פון בעט און זי אַריינגערופען:

— וואו לויפסטו, מאשאַ? בלייב דאָ. ווי געפעלט עס דיר, האַ?

— אַה, שעהן — האָט מאשאַ אָבגעענטפערט, קוקענדיג ערגעץ אין אַ זייט.

— שעהן, וואָס? — האָט דער אַנקעל געלאַכט, געגעבען אַ דריק אַ קנאָפּ אין וואַנד, און דאָס גאַנצע צימער איז בעגאָסען געוואָרען מיט אַ בלוט־רויטעם ליכט, וועלכע האָט די בלויע פאַרבען פון צימער געמאַכט געל, און דאָס גאַנצע צימער האָט מיט אַמאָל אָנגענומען אַ קאָליר ווי ניט פון דער וועלט. אַלעס איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין עפּעס געהיימניספולעס, די מעבעל, די פאַרבען פון די ווענד, און דער אַנקעל, ווי אַ פּעמע געלע חיה, איז געזעסען אויפ׳ן בעט...

— נור דאָס ליכט האָט ניט לאַנג געדויערט. באַלד האָט דער אַנקעל געגעבען אַ דריק אַן אַנדער קנעפּעל און דאָס צימער איז בע־גאָסען געוואָרען מיט אַ בלויעס ליכט, אַ ווייסעס ליכט. דער אַנקעל האָט גערן געהאַט די ליכט־עפעקטען און ער האָט בעזאָרגט דאָס שלאָף־צימער מיט פערשיעדענע ליכט־קאָמבינאַציאָנען. און די עלעקטרישע פּיאַנאָלאַ האָט געהיימניספול געשפּיעלט אַ ביליגען וואַלצער פון אַ צווייטען צימער אַרוים...

— נו, ווי גלייכסטו דאָס, מאשאַ?

— אַ, שעהן!

— וואָס קומט אָבער אַרוים, אַז דו האָסט מיך ליעב נאָר ווי אַן אַלד גוד אַנקעל — ניט מעהר ווי אַן אַלד גוד אַנקעל. ווי האָסטו געזאָגט, מאשאַ? ווי אַן אַלד גוד אַנקעל.

— פּליעז, רעד ניט אזוי, אַנקעל, איך גלייך ניט ווי דו רעדסט.

— ליסטען, מאשאַ — איז דער אַנקעל פּלוצים ערנסט געוואָרען. איך מוז מיט דיר רעדען אָפען. דו ביזט שוין מעהר קיין קינד ניט.

דו פערשטעהסט וואס איך מיין. קיין גוד אלד אנקעל וויל איך ניט זיין, איך האב קיין חשק ניט, איך וויל עס ניט.

מאשא איז שטיל געבליבען, האט געבויגען דעם קאפ צו דער ערד.

— וועלל, איך בין צופריעדען וואס עס איז יעצט ארויסגעקו־מען און ניט שפעטער — האט דער אנקעל ווייטער גערעדט — יעצט וועט צום וועניגסטענס קיין טראבעל ניט זיין. דאס הויז קען איך פערדינגען, אדער אפשר עפעס אנדערש טהאן דערמיט.

— ביזט בייז אויף מיר, אנקעל? — האט מאשא געפרעגט.

— בייז? פאר וואס זאל איך זיין בייז? פאר דעם געלד וואס דו האסט מיך אפגעקאסט? אה, אה, מיינע לאנדסלייט קאסטען מיך אזוי פיעל. ניין, איך בין ניט בייז, איך בין ניט גוט. און פיי־לייכט האסטו שוין וועמען, דארף מען חתונה מאכען, שיק דעם פאטער צו מיר. וואס איך טהו פאר אלע מיינע לאנדסלייט, וועל איך טהאן פאר דיר אויך. און איך ווינש דיר גליק, מאשא. דער יונגער מאן, ווען ער איז פעהיג צו עפעס, קען ער קומען צו מיר, פילייכט וועל איך עפעס קענען טהאן פאר איהם.

מאשא האט אויפגעהויבען איהרע גרויסע אויגען אויפ'ן אנקעל. זי איז געווען צוגעוועהנט צו איהם ווי א קינד צו א פאטער, און די שפראך וואס ער האט גערעדט יעצט, האט זי קיינמאל פון איהם ניט געהערט, און זי האט מורא געקריגען פאר איהם. דאך איז זי געווען צוגעוועהנט צו איהם, און זי איז צוגעגאנגען צו איהם און געפיעסטשעט זיך צו איהם, ווי א קינד צו א גרויסען, פאר וועלכען עס האט מורא:

— דיער אנקעל, פליעז רעד ניט אזוי. איך ווייס ניט וואס איך זאל טהאן. איך בין א נאריש מיידעל. דו האסט רעכט, דו האסט אזוי פיעל גוטעס געטהאן מיט מיר, מיט מיין פא, מיט מיין מא — און איך בין אזוי שלעכט, אזוי נאריש. מאי גוד, גוד אנקעל — און זי האט בעהאלטען איהר קאפ אין זיין האלז, און הייסע טרעהרען און א קינדישער קוש, וואס זיינען געקומען פון אימה און אונבעהאלפענקייט האבען געווארעמט דעם אנקעל'ס אלטע הארטע הויט.

א מינוט האט עס איהם גוט געטהאן, און ער האט זיך געלאזט קושען. נור באלד האט זיין אינערליכער מענליכער שטאלץ פראטעסטירט געגען די אונשולדיגע קינדישע קושען. ער האט זי געוואלט

ארומגעהמעז און קושען אין מויל אריין, ווי א מאן א ווייב, נור איהרע טרעהרען האבען איהם צוריקגעהאלטען דערפון, ווייל די טרעהרען האבען זי קינדיש געמאכט, און ער האט בעגעהרט צו קושען די פרוי אין איהר... האט ער זי אראבגענומען פון זיך און אבגערוקט זי:

— דו פערגעסט זיך, מאשא, דו ביזט שוין מעהר ניט קיין קינד, דו ביזט אן ערוואקסען מיידעל.

מאשא איז רויט געווארען, פערשעהמט, איהרע טרעהרען זיינען געבליבען הענגען אין מיטען איהרע אויגען, און זי האט געקוקט מיט נאסע אויגען אויפ'ן אנקעל און ניט געוואוסט וואס צו טהאן.

— ווילסט אהיים געהן? — האט דער אנקעל זי געפרעגט.

— יא — האט מאשא געשאקעלט מיט'ן קאפ.

דער אנקעל האט אויסגעלאשען דאס ליכט, זעהר זארגפעלטיג פערשלאסען די טהירען פון הויז, אויף מאשא'ן האט ער זיך ניט ארומגעקוקט, ווי זי וואלט דא ניט געוועזן. אויפ'ן וועג, בעפאר ער האט זי אראבגעלאזט פאר איהר הויז, האט ער געזאגט צו איהר:

— זארג דיך ניט, מאשא, אלעס וואס איך וועל קענען טהאן פאר דיר, וועל איך טהאן, ווי פאר אלע מיינע לאנדסלייט און משפחה — און ער איז אוועקגעפאהרען.

אין דער היים האבען „פא" און „מא" געווארט מיט אנגסט אויף מאשא'ן. נאר מאשא האט זיי גאר ניט געענטפערט אויף זייערע פרעגענדע בליקען, און איז אריין צו זיך אין צימער.

אהרן האט עפעס נאכגעשריען און געוואלט פרעגען, נור די ווייב האט איהם געצופט ביים ארבעל און געברומט צו איהם:

— לאז זי געהן, היינט פרעג זי ניט.

אהרן האט איינגעזעהן, אז דאס ווייב האט רעכט, ווי תמיד.

מאשא איז געלעגען א גאנצע נאכט. דורך דער נאכט איז איהר קלאהר געווארען, אז זי האט ניט מעהר קיין רעכט אויף קיין גליק, אז זי איז אויפגעצויגען געווארען מיט א שנור אויפ'ן האלז, אז מען האט זי פערקויפט, ווען זי איז נאך א קינד געוועזן, פאר דער בעק-וועמליכקייט פון „פא" און „מא" און פון איהר גאנצע משפחה. זי האט זיך דערמאנט אן האפקינס סטריט, בעפאר דער אנקעל האט זיך פאר זיי אנגענומען, ווי זי איז געוועזן די „קליינע מאמע" פון הויז. זי האט געשמייכעלט דערמאנענדיג זיך, ווי זי האט אבגענארט דעם

גראָסערי־מאַן און דעם בוטשער מיט דעם צוויבער־וואָרט: „פּאַ אר־בייט שוין". זי האָט זיך דערמאָנט, ווי זי האָט דעם טאַטען אהיים געשלעפּט, ווען ער איז אַנטלאָפן פון דער מאַמען און נאָך אַזעלכע עהנליכע סצענעס. און זי האָט איינגעזעהן, אַז זי האָט נאָך ביז איצט ניט אויפגעהערט צו שפּיעלען די ראָלע פון „די קליינע מאַמע", און זי טאָר די ראָלע שוין מעהר פון זיך ניט אַראָבוואַרפען.

זי האָט געזעהן דעם „עשאַפּאַט" — דאָס שלאָף־צימער מיט דעם בלויען, רויטען, געלען ליכט — און פּיליכט איז עס געווען דער עשאַפּאַט, די תליה וואָס האָט זי געצווינגען צו זיך... זי האָט זיך גע־שראָקען פאַר דעם בלויען שלאָף־צימער, און עס האָט זי געצוויגען צום בלויען שלאָף־צימער. זי האָט שוין איין מינוט ניט געקענט אויפ־הערען צו קלעהרען וועגען דעם בלויען צימער. עס האָט זי געצווינגען מיט די זעלבע קראַפט, ווי עס ציהט דעם קראַנקען צום טויט. צומאָר־גענס האָט זי, צו אַלעמענס איבעררשונג, געזאָגט דעם פאָטער, אַז ער זאָל רעדען מיט דעם אָנקעל, אַז זי בעדויערט איהרע רייד, און —

אָבער דער אָנקעל האָט זיך ניט געלאָזט רעדען. ער האָט ניט געוואָלט הערען און געדענקען מעהר דערפון. אהרן מעלניק מיט'ן ווייב זיינען געקומען בעטען זיך ביי איהם אַז ער זאָל רחמנות האָבען אויף זייער יונג קינד, און ער זאָל ניט צוברעכען איהר יונג לעבען — אָבער דער אָנקעל האָט נאָר געוואָלט, אַז מאשא זאָל קומען צו איהם אליין און איהם זאָגען, וואָס זי האָט צו זאָגען. און דערנאָך וועט ער זעהן, וואָס ער האָט צו טהאָן. און צוגעגעבען האָט ער:

— פליעז, טהוט מיר אַ טובה און נויט זי ניט צו טהאָן זאַכען, וואָס זי וויל ניט, פאַר אייער שטיקעל ברויט.

מאשא האָט געפיהלט די בעליידיגונג וואָס דער אָנקעל וויל פון איהר, אַז זי אַליין זאָל זיך קומען בעטען ביי איהם. דורך די פאָר טעג איז יעדעס געפיהל פון אַכטונג און טאַכטערליכע ליעבע, וואָס איז געוואָרען איינגעפלאַנצט אין איהר האַרץ צו איהם דורך דער גאַנ־צער צייט, וואָס ער האָט זיך אינטערעסירט מיט איהר, אויסגעריסען געוואָרען ביי איהר. זי האָט שוין מעהר גאָר ניט געפיהלט צו איהם נאָר פעראַכטונג און עקעל. זי האָט אָבער ניט געקענט בייסטעהן די בעטענדע שנאָרעדיגע בליקען פון איהר „פּאַ" און „מאַ", פון איהרע ברידערלעך און שוועסטערלעך, וועלכע האָבען געקוקט אויף

איהר ווי שטומע בעשעפענישען: טהו עס פאר אונז. זי איז געווען „די קליינע מאמע" און ניט קיין כח געהאט ווידערצושטעהן די גע־פיהלען פון איהר מוטערליכקייט, וועלכעס זי האט גענומען אויף זיך פון קליינערהייט אן.

זי האט זיך דורך דער צייט געזעהן מיט טשארלי׳ן, ניט דער־פאר וואס זי האט ערווארטעט צו הערען פון איהם א ווארט וואס זאל איהר כח געבען אויסצוהאלטען דעם קאמפף, נור זי האט געוואלט זעהן, אפשר וועט איהר זיין אנבליק מעהר קראפט און האפנונג גע־בען. זי האט זיך אבגערעדט מיט איהם צו טרעפען, און ווידער האבען זיי א גאנצען טאג דורכגעשפאצירט די פינפטע עוועניו און סענטראל פארק און טשארלי האט ווידער געהאלטען אין איין רעדען פון גרויסע זאכען, וועגען בעפרייען די וועלט, און וועגען דעם תכלית פון לעבען, און דערציעהלט איהר פון זיינע פלענער צו ארגאניזירען א סטרייק ביים אנקעל. אבער פאר איהר אליין, פאר איהר לעבען, פאר איהרע אייגענע אינטערעסען, האט ער קיין ווארט ניט געהאט. ווי דענסטמאל האט זיך טשארלי אינטערעסירט מיט דער גאנצער וועלט, נור ניט מיט איהר, אזוי אויך דאס מאל האט טשארלי זי ניט געזעהן. שוין האט זי איהם געוואלט פון אלצדינג דערצעהלען און בעטען איהם, אז ער זאל איהר העלפען שטארק זיין, זי זאל כח האבען ווידער אנ־צוהויבען דאס לעבען אויף אייגענער אחריות, אויף אייגענעם רעכנונג, ער זאל איהר העלפען שטעלען זיך אויף די פיס. אבער טשארלי איז געווען פערנומען מיט אזעלכע גרויסע וועלט־זאכען, אז זי האט ניט געוואוסט, ווי זי הויבט אן רעדען מיט איהם וועגען זיך, וועגען איהר קליינעם לעבען. עס האט זיך איהר געדאכט, אז פאר טשארלי׳ן איז דאס צו קליין, ער זאל זיך מיט אזעלכע „פריוועט אפעירס" אבגעבען.

זי איז אהיים געקומען פון טשארלי׳ן נאך מעהר פערלאזט און איינזאם, ווי זי איז געגאנגען צו איהם. קיין ווארט וועגען זיך האט זי מיט איהם ניט גערעדט, און טשארלי׳ן איז עס גאר ניט איינגע־פאלען. זי האט געפרואווט אמאל אליין שטעלען זיך אויף די פיס, געגאנגען זוכען א דזשאב, נאך אן אנאנס פון א צייטונג — איז אין דער היים געווען תשעה־באב, און די שטומע בליקען פון די קליינע שוועסטערלעך און דעם טאטען׳ס ציטערען. און וואס איז דער

**חילוק — שוין לאנג איז די שנור אויפ'ן האלז ארויפגעצויגען. זי איז געבוירען געווארען מיט דער שנור אויפ'ן האלז.**

זי איז געגאנגען צום אנקעל. זי האט מעהר ניט געפיהלט צו איהם, ווי עקעל און פעראכטונג — דאך איז זי געגאנגען. זי האט קלאהר געוואוסט און געפיהלט די בעדייטונג פון דעם גאנג, די רעד־זולטאטען דערפון, און זי האט געזעהן דאס בלויע שלאף־צימער מיט דעם בעט אויפ'ן פיעדעסטאל... און אפשר איז עס געווען דאס בלויע צימער און דאס בעט אויפ'ן פיעדעסטאל, וואס האט זי גע־בראכט צו פערבויגען אלע בעליידיגונגען און אלע געפיהלען און געהן אליין צום אנקעל זיך בעטען, אז ער זאל חתונה האבען מיט איהר. עס איז געווען ווי דאס בלויע צימער וואלט איהר כישוף אנגעטהאן. יא, זי האט געבענקט נאך דעם בלויען צימער, אין דער שטיל, אין געהיים, טיעף אין זיך האט זי געבענקט נאך דעם בלויען צימער מיט אלע זיינע סודות'דיגע ליכט עפעקטען. איהר פאנטאזיע האט זיך צושפיעלט ארום דעם בלויען צימער און געמאהלט איהר פערשיע־דענע שרעקענדע בילדער. און דאס בלויע צימער האט געצויגען צו זיך, ווי דער טויט דעם קראנקען...

דער אנקעל האט איהר, ווי דעם ערשטען מאל, גענומען אין אונגארישען רעסטאראן. ער האט פון אלצדינג גערעדט, נור ניט ווע־גען דעם, צו וואס מאשא איז געקומען. ער האט איהר אפילו ניט געהאלפען מיט קיין ווארט. ער האט געוואלט האבען די גאנצע בע־לייגונג, אז זי זאל זיך טאקע בעטען ביי איהם, און דערמאנען מיט'ן גאנצען מויל צו וואס זי איז געקומען. די בעלייגונג האט ער גע־קראגען, ווען זיי זיינען ווידער געווען אין דער גייער וואהנונג, און ער האט זי ווידער אריינגעבראכט אין בלויען צימער. דער אנקעל האט זיך אוועקגעזעצט אויפ'ן בעט, ווי א תליון אויפ'ן קלאץ און געזאגט:

— נו, דא קענסטו מיר זאגען, וואס דו האסט מיר צו זאגען.

— אנקעל, איך בין גרייט חתונה צו האבען מיט דיר, — האט מאשא געזאגט.

— איז דאס סא, בין איך שוין ניט מעהר צו אלט פאר דיר?

— אנקעל —

— איך וויל וויסען אַפּענע ווערטער, אַ קלאָהרע סיטואַציע. פאַר וואָס האָסטו פריהער ניט געוואָלט, און איצט ווילסטו יאָ? איז עס דערפאַר, ווייל דיין „פּאַ“ האָט דיר געגעבען דערצו? זאָג מיר.

— אָבער, אַנקעל, פאַר וואָס רעדסט דו אַזוי צו מיר?

— איך וויל עס וויסען. עס מוז דאָך זיין אַ „ריזאָן“. פאַר וואָס יעצט ווילסטו יאָ מיט מיר חתונה האָבען און פריהער האָסטו ניט געוואָלט?

— דער „ריזאָן“ איז, ווייל — איך ליעב דיר! — האָט מאַשאַ געזאָגט פערשעהמט.

— ווי וואָס ליעבסטו מיך, ווי אַן אַלד גוד אַנקעל, אָדער ווי צו מאַן, מיט וועלכען מען וויל הייראַטהען?

מאַשאַ האָט אויפגעהויבען איהרע גרויסע אויגען צו איהם און געזאָגט:

— פאַר וואָס פרעגסטו מיך אַזעלכע פראַגען? דו ווייסט עס אַליין.

— איך ווייס עס שוין גאָר ניט אַליין. פריהער האָסטו מיך אַנדערש געליעבט.

— פריהער בין איך אַ קינד געווען — האָט מאַשאַ געענטפערט אין דער שטיל.

— און יעצט?

מאַשאַ האָט געקוקט אויף איהם און דערקענט אין איהם דעם אַלטען „אַנקעל“. זי האָט זיך דערמאָנט די סצענע, ווען זי איז אַ קינד געווען און ער האָט פערשעהמט איהר פאָטער אין איהרע אויגען, און ווי דערנאָכמאָל האָט זי זיך געוואָלט אויפהויבען און שרייען איהם אין פּנים אריין: „ביעסט, דאָג“. נור אַ געפיהל פון נקמה אין זיך אַליין האָט זי געגעבען צו שטעהן און אויסצוהאַלטען די אינקוויזיציע. זי האָט געשוויגען.

— און וואָס יעצט? — האָט דער אַנקעל נאָך אַמאָל געפרעגט.

— וואָס, יעצט?

— און ווי אַזוי האָסטו מיך יעצט ליעב?

— יעצט האָב איך דיר ליעב, ווי אַ מאַן מיט וועלכען מען וויל הייראַטהען — האָט זי געקוקט גלייך דעם אַנקעל אין פּנים אריין.

— ווי א מאַן — האָט דער אַנקעל איהר נאָכגערעדט. ער איז צוגעגאַנגען, זי ארומגענומען און טיעף איהר געקושט אין מויל אריין...

מאשאַ איז אוועקגעגאַנגען פון אַנקעל און זי האָט געהאַט דאָס געפיהל, אז יעצט מעג זי שוין אַלעס טהאָן. און זי איז טאַקע געווען פעהיג אויף אַלצדינג...

(ענדע פון צווייטען טהייל)

# דריטער טהייל

### 1.

## מאַן און ווייב.

מאַשאַ האָט געשוואַנגערט (עס איז שוין געווען צוויי יאָהר נאָך דער חתונה). און אַנקעל מאַזעס האָט געציטערט איבער איהר, ווי מען ציטערט איבער אַ קליין שוואַך קינד. ער האָט ניט געקענט איינזיצען אין געשעפט און יעדער פערטעל שעה האָט ער זיך געלאָזט פערבינדען מיט דער היים, און געפרעגט דורכ'ן טעלעפאָן אויף מאַשאַ'ן און אָנגעזאָגט: „מאַשאַ לעבען, פּליען, בעוועג זיך ניט". געהערט, אַז אַלעס איז גוט אין דער היים, האָט ער זיך בערוהיגט און איז אַרויף צו די שניידערס, און שפּאַס געמאַכט מיט די לאַנדסלייט:

— נו, שלמה'לע, וואָס שווייגסטו, זינג אָב דיין קדושה'לע.

עס האָט זיך בעמערקט אַ וואונדערליכע ענדערונג אין זיין כאַראַקטער פון טאָג צו טאָג, זייט דער אַנקעל האָט חתונה געהאַט. ניט נאָר איז זיין בעציהונג צו מענשען געוואָרען אַ אַנדערע, נאָר דאָס אויסערליכע זיינס האָט זיך אפילו געענדערט. דאָס געזיכט זיינס האָט אָנגענומען אַ אָנבליק מעהר פון מענשליכען געשטאַלט. עפּעס אַ ווייכעס און אַז אונבעהאָלפענעס האָט זיך אַריינגעגנב'עט צווישען די פעטע פאַלדען פון אַרום זיין מויל, און די טיעף איינגעזונקענע אויגען — דאָס פּנים האָט שוין מעהר ניט געשראָקען. ווי אַ ווייכע ווייבליכע האַנד וואָלט ליעבע איינגעקנאָטען אין די קנייטשען פון זיין פּנים און צערטליכקייט איינגעהויכט אין זיי, צערטליכעס

פון איהר ווענען. און עס איז געווען אזוי ווי ער וואָלט בייטאָג פערשפרייט ארום זיך די ליעבע און ווייכקייט וואס ער האט פון ערגעץ א געהיימען קוואל איינגעזאפּט. אַנקעל מאַזעס האט געשמייכעלט, געשמייכעלט צו זיינע מענשען. אַנקעל מאַזעס איז געוואָרען פריינדליכער, און וואס א טאָג האט מען פערלאָרען פאר איהם די אימה און דעם רעספּעקט, און אויפגעהערט זיך צו שרעקען פאר איהם.

נור אם מעהרסטען האט זיך געפיהלט די ענדערונגען אין אַנקעל מאַזעס זייט מאַשאַ האט אָנגעהויבען צו שוואַנגערען. פון ערשטען טאָג אָן האט מען עס באלד געוואוסט אין סטאָר און ביי די שניידערס אויבען און ביי אַלע לאַנדסלייט. און געוואוסט האט מען עס דורך אַנקעל מאַזעס' האלטען זיך, דורך זיין אונרוהיגקייט, דורך זיין יעדעס מאָל אַנקלינגען אהיים און דורך זיין גוט שמייכעלע, און מען האט אָנגעהויבען צו לאכען פון איהם הינטער דעם רוקען און געדוימט זיך אין די אויערען פערשיעדענע סודות, און געוואָרפען בליקען אין געהיים אויף סעם'ען.

נור אויף סעם'ען האט מען מורא געהאט צו קוקען. עס איז געווען, ווי סעם וואָלט איבערגענומען אין זיינע הענד אריין די לייצעס, וועלכע אַנקעל מאַזעס האט אַבגעלאָזט. אַנקעל מאַזעס האט זיך וואס אַמאָל מעהר פערלאָזט אויף סעם'ען אין די ביזנעס. סעם איז ניט בלויז געוואָרען דער „אינסייד מען", נור ער האט איינציגווייז איבערגענומען די בעשטעלונג פון דרויסען. סעם האט דורכגעקוקט די אָרדערס. סעם האט ארויסגעשיקט די סיילסלייטע איבער'ן לאַנד, און ביסלעכווייז איז סעם געוואָרען דער ריכטיגער „באָס" אין סטאָר, און מורא האט מען געהאט פאר סעם'ען מעהר ווי פאר'ן אַנקעל.

אַנקעל מאַזעס האט זיך אין די לעצטע צייט אָנגעהויבען צו אינטערעסירען מיט אַזעלכע זאכען, וואס גיבען ניט קיין פּרעסטיזש א ביזנעס־מאַן, פאר וועלכען מען זאָל דרך־ארץ האבען. אַנקעל מאַזעס איז געוואָרען רעליגיעז, אינטערעסירט זיך מיט דער שוהל פון די לאַנדסלייט, און דאס וואס ער האט ניט געהאַלטען צו דער חתונה, האט ער יעצט געוואָלט אויספיהרען — קויפען די קוזמינער לאַנדסלייט אַן אייגענע שוהל. ביז איצט איז ער נאָר געווען דער „פּרעזידענט" פון די קוזמינער לאַנדסלייט אויף'ן פּאַפּיער. זייט נאָך

דער חתונה האט זיך אנקעל מאזעס אנגעהויבען אינטערעסירען מיט דער סאסייעטי, און אריינגעלעגט זיינע גאנצע ביזנעס־פעהיגקייטען און אויסגענוצט זיינע „ביזנעס עקספּיריענס" פאר'ן „בענע־פיט פון דער סאסייעטי". אנקעל מאזעס האט געקויפט פאר דער סאסייעטי א נייעם פּלאץ פאר א סעמעטערי און האלב דערפון גלייך פערקויפט אן אנדער סאסייעטי, און דערפון אזוי פיעל געלד פער־דיענט, אז די קוזמינער סאסייעטי האט געקראגען איהר סעמעטערי לאטס כמעט בחינם. יעצט נוצט ער אוים זיינע גאנצע סוחרי'שע פעהיגקייטען ארויסצוקריגען א שוהל פאר דער סאסייעטי. ער האט שוין דורך א ביזנעס טריק געקראגען א פּלאץ אויף א שוהל כמעט בחינם און יעצט האנדעלט ער דאס אונטער א טויש צו מאכען אויף א הויז. אנקעל מאזעס וועט קריגען א שוהל פאר די לאנדסלייט. און זייט אנקעל מאזעס אינטערעסירט זיך מיט די קוזמינער סא־סייעטי, איז די סאסייעטי געוואקסען, רייך געווארען און האט שוין איינגעשלונגען א פאר אנדערע קלענערע סאסייעטלעך. זיינע פערדיענ־סטען פאר קהל'שע אנגעלעגענהייטען האבען איהם באלד בערי‌המט געמאכט ארויס פון די גרענעצען פון קוזמינער לאנדסמאנשאפט. אנ־דערע סאסייעטיס פּרואווען פעראינטערעסירען אנקעל מאזעס אין גרעסערע אונטערנעהמונגען פאר טובת הכלל. אנקעל מאזעס איז שוין וויים־טשערמאן פון א מושב זקנים, א טרעזשורער פון א תלמוד תורה און א דירעקטאר פון א קליינעם האספּיטאל — און זיין בע־ריהמטהייט אלס פילאנטראפּ און כלל־מענש וואקסט אין שטאדט.

זעלבסטפערשטענדליך האט אנקעל מאזעס אבגעשניטען יעדע בעציהונג מיט יענער ווייבעל, וועלכע האט געהאט פּרעטענזיעס צו איהם וועגען קינדער. אנקעל מאזעס האט ליעב געקראגען זיין היים און זיין ווייבעל, און איז געווארען א מאראלישער מענש. ער האט ליעב געהאט די ריינקייט פון זיין שטוב, און ניט געקענט פער־שטהן ווי אזוי האט ער געקענט אמאל אנדערש לעבען, און דער־מאנענדיג זיך זיין אמאליגעס לעבען, האט ער זיך אבגעשאקעלט דערפון און געהאלטען פאר א שלעכטען חלום. אנקעל מאזעס האט געפערדיגט מאראל צווישען זיינע מענשען, זיינע לאנדסלייט. מיט דער צייט איז ער געווארען א שופט און א פּאטריארך צווישען זיינע לאנדסלייט. די לאנדסלייט האבען איהם פערטרויט זאכען וועגען

זייער אינטימען לעבען, און געפרעגט איהם עצות. אנקעל מאזעס איז אויפגעבראכט געווארען איבער געשעהעענישען, גערופען דעם שול־דיגען און מוסר געזאגט. שלום געמאכט צווישען מאן און ווייב, און אנגעזאגט, אז אזעלכעס זאל מעהר ניט געשעהן. און אלע מאל האט ער געקענט קוקען דער ווייבעל, וועלכעס ער האט מוסר גע־זאגט, אין די אויגען אריין...

---

אנקעל מאזעס איז פריה אהיים געקומען פון די ביזנעס. ער האט ניט געקענט איינזיצען אין געשעפט זייט מאשא איז אריין אין די הויכע חדשים. אהיים געקומען, האט ער געטראפען אהרן'ען מיט ראזע'ן, וועלכע זיינען דורך דער צייט פון מאשא'ס טראגען געווארען גאנצע בעלי־בתים אין שטוב.

עס איז געוועזען א וואונדער, ווי דעם דערשלאגענעם אידען'ס בע־ציהונגען צום אלמעכטיגען אנקעל האבען זיך געענדערט, זייט זיין טאכטער האט פאר איהם חתונה געהאט. ניט נור האט דער אמא־ליגער „מענש" פערלארען די אימה און רעספעקט פאר'ן בעל־הבית, נור אהרן האט זיך באלד געהאלטען מעהר בעל־הבית אין שטוב ביים אנקעל, ווי דער אנקעל אליין. און פון ראזע'ן איז דאך אבגערעדט. זייט איהר מאשעלע האט חתונה געהאט פאר'ן אנקעל און זייט איהר מאשעלע איז נאך געקומען אין אנדערע אומשטענדען, איז ניט בלויז זי האט זיך געהאלטען די בעל־הבית'טע פון שטוב, נור זי האט זיך אנגעהויבען צו מישען אין די ביזנעס, און איז געווארען א זעהר אנ־בעזעהענע קראפט אין דעם דיפלאמאטישען קארפוס פון אנקעל מא־זעס'עס ביזנעס. נאך האט אנקעל מאזעס ניט קיין צייט געהאט זיך אוועקצוזעצען און אויספרעגען זיך אויף מאשא'ן, איז ראזע שוין צוגעטראטען צו איהר בעליעבטער טהעמא, מיט וועלכער זי האט ארומגעפלאנט דעם אנקעל די לעצטע צייט:

— איז ווידער דא געוועזען דער שנארער, דער גאליציאנער אכבראש. ער האט זיך געפרעגט אויף דיר, מאזעס, איך פערשטעה ניט פאר וואס קומט איהם דאס, אז ער זאל זיין דער קאלעקטאר? וואס, חתונה געהאט מיט איהם האסטו? צו האסטו מיט איהם א שידוך געטהאן, וואס דו מוזט זיך האלטען מיט איהם צוגעבונדען?

— שוויגער, לאזט מיך אפ. וואס מאכט מאשעלע? האט זי עפעס געגעסען? איז דא געווען דר. גאלדשטיין? איך וויל, ער זאל יעדען טאג ארייןקומען, איהר הערט, שוויגער, יעדען טאג.

— שווער — רופט ער צו אהרן'ען — גיט איהם א קלונג אן, דעם דאקטאר.

— וואס דארף מען דעם דאקטאר דא? זיי נישט משוגע, מאזעס. מאשא איז אלל־רייט, בארער זי גיט מיט דאקטוירים. דר. גאלד־שטיין וועט שוין קומען ווען מען וועט איהם בעדארפען.

— ניין, איך וויל יעדען טאג זאל ער קומען — האט דער אנקעל געזאגט מעהר פאר זיך, און איז אויף די שפיץ־נעגעל ארויפגעגאנגען אויף די טרעפ, וואו דאס שלאף־צימער איז געווען.

נור באלד איז ער געבליבען שטעהן פאר די טרעפ מיט א פרע־הענדע מינע, און געקאווערט פאר שרעק און פרייד:

— פאמעליך, מאשא, פליעז לויף ניט — האט דער אנקעל גע־זאגט אונרוהיג און ניט ווילענדיג פערשפרייט די הענד — ווי ער וואלט געוואלט בערייט זיין אויף יעדע סיבה.

פון די טרעפ אראב איז אראבגעקומען מאשא. זי איז ניט גע־ווען פארזיכטיג ווי דער אנקעל האט געוואלט. זי האט נישט געענט־פערט אויף זיין פרעגענדיגען פרעהענדיגען בליק. זי האט איהם ניט אנגעקוקט — זי איז ווייטער געגאנגען און איז אריין צו איהרע עלטערען אין עס־צימער.

אנקעל מאזעס איז איהר נאכגעגאנגען און געשלונגען פאר זיך די ווערטער:

— מאשא לעבען, ווי פיהלסטו זיך היינט? איך האב געהייסען אברופען דר. גאלדשטיין.

— מען בעדארף ניט דעם דאקטאר. טאטע, זעץ דיך אוועק.

— מאשא לעבען, וואס ארט עס דיר?

— פליעז, בארער מיך ניט — און זי האט אנגעקוקט איהר מאן — זעץ דיך אוועק — און דער אנקעל האט זיך אוועקגעזעצט.

מאשא האט זיך אויך געענדערט דורך דער צייט פון איהר חתונה. עס איז געווען, ווי דער אנקעל האט אויסגעזויגען פון איהר די מיידעלשע צערטליכקייט און איינגעהויכט אין איהר פון זיין מענ־

ליכע ברוטאליטעט, און דאס האט מען אנגעזעהן אין ביידענס געזיכט. איז דעם אנקעל׳ס פנים בעשטראהלט געווארען מיט א מענשליכע אונבעהאלפענקייט, איז פון מאשא׳ס געזיכט דורך דער צייט פון איהר חתונה אויסגעלאשען געווארען יענע מיידעלשע צערטליכקייט. זי איז שטארקער געווארען און פולער ווי א רייפע שטארקע פרוכט, באטש איהרע אויגען האבען אויסגעדריקט א בליק פון שרעק, ווי זי וואלט פאר עפעס מורא געהאט, וואס שאפט זיך אין איהר — נור איהר פנים האט אויסגעדריקט די בערייטקייט זיך צו בעשיצען. איהר הויכע שטארקע פיגור און איהר דיצירענדער בליק האט אויסגעדריקט הער־שאפט.

און דאס טראגען האט נאך מעהר צוגעגעבען און פערשטארקט דעם איינדרוק פון איהר געביטערישע הערשאפט. וואס זי האט פער־שפרייט ארום זיך, ווי א טראגענדע הערשענדע מאמע — וואס ווייסט, אז זי ברייננגט לעבענס אויף דער וועלט.

אנקעל מאזעס האט געהאט צו איהר אן אבשיי און א דרך־ארץ, ווי מען האט צו עפעס אונפערשטענדליכעס, רעליגיעזעס, מיסטערי־שעס, זייט זי טראגט. ניט בלויז האט איהם ארומגענומען עפעס א אונפערשטענדליכעס צערטליכעס געפיהל צו זיין אייגען בלוט און פלייש, צו זיין צווייטען איך, וועלכעס ליגט אין די טיפע פערבאר־גענישען ביי דער מיידעל — און זי האלט עס אין זיך און שענקט עס לעבען, נור א רעליגיעזעס מיסטישעס אימה פאר דעם, וואס טהוט זיך מיט מאשא׳ן איצט, פאר דעם אונפערשטענדליכען און אונבע־וואוסטען וואס וועבט זיך אין איהר, וואס גאט טהוט מיט איהר דאס וואונדער און בעשאפט דורך איהר א לעבען.

דאס האט איהם שוואך געמאכט און אונטערטהעניג געמאכט צו איהרע פיס. דאס און נאך עפעס.

אנקעל מאזעס האט געהאט א גרויס בענקשאפט נאך ריינקייט, זייט ער האט חתונה געהאט פאר מאשא׳ן. פונקט אזוי ווי ער וואלט זיך אבגעוואשען פון אלע מיאוס׳ע געפיהלען וואס איז ביי איהם איבערגעבליבען פון זיין פריהערדיגעס לעבען. און מאשא, די יונגע אונשולדיגע מאשא, וועלכע ער האט ערצויגען ביי זיך און מיט איהר חתונה געהאט, מאשא איז געווען ביי איהם דער סימבאל פון ריינ־קייט. ביי איהר האט ער זיך גערייניגט פון זיין גאנצען מיאוס׳ען

און ז׳נדיגען לעבען. ניט נור זי אליין, איהר צימער אין וועלכען זי האט געוואהנט, די זאכען וואס זי האט בעריהרט, די קליידער וואס זי האט געטראגען, האבען אין איהם ערוועקט א געפיהל פון ריינ־קייט. די בעריהרונג מיט ריינקייט האט איהם אנגעשטעקט און ער איז געטריבען געוואָרען צו זויבערקייט — און געבענקט נאך איהר. און דאס האט איהם אונטערטהעניג געמאכט, שוואך געמאכט און מענשליך געמאכט.

נור א גאנץ אנדערעס בעטריעב האט אבער געיאגט מאשא׳ן. זי האט זיך אויך צו עפעס אנגעריהרט — און די פאלגען זיינען געווען גאנץ אנדערע.

.2

יעדע בעריהרונג און מיט געוואלט געבראכטע צערטליכקייט, האט צורשט ארויסגערופען ביי איהר עקעל און דערנאך גלייכגיל־טיגקייט.

זי האט געטהאן וואס מען האט פערלאנגט פון איהר, ווייל עס האט זיך איהר גערדאכט, אז ווען זי איז געגאנגען צום אנקעל און בע־שטאנען חתונה צו האבען מיט איהם, איז זי איינגעגאנגען אויף אלעס. און זי האט זיך געהאלטען פאר א קרבן. איז אין אנהויב פון איהר חתונה געלעגען א שטילע ליידענדע שיין אויף איהר — דער שיין פון א קרבן, וואס האט זי ערעל און שעהן געמאכט. האט דער אנקעל איינציגווייז דעם הייליגען שיין אויף איהר פערשוועכט, אויסגעלאשען.

ער האט אויפגעוועקט אין איהר א רייץ, אבער דר. גאלדשטיין׳ס עלעקטרישע מאשינען, וועלכע האבען געוואָרעמט און אויפגעפרישט אנקעל מאזעס איינגעשלאפען בלוט — (וואס דער אנקעל האט גע־נומען אין געהיים) — זיינען ניט בכח געווען יונג צו מאכען דעם אנקעל. האט ער געוועקט זי פון איהר מיידעלשען חלום און איז ניט אימשטאנד געווען צו שאפען פאר איהר אן אנדערען. א וואהרען חלום... זי איז געווען ווי א געבעטענע כלה צו דער חתונה — און קיין חתן איז ניט געווען... ווי א יונגער פרישער שפראצלינג, איבער וועלכען מען פערדעקט א גלעזערנע באנע, מען פיטערט די ערד פון

שפראצלינג, מען וואַרעמט די וואַרצלען, אָבער די צווייגען זיינען איינגעצאַמט אין אַ גלאָז...

מיט יעדער בעריהרונג איהרער, מיט יעדער צערטליכקייט, האָט זי איהם ערדעלער און שעהנער געמאַכט, האָט זי אין איהם איינגע־פלאַנצט נייע בענקענישען צום לעבען, און זי אליין איז העסליכער און גראָבער געוואָרען. ווי אַ פרעה אַ נאַקעטער, וואָס באָדט זיך ביינאַכט אין קינדער־בלוט, האָט זיך דער אַנקעל בייטאָג אַרומגעדרעהט אַ גוטער, אַ שיינענדער און אַ שמייכלענדער, בעסער צו גאָט און צו לייט. זיין הארץ, געגעהרט מיט קינדער־בלוט, האָט ער האָט גע־טרונקען ביינאַכט, איז ווייכער געוואָרען, פיהלענדער און מענשלי־כער... אַזוי האָט מאַשאַ געקאָרמעט יעדע נאַכט מיט איהר מיי־דעלשע אונשולד און עדעלע יונגקייט טראָפּענווייז אַ פרעמדען אַלטען פערדאָרטען דאָרן. דער דאָרן האָט אָנגעהויבען צו בליהען און אַליין איז זי געוואָרען פערטריקענט.

די ערשטע צייט האָט זי זיך געשעהמט. זי האָט געמיינט, אַז אַלע ווייסען, אַלע זעהען איהרע מיידעלשע פערבאָרגענישען וואָס דער אַנקעל האָט ענטפּלעקט, און עס ליגט נאַקעט אָפען פאַר דער גאַנצער וועלט — האָט זי זיך בעהאַלטען אויף גאַנצע טעג אין שטוב, אָבגע־שלאָסען זיך פון מענשען, געשעהמט זיך צו קוקען אין שפּיעגעל אריין, איהר אייגען פּנים צו זעהן, איהרע אייגענע שוועסטער צו זעהן.

דערנאָך האָט זי אַרומגענומען אַ בענקעניש נאָך איהרע מיי־דעלשע יאָהרען. זי האָט זיך ליעב געהאַט אָנצוטהאָן ווי אַ מיידעל, אַזוי ווי ווען זי איז נאָך געווען אין פּאַנסיאָן, און דערמאָנט זיך יעדע קלייניגקייט, וואָס עס קאָט פּאַסירט מיט איהר ווען זי איז געווען אַ מיידעל. די געשפּרעכען מיט איהרע חבר׳טעס, דאָס שפּיעלען זיך מיט טשאַרלי׳ן, און דאָס אויסלאַכען איהם — יעדע קלייניגקייט האָט אַרויסגערופען ביי איהר אַזוי פיעל אָנגענעהמע יעראינערונגען. זי פלעגט זיך איינשליסען אויף גאַנצע טעג, אַרויסנעהמען איהרע שוהל־ביכער און שול־העפטען, וועלכע זי האָט בעהאַלטען אַלס אָנדענקען, אַלטע בריעף, וואָס זי האָט אַמאָל געקראָגען פון חבר׳טעס, גע־בורטס־טאָג געשענקען, סואווענירס און אַנדערע אונשולדיגע שפּיע־לערייען, און דערמיט אויסגעפילט איהרע לעערע בענקענדע טעג.

אפטמאל האט זי געקלעהרט וועגן טשארלי'ן, און פרובירט זיך פארשטעלען אין איהר פאנטאזיע, וואס עס וואלט געווען ווען זי וואלט ניט חתונה געהאט מיט'ן אנקעל. א גאנץ אנדער לעבען. זי האט זיך געזעהן אלס ארבייטער־מיידעל. זי איז א סטענאגראפערין און ארבייט אכט שעה א טאג אין אן אפיס און העלפט טשארלי'ן ער זאל קענען ענדיגען קאלעדזש. און יעדען זארנאכט ווארט ער זי אב פאר'ן אפיס, און זיי געהעןביידע עסען אין א ביליגען לאנטש־רום, געהען צוזאמען אויף א שאו אדער א לעקטשור, אדער צוזאמען אין ביבלי־אטעק אריין. אפטמאל, ווען זי וויל זיך עפעס קויפען, טרעפען זיי זיך שבת נאכמיטאג פאר דער טהיר פון א גרויסען מאגאזין. זי האט אב־גענומען דעם „ענוועלאפ", קלייבען זיי אוים א סוט פאר איהר, טשארלי מוז זאגען אויב עס געפעלט איהם, און זי טהוט גלייך דעם סוט אן, און טשארלי דעם נייעם „נעקטאי" און זיי געהען צוזאמען אויף א מאטינע...

דערנאך איז איהר דאס לעבען לאנגווייליג געווארען. בייטאג, ווען דער אנקעל איז ניט געווען, האט זי געקענט אויספילען איהרע טעג מיט חלומות — אין די אבענדען איז איהר לאנגווייליג געווען. עס האבען איהר דערעסען די פארצעלייענע הינד און קעץ און דאס נארישע געשליפענע גלאז וואס האט געפינקעלט פון אלע ווינקלען און וואס איז שטום געווען, האט גאר ניט געקענט זאגען, און איז אלע טאג עהנליך געווען און קיינמאל זיך ניט געענדערט. אלע אבענד, די זעלבע צימערען, די זעלבע לאמפען און דער זעלבער „אנקעל", דאס זעלבע שמייכלען מיט'ן זעלבען „מאשא דיער, דארלינג". די לאנגווייליגקייט מיט דעם אלטען אנקעל איז געווען ניט צו דער־טראגען. זי האט געקריגען קאפ־שמערצען יעדען אבענד פאר לאנג־ווייליגקייט, ווי מען קריגט פון א שלעכטען ריח... יעדער אבענד דאס זעלבע: דאס נארישע עסען, צו וואס און צו ווען — טהיילמאל מואוויעס, אפטמאל די זעלבע אהן פרייד און אהן לוסט טאטע־מאמע, וואס פייניגען זי מיט איבערטריבענער גוטסקייט און אונטערטהע־ניגקייט. די מאמע טרייבט פאליטיק וועגען די אנגעשטעלטע אין די ביזנעס און וועגען די לאנדסלייט אין דער משפחה, און דער אנקעל זאגט גראבע וויצען מיט'ן טאטען. און דאן די פערשעהמטע און שמאכטענדע נעכט, פערשעהמט דורך רפואות געטריבענעם רייץ און

בעליידיגט דורך אהן כוחות'דיגע תאוה — ווי זי איז געווארען דער־ווארעמט מיט די אהן־ביינענדיגע שטראהלען וואס גליהען פון א פראסט שטיק גלאז, און זי איז געווען ווי א יונגער שטארקער אקס, וואס ווערט געפיטערט מיט פאפיערען גראז...

אפטמאל איז ארייננעקומען אין די אבענדען סעם. שוין לאנג האט ער זי פערפאלגט מיט זיינע שטום־רעדענדיגע בליקען. און אז דאס לעבען איז איהר געווארען לאנגוויילינ, האט זי זיך אנגעהויבען צוצוקוקען צו די שטום־שנארענדיגע בליקען. דאס פנים איז גע־ווען דאס זעלבע ווי דעם אנקעל'ס, נור אינגער און קרעפטיגער, די נאז־לעכער האבען נאך געציטערט, און די אונטערשטע ליפ האט גע־ציטערט פאר שטארקייט און פרישקייט. געווען איז ער, דער אנקעל— נאר אינגער און ברוטאלער, און געערדט א סך און געלאכט א סך אין די אבענדען, און האט געוויזען זיינע שטארקע ווייסע ציינער וואס האָ־בען ארויסגעקוקט פון די נאקעטע ליפען. און האט זי זיך אפטמאל געוואלט פערגעסען, האט זי זיך פארגעשטעלט דעם אינגערען און ברוטאלערען אנקעל...

סעם האט אויסגעפיהרט דעם קאזין מאנעס' עצה: „מאך דיך צו צו דער יונגער ווייבעל; וואס דו האסט ניט געקענט דערגרייכען ביים אלטען, ועסטו דערגרייכען דורך איהר...” און ווי ער האט נור געהאט א געלעגענהייט, האט ער איהר ארויסגעוויזען אויפמערקזאמ־קייט. צוערשט אויס איבערגערעכענטקייט פאר די ביזנעס. נור אז ער האט זיך אנגעהויבען צוצוקוקען צו איהר, צו איהר שטילקייט און צו איהר ליידענדען שווייגען, האט עס ביי איהם עפעס געריהרט. ער האט זיך פערליעבט אין איהר. און צוליעב איהר אבגעלאזט דעם שידוך, וואס ער האט געטהאן אויך פאר א ביזנעס־קאריערע. דאס געפיהל צו איהר האט איהם דיקטירט ווי זיך צו האלטען. ער האט געשוויגען, ניט געוואגט מיט קיין ווארט אדער מיט קיין בעוועגונג צו בעליידיגען זי אדער געבען אנצוהערען פון זיינע געפיהלען. ער איז אפטמאל געווען מיט איהר אליין, זי אפט אהיים געפיהרט פון גע־שעפט, פערבראכט מיט איהר אין די אבענדען ווען דער אנקעל איז געווען פערנומען מיט זיינע מיטינגען אין פערשיעדענע סאסייעטיס. ער האט איהר פערטרויט פון זיינע פלענער און עצות געפרעגט ביי איהר וועגען זיין שידוך. דאס האט זי נעהענטער געמאכט צו איהם.

און סעם איז איהר געוואָרען אַז אמת'ער, איבערגעגעבענער פריינד. זיין געפיהל צו איהר איז אַזוי שטאַרק געוואָרען, אַז דער יונג איז גרייט געוועזן אַלצדינג צו טהאָן פאַר איהר. ער האָט צוליעב איהר אַנגעהויבען זיך אַנדערש אויפצופיהרען. אַנשטענדיגער און שעהנער. ער האָט זיך פאַר איהר געוואָלט אויספּיינען און ניט געוואוסט מיט וואָס, האָט ער אַנגעהויבען צו געהן אין אַ דייטשען טעמפּעל דאַווענען. געמיינט, ער וועט דערמיט מאַשאַ'ן געפעלען. געלערענט זיך ענגליש שרייבען, און אפילו גענומען ביכער צום לעזען. אין זיין קליידען זיך האָט ער זיך אויך געענדערט. און צו איהר האָט ער ארויסגע־וויזען אַ שטילע, איבערגעבענע געטריישאַפט, און די געטריישאַפט האָט איהם עדלער און שעהנער געמאַכט...

---

## .3

אין הויז איז געוועזן שטיל. די דיענסטען זיינען געגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער, ווי אַ טויטער וואָלט געוועזן אין שטוב. נור פון אַ וויים, ווייט צימער וואָס איז געלעגען אין אַ ווינקעל פון הויז האָט זיך געהערט אַ בעוועגונג, אַ פערשטיקטע בעוועגונג, אַ טהיר האָט זיך אויפגעמאַכט און צוגעמאַכט, אַ כלי האָט געקלימפּערט, אַז ערנסטער בעפעהל אין אַ שטילען טאָן טריט, טריט אויף די פינגער.

אין זאַאַל, וועלכער איז געוועזן זעלטען בענוצט, און די קאַלטקייט פון אונבעוואָהנהייט האָט אונהיימליך געמאַכט, האָט זיך דער אַנקעל ארומגעדרעהט איבער'ן שטוב, געביסען זיך די נעגעל פון אונגע־דולדיגקייט. און דאָס פּנים איז בלייך געוועזן און אויסגעמאַטערט פון אַ פּאָר נעכט ניט שלאָפען. זיינע אויגען האָבען געשטראַהלט פאַר שרעק און האָפנונג. ער האָט געביסען די פינגער און געמורמעלט פאַר זיך:

— טאַטע, מאַמע — גאָט — העלף מיר. — איך וועל אַלץ טהאָן, אַלץ, אַלץ, אַלץ — נור העלף מיר — לאָז זי ניט פּייניגען, טאַטע — לאָז זי ניט, עס איז דאָך אַ רחמנות — אוי־אוי־אוי.

אין צווייטען צימער האָט זיך געהערט טריט און עס איז ווער דורכגעלאָפען, דער אַנקעל איז אַרויס.

— וואָס הערט מען, שוויגער? — וואָס?

— גאָט העלפט אונז, משה, גאָט העלפט אונז —. שווייג, דער דאָקטאָר איז דאָרטען.

— אוי, גאָט, האָב רחמנות! — טאַטע, מאַמע, איינציגער.

אין איין מינוט איז דורכגעגאַנגען זיין לעבען פאַר איהם. ער האָט זיך דערמאָנט אַלצדינג וואָס ער האָט געטהאָן, און עס האָט זיך איהם געדאַכט, אַז עס שטעהט ווער הינטער איהם און לאָזט איהם ניט צוקומען צו אַ תכלית אין לעבען. לאָזט איהם נישט ווערען דאָס, וואָס ער וויל. ערשט יעצט זעהט ער דאָס. ער האָט ניט גע־וואוסט דערפון.

ער האָט געבענקט נאָך אַ בעסערען לעבען דורך דער גאַנצער צייט, וואָס ער האָט זיך געשטעלט אויף די פיס, נור עס האָט ווער ניט צוגעלאָזט דאָס לעבען, און יעצט, אַז ער האָט עס שוין געפונען, אַז ער איז שוין אין דעם נייעם לעבען — און עס בעדאַרף קומען דאָס וואָס ער האָט אַזוי געהאָפט דערויף, אַז עס וועט קומען — אַ קינד פון איהם; זיין אייגען קינד פון ריינקייט, מיט וועלכען ער וועט זיך ניט דאַרפען בעהאַלטען; זיין אייגענער איך — אַ נייער און אַ יונגער — זיין אייגענער איך וועט נאָך אַמאָל געבוירען ווערען, וואָס וועט געבען אַ טעם און אַן אינהאַלט צו זיין גאַנצען געוועזענעם לעבען; איצט, אַז עס קומט די מינוט, האָט ער מורא, אַז אימיצער וועט ניט לאָזען — עס וועט געשעהן אַן אומגליק.

— ניין, טאַטע אין הימעל — וועסט מיר מוחל זיין — איך וועל אַלעס טהאָן. גאַנץ אַנדערש, גאַנץ אַנדערש לעבען — לאָז מיך, טאַטע אין הימעל, לאָז מיך — העלף מיר, העלף מיר!

מיט יעדע שטונדע וואָס עס האָט לענגער געדויערט מאַשאַ'ס ענטבינדונג — איז איהם אַלץ קלעהרער געוואָרען וואָס מאַשאַ און דאָס ניי־געבוירענע בעדייט פאַר איהם. ער האָט געהאַט דאָס געפיהל, אַז ניט אַ פרעמדער לעבען, נור זיין אייגענער לעבען ווערט דאָרט אונטער די פערמאַכטע טהירען געבוירען אָדער געטויטעט. זיין ווייטעס לעבען אין דער פערגאַנגענהייט און זיין ווייטעס, ווייטעס לע־בען אין דער צוקונפט — אַלעס, וואָס קומט נאָך איהם ליגט אין מאַ־

שאָ'ס שוים — און דאַרטען ווערט עס יעצט בעשאַפען אָדער געטויט־
טעט. מיט יעדע שטונדע וואָס האָט לענגער געדויערט, אַלץ געלויטער־
טער איז ער געוואָרען, דער שווערער אָנקעל — און געריינינגט פון זיין
זינדיגעס לעבען, און געאיידעלט אין בענקשאַפט נאָך ריינקייט. אין
מאַשאַ'ס קרעכצען האָט ער געהערט די שטים פון זיין אייגענע נשמה,
וואָס לויטערט זיך איצט אין פיין. עס איז זים געווען די וועהטאָגען,
וואָס די קרעכצען האָבען איהם געשמיסען. ער האָט זיך דערמאָנט
זיינע קינדער־יאָהרען. זיין מאַמאַ'ס אויסגעמאַטערטע געזיכט האָט
ער געזעהען פאַר זיך און דעם שבת פאַר־נאַכט. אַלצדינג אַרום איהם
איז געווען ווי אַמאָל שבת פאַר־נאַכט. ניין, ווי ערב יום־כפור, אַמאָל,
אַמאָל — אין די אַלטע היים, ווען ער איז נאָך אַ קינד געווען. ער גע־
דענקט עס נאָך—די גרויסע יאָהר־צייט ליכט אין אַ מעשענעם ראָנדעל
אין זאַמד — שטעהט אויפ'ן ווייס געדעקטען טיש און די מאַמע אין
אַ ווייסען הויב בענשט ליכט און וויינט — און ער אין אַ נייע צי־
טענע קאַפּאָטע, וואָס דער טאַטע האָט איהם געקויפט ביי אַ קרע־
מער — שטעהט אין אַ ווינקעל פון שטוב מיט'ן גרויסען מחזור אין
האַנד — און שעהמט זיך פאַר די מאַמאַ'ס ווייסע הויב און פאַר די
מאַמאַ'ס טרעהרען — ער האָט היינט מערען געריסען אויפ'ן פעלד,
און עפּעל גע'גנב'עט — ערב יום־כפור עפּעל גע'גנב'עט פון אַ שטעל
אַראָפּ, און די מאַמע בענשט דאָס גרויסע יום־כפור ליכט.

דאָס זעלבע געפיהל האָט ער אויך יעצט געהאַט — מאַשאַ'ס
ריינקייט, איהרע קרעכצען און פיין — און ער — ער האָט עפּעל
גע'גנב'עט...

נור טריט הערען זיך, אַ רעש הינטער דער טהיר — ער כאַפּט
זיך אויף — לויפט אַרויס — דאָקטאָר גאָלדשטיין אין ווייסען פאַר־
טוך מיט אויפגעשאַרטע אַרבעל פאַראויס, די שוויגער הינטער איהם.

— מזל טוב, משה! — מזל טוב — אַ אינגעל, אַ
אינגעל!

— דאָקטאָר, יאָ? דאָקטאָר...

— יעס, יעס — מר. מעלניק — מזל טוב! — עוורי טהינג איז
אָלל־רייט. שי איז אָלל־רייט.

— דאָקטאָר דיער — און שפּרינגט ווי אַ אינגעל איבער די
טרעפּ.

— איין מינוט, מר. מעלניק, לאָזט זי אליין — מיר'ן באלד געהן.

— דאָקטאָר דיער! — איך וועל עס אייך קיינמאָל ניט פערגעסען — קיינמאָל ניט, וועיט א מינוט — און וואס מאכט זי, און דאָס?...

— שי איז אָלל־רייט, און די בייבי איז אָלל־רייט, וואס האָב איך אייך געזאָגט, מר. מעלניק, איהר גערענקט? — האָט דער דאָקטאָר איהם געקוקט אין די אויגען אריין מיט א פרעד געלעכטערעל.

— איך גען טהאָן עפּעס פאַר אייך א זאַך, אז די גאַנצע שטאָדט וועט דערמיט קלינגען — איהר וועט זעהן, דאָקטאָר.

— אָלל־רייט, מר. מעלניק! — מיר'ן זעהן.

נור דער אַנקעל האָט איהם שוין ניט געהערט. ער איז דורכגעלאָפען דעם זאַאל. אין עס־צימער איז איהם געפאַלען אויפ'ן האַלז אהרן מעלניק מיט געוויין און קושען. א האלב טוץ מוהמעס, פעטערס, משפחה און לאַנדסלייט האבען איהם ארומגערינגעלט מיט פרייד און געשריען: מזל טוב! מזל טוב, א אינגעל — ער האָט זיך קוים ארויסגעריסען פון זיי און איז ארויף מיט לייכטע, איינגעהאַלטענע טריט צו די שלאָף־צימערס. הינטער מאַשאַ'ס טהיר האָט ער געפונען סעם'ען. דער יונג איז געשטאַנען הינטער דער טהיר — א בלייכער, און די טרעהרען זיינען איהם געראָנען איבער'ן פּנים.

— סעם, דו ביזט דאָ, סעם, מאַי באָי — אי עם העפּפּי, יור אַנקעל איז העפּפּי — סעם, העפּפּי.

סעם האָט איהם ניט געענטפערט, סעם האָט איהם ניט אַנגעקוקט, ער איז אלץ געשטאַנען אויף איין אָרט, געציטערט. די נאָז לעבער האָבען שאַרף געשלונגען די לופט. די ליפּען פערביסען בייז — און די טרעהרען זיינען געראָנען אין פיעלע טראָפּען איבער די באַקען.

דער אַנקעל האָט לייכט אַנגענומען ביי דער קלאַמקע פון דער טהיר און געוואָלט זי עפענען. די טהיר איז אָבער געווען פערשלאָסען.

— געה ניט אריין, אַנקעל, געה ניט, זי איז מיעד, זי שלאָפט, אַנקעל, זי שלאָפט — האָט איהם סעם צוריקגעהאַלטען.

— סעם, מאַי דיער באַי — איך בין גליקליך, איך בין דער גליקליכסטער מענש אין דער וועלט. איך געה אַלעמען גליקליך מאַ־כען. סעם, איך ווייס וואָס דו ביזט פאַר מיר, איך וועל דיר מאַכען פאַר מיין פאַרטנער, סעם — איך ליעב דיר ווי אַ פאָטער, און איז איהם געפאַלען אויפ׳ן האַלז און געקושט איהם.

די טהיר האָט זיך שטיל געעפענט און די שוויגער איז ארויס־געקומען.

— שוויגער, וואָס מאַכט זי ?

— ש־ש — זי שלאָפט, זי איז מיעד.

— איך וויל עס זעהן, איין אויגען־בליק נור...

די מוטער האָט פאַמעליך אויפגעעפענט די טהיר און דער אַנקעל איז אריין אויף די שפּיץ פינגער.

ער איז געבליבען שטעהן ביי דער טהיר. פון בעט האָט מאַשאַ ארויסגעשיינט אַ בלייכע און אַ מיעדע, דער אַנקעל האָט געקוקט אויף איהר און ניט געוואָגט צו צוגעהן, ווי דאָרט וואָלט געלעגען זיין הייליגטהום. מאַשאַ האָט איהם ניט אַנגעקוקט, איהרע אויגען זיינען שטאַר געווען און שטום און געקוקט אויף איין אָרט. דער אַנקעל האָט געציטערט און איז געגאַנגען מיט פּאַמעלאַכדיגע טריט — נעהענ־טער צו צום בעט — אַראָבגעבויגען זיך און געקושט די זיידענע קאָלדרע מיט וועלכער מאַשאַ איז געווען צוגעדעקט:

— מאַשאַ — מיין, מיין — מיין מאַמאַ — אויף מאַשאַ׳ס בליי־כע באַקען האָט ארויסגעשלאָגען אַ רויטליכקייט, ווי זי וואָלט אַ קליין קינד געווען און זי וואָלט זיך פערשעהמט.

נעבען מאַשאַ׳ס בעט איז שוין געשטאַנען דער נייער קינדער־וואַגען, די מוטער האָט אויפגעדעקט דאָס זיידענע געדעקס און דער אַנקעל האָט דערזעהן עפּעס רויטעס, צוהיצטעס און אונפאָרמדיגעס. ער האָט זיך אַראָבגעוואָרפען אויף דער ערד, איינגעגראָבען זיין פּנים אין דעם נייעם געבוירענעם געלעגער און געוויינט

סעם, וועלכער איז געשטאַנען ביי דער אָפענער טהיר, איז דאַן צוגעגאַנגען מיט שטילע טריט און געשטעלט זיך איבער דעם אַנקעל׳ס קאָפּ און אויך אריינגעקוקט אין וויעגעלע אריין...

מאַשאַ האָט געצויגען די זיידענע דעק איבער איהר קאָפּ און פערשטעלט זיך דאָס פּנים.

## .4

עס איז געווען א שעהנער זומער־טאג. דאס גרויסע שלאף־צימער אין אנקעל מאזעס' וואהנונג איז געווען בעגאסען מיט צעבערס ליכט, וועלכע האבען ארייגעדרונגען פון די צוויי גרויסע פענסטער, וואס זיינען ארויסגעגאנגען אין א ברייטע גאס אריין. מאשא, א יונגע און שטארקע מאמע, האט געבאדען איהר נאקעט פינף־מאנאטדיג קינד אין א בעקען מיט לאהע וואסער. דאס קינד איז געווען געהילט אין וויים־באטיסטענע ליילעכלעך, אז עס זאל זיך ניט פערקיהלען. דאס קינד האט בעוואויגען דאס וואסער מיט זיינע שווערפעלטיגע בעוועגונגען און עס האט געשריען, פערקנייטשענדיג די אויגען ווי אן אלטער איד. מאשא האט זיך געפרעהט און געשפיעלט זיך מיט'ן קינד, וואשענדיג עס און גיסענדיג וואסער אויף דעם קינד'ס קערפערעל. ארום איז געווען אנגעווארפען ווייסע וועש, ליילעכער, האנד־טיכער, און אלצדינג אין שטוב האט געשמעקט מיט ריינקייט און מיט מוטער־ליכקייט. זי האט דאס קינד ארויסגענומען פון שיסעל, פלינק עס איינגעהילט אין געמאנגעלטע קנייטשענדיגע פרישע ליילעכלעך און עס געטוליעט צו איהר הארץ, איינשטילענדיג דאס קינד, וועלכעס האט ניט אויפגעהערט צו פערטומלען די שטוב מיט זיין שארף־שניידענ־דען קווימשען. מאשא האט געלאכט און געפרעהט זיך, ווייל זי האט געוואוסט פאר וואס דאס קינד שרייט, און שפיעלענדיג זיך מיט'ן קינד, האט זי צו איהם געלאכט:

— דו פרעסער איינער, איך וויים וואס דו ווילסט, איך וויים.

זי האט פלינק בעפרייט איהר יונגע קערענדיגע ברוסט פון איהר קאפטענדעל, אבער זי האט ניט באלד אריינגעגעבען איהר ברוסט אין דעם זוכענדען קינדישען מיילעכעל, נור האט זיך גערייצט מיט'ן קינד, ווי איין קינד מיט'ן אנדערען, אנגענומען איהר ברוסט מיט צוויי פינגער און ארויסגעשפריצט א פאר טראפען מילך פון די ברוסט־ווארצלען אויף'ן קינד'ס מיילעכעל, האט דאס קינד עס אבגעלעקט און ווייטער געשריען.

— דו פרעסער איינער — האט מאשא געלאכט, ווען זי האט

געזעהן ווי דאָס קינד שטרעקט אויס זיין מיילעכעל נאָך די טראָפּענס און זוכט, ווי אַ שטום חיה'לע, די קוואַלען דורך וועלכע גאָט שיקט צו צו איהם זיין ערנעהרונג.

אַ מינוט האָט זי געלאָזט דאָס קינד זוכען. נאָכשפּירענדיג נאָך דעם געשמאַק פון די מילך, האָט דאָס קינד געפונען דעם קוואַל און איינגעגראָבען זיין פּנים'ל אין מאַשאַ'ס שטאַרקע יונגע ברוסט, און געזאַגט פון זיינע קוואַלען מיט דעם גאַנצען קינדערשען כח וואָס איז געוועזען אין דעם פרישען מאַרך פון זיינע יונגע ביינדעלעך. און איבער דער מוטער איז געקומען אַן ערלייכטערונג, ווי עס וואָלט זי ווער געקושט אונבעוואוסט אין שלאָף, און אַ ציטערדיגער ווינד פון קינדיש-מוטערליכער צערטליכקייט איז דורכגעגאַנגען דורך איהרע ביינער...

יעדעס מאָל ווען מאַשאַ האָט געזויגען דאָס קינד, זיינען איהר געקומען מאָדנע געדאַנקען אין קאָפּ, און עפּעס אַן אונבעוואוסטע וועה־מאָג האָט זי געגאַנגט. אַ וועהטאָג און אַ בענקשאַפט. זי האָט גע־האָט דאָס געפיהל, אַז זי האָט נאָך ניט חתונה געהאַט, אַז זי האָט אַ קינד און ניט קיין מאַן... און זי האָט געבענקט נאָך אַ מאַן, וואָס זאָל קומען און זי גלעטען אין דער שטיל איבער'ן קאָפּ, ווען זי זיצט און שטילט איין איהר קינד. און דער מאַן זאָל זיין דער ריכטיגער און איינציגער פאָטער פון איהר קינד. די פערבינדונג צווישען איהר און איהר מאַן זאָל זיין אַ געטרייע און אַ טיעפע, ווי ביי יעדען יונגען פּאָר פאָלק — איהר קינד זאָל האָבען אַן אמת'ען פאָטער. און יעדעס מאָל, ווען עס זיינען געקומען די געדאַנקען צו איהר, האָט אַ טיעפע און אַ בעהאַלטענע וועהטאָג געוועהטאָגט זי, און פערשעהמט זי, און זי האָט זיך געהאַלטען, אַז זי איז אַ פערשאָלטענע אויף אייביג. קיינ־מאָל ניט — וועט זי ניט קענען געבען איהר קינד אַ פאָטער...

זי האָט מקנא געווען יעדער ווייבעל, וועלכע האָט אַ מאַן. אָפט־מאָל האָט זי בעמערקט פאָהרענדיג אין עלעווייטער, שבת אין אבענד, ווי עס זיצט אַ יונגער טאַטע און האַלט אַ קינד אויף די הענד, און געבען איהם זיין ווייב. זיי פאָהרען געוויס צו שווער־און־שווינגער דאָון־טאָון, האָט זי זיך געטראַכט, און מקנא געווען דער אויסגע־האַרעוועטער מיעדער ווייבעל איהר מאַן. ניין, ניט וואָס זי האָט אַ

מאַן, נאָר וואָס זי האָט אַן איינציגען און ריכטיגען פאָטער פאַר איהר קינד. און אַ בענקשאַפט האָט זי ארומגענומען צו אַ געטריי און ריין לעבען, וואָס האָט אַ בעשטאַנד, אַ שטאַרקען וואַרצעל אונטער זיך.

זי האָט ניט געהאַט קיין מאַן, נור אַ קינד, און דעם קינד האָט זי אוועקגעגעבען איהר מוטערליכע און ווייבליכע צערטליכקייט. מיט דעם קינד האָט זי געפיהלט ווידער צוריק יענע אונבעוואוסטע זויבערקייט, אין וועלכע זי האָט געלעבט, ווען זי איז געווען אַ מיידעל. מיט דעם קינד האָט זי זיך צוריק געפונען. זי איז ניט קיין ווייב — זי איז אַ מיידעל אַ מוטער.

האָט זי נור פערבראַכט מיט איהר קינד, קיינעם ניט געוואָלט זעהן, ניט ארויסגעגאַנגען פון הויז, ניט געלעבט מיט עפּעס אַנדערש, נור פערבאָרגען זיך אין׳ם שלאָף־צימער, ווי אַ כהן אין זיין טעמפּעל, און פערבראַכט מיט׳ן קינד. זי האָט עס געבאָדען, געוואַשען, איבערגעטהאָן, און ביים קינד האָט זי זיך געפיהלט געריעטעט...

---

די טהיר פון שלאָף־צימער האָט זיך אין דער שטיל געעפענט. מאַשאַ האָט ניט בעמערקט, ווי דער אַנקעל איז אריינגעקומען אויף די שפּיץ פינגער. ער האָט פון דערווייטענס געזעהן ווי מאַשאַ שטילט איין דאָס קינד, און אַ מינוט האָט ער זיך אָבגעשטעלט ביי דער טהיר, ווי ער וואָלט בעטראַכט זיין הייליגטהום. אַ ציטערנדיג געפיהל האָט איהם ארומגענומען יעדעס מאָל, ווען ער האָט געזעהן ווי מאַשאַ זויגט דאָס קינד, און ער איז מיט שטילע טריט און איינגעהאַלטענער פרייד צוגעגאַנגען צו מאַשאַ׳ן און געגלעט זי איבער׳ן קאָפּ.

מאַשאַ האָט אויפגעציטערט, ווי עס וואָלט זי ווער אויפגעוועקט פון אַ שווערען שלאָף:

— ווער איז דאָס? — האָט מאַשאַ אויסגערופען מיט שרעק.

— דאָס בין איך. וואָס דערשרעקסטו זיך? יעדעס מאָל ווען איך קום אריין צום קינד דערשרעקסטו זיך. אין אמעריקא זיינען ניטאָ קיין גנבים, מיין קינד.

— קום ניט אריין ווען איך זויג דאָס קינד, פּליעז, דו דערשרעקסט מיך.

— פאַר וואָס, קינד? — שמייכעלט דער אַנקעל — אַי לייק איט. איך ליעב צו זעהן ווי דו זויגסט דאָס קינד.

— און איך וויל ניט, אז דו זאלסט ארייגקומען. פליעז, טהו עס פאר מיר.

— אבער פאר וואס? יו אר עי ליטל טשאילד — אזוי ווי מיין קינד. איהר ביידע זייט מיינע קליינע צוויי קינדער — נעהמט זי דער אנקעל ארום מיט'ן קינד צוזאמען און טאנצט פאר פרייד.

מאשא איז טרויעריג געווארען און שטיל, און שטילע טרעהרען האבען פלוצלים אנגעהויבען צו רינען פון איהרע אויגען איבער איהר געזיכט און זיינען געפאלען אויף איהר נאקעטע ברוסט.

— וואס איז דיר, פאר וואס וויינסטו שטענדיג, אז איך קום אריין? וואס האב איך דיר געטהאן? פאר וואס לאזטו מיר ניט קיין נחת האבען פון מיין פרייד, וואס גאט האט מיר געשאנקען. איך האב דאך קיינמאל קיין פרייד ניט געהאט אין מיין גאנצען לעבען. נור יעצט, אויף דער עלטער — דיך און מיין קליין, קליין ריין קינד — מיינס — מיין אייגענס. און פאר וואס וויינסטו? פאר וואס פרעהסטו זיך ניט מיט מיר — מאשא לעבען — מיין גרויס, גרויס גליק?

מאשא האט אויפגעהויבען איהרע אויגען און האט איהם אנ־געקוקט. איהרע אויגען זיינען פול געווען מיט טרעהרען — און דער גרויסער וויים־אפעל האט זיך געוואסערט — און זי האט איהם אנ־געקוקט מיט רחמנות אויף זיך און אויף איהם, און געשוויגען, ווי זי וואלט געווען א שטומע חיה, וואס גאט האט איהר ניט דעם לשון געשאנקען, נור זי דריקט אוים איהרע געפיהלען אין בליק.

— פאר וואס קוקסטו אויף מיר? פאר וואס רעדסטו ניט צו מיר? — זייט דו האסט געהאט דאס קינד, רעדסטו ניט צו מיר — פאר וואס, ביזטו דען ניט גליקליך מיט'ן קינד? מאשא דיער, זאג מיר.

— יא, יא, איך בין גליקליך מיט מיין קינד — קיינעמס ניט נור מיין — איך האב גאר ניט מעהר, נאר דאס קינד — איך בין גליק־ליך — און די טרעהרען האבען גערונען פון איהרע אויגען אלץ גע־דיכטער.

— און פאר וואס וויינסטו ווידער? — פאר וואס ביזטו אזוי טרויעריג, פאר וואס?

— איך ווייס ניט, מאזעס, פאר וואס, איך ווייס ניט — לאז

מיך אליין — פּליעז, לאָז מיך אליין מיט מיין קינד — קום ניט אריין צו מיר, זעה מיך ניט — לאָז מיך, פּליעז.

— אַ, דיער טשאילד — אי ניו, דיין מאמא האָט רעכט, דיין מאמא זאָגט, אַז עס איז שטענדיג אזוי מיט די יונגע מוטערס וועז זיי זויגען די קינדער. דו ביזט נאָך אליין אַ קליין קינד, איין קינד זויגט דאָס צווייטע — מיינע צוויי קליינע קינדער — האָט דער אַנקעל געלאכט.

פון עס־צימער האָט זיך פּלוצלונג דערהערט אַ שטימע. מאשא איז בלייך געוואָרען.

— ווער איז דאָרט?

— סעם איז עס. — יעס, שטעל דיר פאָר, מאשא, טשארלי דיין קאָזין איז דאָך דער לאָיער פון דער יוניאָן, ביי איהם וועלען מיר דאָס בעדאַרפען סעטלען דעם סטרייק מיט די לאַנדסלייט. דו ווייסט, אונזערע לאַנדסלייט סטרייקען דאָך — שוין די צווייטע וואָך ווי זיי קומען ניט צו דער ארבייט — דאָס האָט אַלץ דיין קאָזין אנגעמאכט. איך האָב דיר שטענדיג געזאָגט, אַז ער איז אַ „דענדזשעראס“ יאָנג מען — ער וועט אונז מאַכען טראָבעל — נאַ, זעהסטו, דאָס האָט אונז אַן אייגענער, אַ לאַנדסמאַן, אַ משפּחה־מאַן אָפּגעטהאָן.

— געה אראָפּ, פּליעז, געה אראָפּ און רעד מיט זיי — לאָז מיך אליין — האָט זיך מאשא געבעטען ביים אַנקעל און גענומען אוועקלייגען דאָס איינגעשלאָפענע קינד פון איהר ברוסט אין וויעגעלע אריין.

— נאָך איין מינוט. איך וויל נור זעהן אביסעלע, ווי עס שלאָפט.

— שטיל, וועסט עס נאָך אויפוועקען.

— שוין, שוין — און דער אַנקעל איז ארויס מיט שטילע טריט.

מאשא האָט פערשלאָסען די טהיר נאָך איהם.

נאָר באַלד האָט ווער געקלאָפּט:

— שטיל. ווער איז דאָרט?

— עפען אויף, מאשא לעבען — רופט זיך אָפּ די מוטער, וואָס פערשליסטו דו זיך? קיינער וועט דיר ניט צו'גנב'ענען.

— נו, וואָס זאָגסטו צו די שנאָרערס, הע, צו די משפּחה. אויסגעהאַלטען דאָס פאָר אונזער פערהאָרעוועטע גראָשען. אַז עס האָט געדאַרפט אַ טאָכטער אויסצוגעבען, אַן אויסשטייער צו מאַכען, דאָס

ווייב מיט די קינדער אריבערצובערענגגען קיין אמעריקא — איז עס געקומען צום אנקעל. וואס, וועז, עס האט בעדארפט עפעס — איז עס געקומען צו אונז. מיר האבען עס געשטיצט. מיר האבען עס אויס־געהאלטען און יעצט סטרייקען זיי גאר. נא דיר אמעריקא. און וועד? די שנארערס זוהן, טשארלי — ער איז דיר גאר געווארען א גאנצער פאלקאווניק ביי דער יוניאן. האסט שוין געהערט אזעלכעס?

— מאמא, וואס איז געשעהן?

— האסט ניט געהערט? די לאנדסלייט סטרייקען דאך — זיי קומען דאך ניט צו דער ארבייט. און טשארלי איז זייער אנ־פיהרער.

גאר אין דעם האט ווידער ווער דעם קאפ אין דער אפענער טהיר ארייגגעשטעקט. און מאמא און טאכטער האבען דערקענט סעם'ס בלייכען ענערגישען פנים מיט זיינע דערשראקענע בעטענדיגע אויגען.

— מאמא, פערמאך די טהיר — האט מאשא אויסגערופען, בלייך־ווערענדיג.

— וואוהין קריכען זיי, די שנארערס, ווענינ איז זיי די ביזנעס, קריכען זיי גאך אין די שלאף־צימערען. — די מאמא האט פערקלאפט די טהיר פאר סעם'ס פנים...

---

5.

## דער סטרייק פון די קוזמינער לאנדסלייט.

עס איז געשעהן א וואונדערליכע זאך — די לאנדסלייט פון קוז־מין, אנקעל מאזעס' משפחה, זיינען ארוים אין סטרייק. צוערשט האט עס אנקעל מאזעס גאר ניט פערשטאנען וואס איז געשעהן. גע־זעהן, ווי די לאנדסלייט הויבען זיך אויף אין מיטען טאג און לעגען אוועק די נאדעל און פערלאזען דעם שאפ, האט ער געמיינט עפעס אן אונגליק איז געשעהן.

— וואס איז געשעהן? וואוהין געהט איהר?

די לאנדסלייט האבען זיך ארויסגע'גנב'עט פון שאפ, ווי זיי וואלטען בעגאנגען א גנבה, און געשעהמט זיך צו קוקען דעם אנקעל אין די אויגען אריין. איינציגווייז האבען זיי זיך ארויסגעשלייכט. האט דער אנקעל אבגעשטעלט שלמה דארפס-געהער, א גוטען בע־קאנטען פון דער היים:

— שלמה, וואוהין געהסטו?

— איך ווייס ניט. מ'האט מיר געהייסען, געה איך.

— וואס בין איך, א פרעמדער? — האט דער אנקעל געשריען — ביי מיר סטרייקט מען? פאר מיין גוטס וואס איך האב אייך ארא‌בגעבראכט קיין אמעריקא, האלט אייך אוים מיט ווייב און קינ־דער. די ביזנעס זיינען דאך נור צוליעב אייך — סטרייקט מען ביי מיר! גוט, גוט, איך וועל זיי שוין ווייזען סטרייקען.

די לאנדסלייט האבען גאר ניט געענטפערט, פערלאזט דעם שאפ און צונויפגעקליבען זיך אין די חברה אנשי קוזמין, טאקע אין דער שוהל פון וועלכער דער אנקעל איז געווען פרעזידענט.

לאנג האט געדויערט ביז עס איז געלונגען די יוניאן פון די שניידער צו ארגאניזירען אנקעל מאזעס' שאפ. אזוי לאנג ווי דער אנקעל איז געווען דער „אינסייד מענש", איז עס זיי טאקע ניט גע־לונגען. די לאנדסלייט האבען דעם אנקעל ניט געקענט מעיז פנים זיין, זיי האבען זיך ניט פארגעשטעלט ווי אזוי זיי וועלען קענען דעם אנקעל שלעכטס טהאן. ער איז דאך אונזער „פרנסה־געבער", הא־בען זיי אויף אלע טענות אבגעענטפערט. קוים איז סעם געווארען זייער באס, זייט דער אנקעל האט חתונה געהאט, און סעם האט זיי געלאזט פיהלען זיין האנד, איז ביסלעכווייז געוואקסען די אונצופריע־דענהייט צווישען די לאנדסלייט מיט'ן אנקעל, און טשארלי'ן מיט איי‌ניגע פראפעסיאנעלע ארגאנייזערס פון טרייד איז ענדליך גע־לונגען אין דער שטיל צו ארגאניזירען דעם אנקעל'ס שאפ, אין גע־היים פון איין לאנדסמאן צום אנדערען, ביז דער סטרייק איז אונ־געריכט ארויסגעבראכען פאר'ן אנקעל און אלע זיינע בעהעלפערס.

אין אנפאנג איז קוזמין געווען זעהר ענטהוזיאסטיש צו קעמפפען: אז מען האט געדארפט געהן „פיקעטען" פאר'ן אנקעל'ס שאפ, הא־בען זיך אלע געריסען. אויסגעקליבען אבער האט מען שלמה'לע פארמאן, יאסעל דארפס-געהער, אידעו סעדער-האלטער און פישערס.

אידען וועלכע קענען געבען צוריק א קלאפּ ווען מען וועט דארפען. זיי האבען גענומען ברויט און אבגעזאדענע קארטאפּליעס אין די קעשע־נעס און האבען זיך אוועקגעשטעלט, א זייגער זעקס אין דער פריה, פאר'ן אנקעל'ס שאפ. געשטאנען און געהיט.

— טהיילמאל איז דער אנקעל ארוים צו זיי און פּרובירט מיט זיי רעדען:

— וואס וועט זיין דער סוף פון שטעהן?

— מיר ווייסען ניט. געהייסען שטעהן, שטעהען מיר — האַ־בען די אידען אבגעענטפערט.

— אבער וואס ווילט איהר? לאזט מיך הערען וואס איהר

— מיר ווייסען גאר ניט, טשארלי — אלץ טשארלי... מיר זיינען פּראסטע סאלדאטען, געהייסען שטעהן, שטעהען מיר — האבען די ווילט.

אידען אבגעענטפערט מיט א זעלנערישען טאן, דערמאנענדיג זיך אן דער היים פון אויף דער וואך ביי די סאלדאטען.

— וואס, טשארלי האט אייך געבראכט קיין אמעריקא? טשארלי האט אייך געגעבען ארבייט? פּרנסה געגעבען? א גאנץ יאהר געהט איהר אויך צו טשארלי'ן — אלל־רייט!

— אזוי געהייסען.

— וואס שטעהט דער אנקעל און טענה'ט זיך אוים מיט זיי? מיט וועמען איז דא צו רעדען? אנקעל אריין! — האט סעם איהם געצווינגען ביים ארבעל מיט חוצפה, וואס ער האט געקראגען צום אנ־קעל זייט מאשא האט געבוירען דאס קינד.

— לאז מיך, איך וויל מיך מיט זיי דורכרעדען.

— אנקעל — האט סעם געשריען — איך וויל, אז דער אנקעל זאל אריין. מען דארף ניט רעדען מיט זיי, אוים משפּחה, אוים לאנדס־מאן. איך לאז ניט מעהר קיין משפּחה איבער די שוועל ארויף.

— אלעס צו טשארלי'ן. מיר ווייסען גאר ניט — האבען די לאנדסלייט אבגעענטפערט.

און טשארלי איז געוועזן דער גאט. טשארלי איז געקומען יע־דען אבענד אין חברה אנשי קוזמין און גערעדט צו די לאנדסלייט; טשארלי האט געבראכט אנדערע ספּיקערס; טשארלי איז ארומגע־לאפען צו די צייטונגען; טשארלי האט פון ערגעץ־וואו געלד געקרא־

גען; טשארלי איז געווען דער צווייטער משה, וואס איז געקומען אויסלייזען די לאנדסלייט פון אנקעל מאזעס, פרעה מלך מצרים.

אין די חברה שלחן־ערוך אנשי קוזמין זיינען געווען פערזאַמעלט די סטרייקענדע לאנדסלייט. קוזמין האט גערוהט, און עס האט אויסגעזעהן ווי חול־המועד אין דער היים. ניט קיין שבת, ניט קיין יום־טוב — ס'איז אינדערוואכענס און מען ארבייט ניט. און צו דעם איז קוזמין אזוי ניט געווען צוגעוועהנט. שוין אכט טעג ווי דער סטרייק האלט אן. דער ערשטער ענטהוזיאזם איז שוין פערשוואונדען און קוזמין האט שוין געפיהלט א בענקשאפט נאכ'ן שאפ. נאך האבען זיי ניט געפיהלט קיין הונגער, אביסעל האט יעדער געהאט אליין אבגעשפארט און בעהאלטען פאר'ן סטרייק, און אביסעל האט די יוניאן מיט מיה צונויפגעשלעפט. נור קוזמין האט ניט געקענט ארומגעהן לעדיג. דאס „בעלמוטשען" האט זיי ניט געלאזט רוהען. דער „תכלית" האט געפיקט אין געהירען און גענאגט דאס הארץ ווי א שלעכטער ווארים.

— וואס וועט זיין דער תכלית פון דעם בעלמוטשען? — האט איינער אין דער שטיל געפרעגט דעם אנדערען.

— און וואס פאר א תכלית האסטו ביים אנקעל אין שאפ? פאר'ן טרוקענעם שטיקעל ברויט — דאס איז דער תכלית.

— מילא, מן הסתם, ווייסט דאך אז קהל הייסט אזוי — קהל ווייסט וואס עס טהוט.

נור קוזמין האט דערווייל ניט בעלמוטשעט. איינער האט זיך דערווייל אנגעגרייט א שטיקעל יענע וועלט און אריינגעכאפט א יום תהלים; אן אנדערער וואס האט געקענט אביסעל לערנען — א פרק משניות; גאר די פראסטע און די עם־הארצים האבען געכאפט א קערטעל ביי דער טהיר פון שוהל, און די עלטערע האבען געהאט תרעומות: אין א מקום קדוש! האבען די אינגערע גע'טענה'ט: עס איז א סטרייק האלל.

קוזמין האט זיך ארומגעדרעהט פראנק און פריי און האט גאר ניט געטהאן; קוזמין האט דערווייל בעקענט זיך מיט זייערע ווייבער און קינדער, אויף וואס זיי האבען קיין צייט ניט געהאט ווען זיי האבען געארבייט; קוזמין האט דערווייל ארומגעשפאציערט,

אבגעגעבען זיך מיט הויז־זאכען, צורעכט געמאכט זייערע אייגענע קליידער, אבער קוזמין איז ניט צופריעדען געווען.

— געוואלד, יוסף, וואס ציהט עס זיך אזוי לאנג? וואס וועט זיין דער תכלית?

און טשארלי'ס „פאפולאריטעט" ביי די קוזמינער לאנדסלייט האט אנגעהויבען ביסלעכווייז צו פאלען. וואס לענגער עס האט זיך געצויגען דער סטרייק און מען האט קיין רעזולטאטען ניט געזעהן, האבען די קוזמינער לאנדסלייט, ווי אמאל זייערע עלטערען אין דער מדבר, אנגעהויבען צו „מורמלען" אויף טשארלי'ן:

— וואס וועט זיין דער סוף? אלטע אידען לאזען זיך פיהרען פון א אינגעל; הע, שעהן זעהען מיר אויס.

סעם איז דערווייל אויך ניט געשלאפען. סעם האט פעררופען א משפחה־ראטה, געשיקט נאך דעם קאזין מאנעס, וועלכער איז א „דעמאקראט", מיט'ן קאפ פון די פאלים, און זיך מיט איהם אן עצה געהאלטען. מען האט צונויפגערופען די נאהענטע משפחה, און זיי געשיקט אין געהיים צו די לאנדסלייט אהיים. צוערשט איז מען געגאנגען צו די בעקאנטע, וואס מען קען פון דער היים, וועלכע דער אנקעל האט אם מעהרסטען טובות געטהאן, און געמאכט מיט זיי א שמועס:

— וואס זאגט ער אייך צו, טשארלי, ער וועט פאר אייך א שאפ עפענען? נו, לאמיר זעהן. וואס ווייזט ער ניט וואס ער קען? וואס לאזט ער אייך הונגערען? אז ער האט אייך פון דער ארבייט ארויסגענומען, פאר וואס גיט ער אייך ניט א לעבען צו מאכען? ער עסט, ער נעהמט ווייזדזשעס פון דער יוניאן. פאר וואס סטרייקט ער ניט? ער סטרייקט ניט, אייך הייסט ער סטרייקען.

און די לעצטע ווערטער האבען איבערצייגט. ס'האט ניט לאנג געדויערט און סעם'ען מיט'ן קאזין מאנעס איז געלונגען צו געווינען א טהייל פון די לאנדסלייט צו דער ארבייט. ניט דער הונגער, ניט די נויט האט דא געזיעגט, נור קוזמין האט ניט געקענט בעלמוטשען. איז ניט געוועהנט געווען ארומצוגעהן לעדיג און האבען געבענקט נאך דעם שאפ.

צומארגענס אין דער פריה, אז טשארלי איז אריינגעקומען אין די חברה שלחן־ערוך אנשי קוזמין, האט ער געטראפען די חברה

בעלעגט מיט ווייבער פון די סטרייקענדע לאנדסלייט. קוים האבען זיי איהם דערזעהן, זיינען זיי צו איהם צו, און חנה־ראזע, שלמה'לע דארפס־געהער'ס ווייב, האט זיך אויסגעשטעלט אוים'טענה'ן פאר אלעמען:

— ווער האט דיר געבעטען, איך בעט דיר, אז דו זאלסט זיך פאר אונז אננעהמען? אז דו האסט צו טהאן מיט'ן אנקעל צוליעב א שידוך, א כלה, וואס ער האט ביי דיר אוועקגענומען — דארפען מיר ליידען דערפאר, אויסגעהן מיט אונזערע קינדער פאר הונגער? וויפיעל האסטו גענומען דערפאר?

— פאר וואס?

— אום דו זאלסט זיי, די אלטע נאראנים, פון וועג אראבפיהרען.

— ניין, דו פרעג איהם בעסער, פאר וואס סטרייקט ער ניט? אונז הייסט ער סטרייקען. פאר וואס סטרייקט ער ניט — האט א צווייטע אידענע געשריען.

— פון וואס זאל איך סטרייקען?

— פון די יוניע פאר וואס סטרייקסטו ניט? פאר וואס הייסטו אונז סטרייקען?

— אבער איך האב דאך ניט צו וואס צו סטרייקען, איך אר־בייט דאך ביי קיינעם ניט. איך ארבייט דאך ביי מיר אליין. ביי וועמען זאל איך סטרייקען? — האט טשארלי געלאכט.

— דו הערסט, ער אליין סטרייקט ניט, אונז הייסט ער סטריי־קען.

— וואס רעדט איהר מיט איהם? ווער איז ער אין גאנצען. וואס ער וואגט זיך אנטקעגענצושטעלען געגען דעם אנקעל? און מיר, אלטע אידען, לאזען זיך פערפיהרען פון אזא שנעק, פון אזא אינגעל!

— קומט, אידען, קומט. די הענד דארפען מיר קושען דעם אנקעל, אז ער זאל אונז צוריקנעהמען. געהערט א מעשה?

און שוין האבען זיך די קוזמינער לאנדסלייט געוואלט ארויס־לאזען פון דער חברה. טשארלי איז געשטאנען אין מיטען א פרעמדע וועלט — און ער האט ניט פערשטאנען וואס צו זאגען זיי. ער האט יא פרובירט עפעס רעדען, ווענען אויסהאלטען, וועגען א בעסער לעבען, וועגען א גערעכטליכע ארדנונג, נור די אידען האבען

איהם ניט געהערט. געלאכט הינטער איהם. און א אידענע האט גע־רופען צו איהם:

— דו בעזארג זיך צוערשט אז דו זאלסט ניט געהן מיט אבגעהאקטע אבצאסען און מיט אז אבגעריבענעם הינטען, דערנאך וועסטו די וועלט פערזארגען. מייגע פערזארגער...

טשארלי האט פערצווייפעלט. עס איז געווען זיין אמביציע, זייט ער האט זיך אינטערעסירט מיט ארגאניזירען ארבייטער, צו אר־גאניזירען אנקעל מאזעס׳ שאפ, דעם שאפ אין וועלכען זיין פאטער, זיין משפחה און זיינע אלע לאנדסלייט זיינען געווען פערשקלאפט. ער האט עס געהאלטען פאר זיין חוב, פאר אמעריקא, פאר די ארביי־טער בעוועגונג, אלס א קינד פון זיין פאטער, צו ארגאניזירען אנקעל מאזעס׳ שאפ. און מיט אמאל האט ער געזעהן זיין ארבייט פון חדשים און יאהרען צו־נישט. ער האט פרובירט אויסנוצען זיין גאנצע רעדנער־קונסט, זיינע אידעען און זיינע איבערצייגונגען, און ער האט דערצעהלט קוזמין וועגען די גרויסע פערברידערונג אין וועלכער זיי טרעטען אריין, אנשליסענדיג זיך אין דער יוניאן מיט די וועלט־אר־בייט. נור קוזמין האט געקוקט אויף איהם מיט שפאט און מיטלייד. די פערברידערונג האבען זיי איבערגעלאזט פאר איהם. זיי האבען מורא געהאט פאר דער פרנסה.

נור אין דעם האט זיך אויפגעהויבען ר׳ אהרן זשאבלינער. ר׳ אהרן זשאבלינער איז געווען טשארלי׳ס פאטער׳ס א חבר פון דער היים. ביידע האבען זיי בעלאנגט צו איין חסידים־שטיבעל אין דער היים, און דערנאך, ווען טשארלי׳ס פאטער איז אהיים געפאהרען שטארבען, האט ר׳ אהרן איבערגענומען זיין שטעל. ער האט גע־דרשנ׳ט יעדען שבת אין דער חברה שלחן־ערוך אנשי קוזמין, געלערענט מיט די אידען מדרש שבת פארנאכט, און שמחת־תורה פאר זיי גע־לייענט דעם מדרש פון משה רבינו׳ס טויט. ר׳ אהרן זשאבלינער האט פערנומען ביי זיי דעם ארט פון א שטיקעל דיין, און די קוז־מינער לאנדסלייט, וועלכע האבען איהם געקענט אלס למדן און פרו־מען אידען פון דער היים, האבען פאר איהם דרך־ארץ געהאט. דע־ריבער האבען זיך אלע איינגעשטילט און אויסגעהערט וואס ר׳ אהרן האט צו זאגען.

— עס איז דאך פונקט אזוי, ווי די אידען ביי יציאת מצרים — האט ר' אהרן אנגעהויבען מיט זיין דרשה־ניגון, מיט וועלכען ער פלעגט יעדען שבת האלטען זיין מדרש־דרשה — אז משה רבינו האט די אידען פון מצרים ארויסגעצויגען — הויבט זיך אן ר' אהרן צו שאקלען — שטעהט אין דער תורה הקדושה אזוי געשריבען: האט ער זיי אין מדבר געפיהרט. און ווי זיי זיינען אין מדבר געקומען, נאך קריעת ים־סוף און אנדערע גרויסע נסיונות, אזוי האבען די אידען אנגעהויבען צו בענקען נאך די טעפ פלייש וואס זיי האבען אין מצרים געהאט ביי פרעה'ן. האבען זיי אנגעהויבען צו מורמלען אויף משה רבינו, און האבען געזאגט: לאמיר זעצען אן עלטסטען און לאמיר צוריקקעהרען נאך מצרים. אזוי איז אויך דא. קוים מיט צרות און גרויס מאַטערניש זיינען מיר אוועק פון אנקעל, פרעה, און פון זיין נוגש סעם, וואס ארבייט מיט אונז עבודת פרך, ווי די אידען אין מצרים, און משארלי געהט אויסארבייטען פאר אונז אן אחדות, וואס דאס זאל זיין א חזוק, א תקון רבים, אז מען זאל מיט אונז אזוי שווער ניט ארבייטען, וואס דער יונג סעם, ימח שמו, ארבייט מיט אונז, וואס איז שווער אריבערצוטראגען; און קוים זיינען מיר שוין באלד אויסגעלייזט, נאך אביסעל אריבערצוטראגען דעם צער פון הונגער איידער דעם צער פון בושות און פון עבודת פרך—פערבענקט איהר זיך נאך די טעפ פלייש און זאגט: לאמיר זעצען אן עלטסטען און צוריקקעהרען צום אנקעל. נאר דארטען אין מצרים האט עס דער ערב־רב געזאגט, און דא זאגט איהר עס אלע. זאג איך אייך, ווי דער מדרש זאגט אויף די אידען אין מצרים: איהר אלע וועט אויסשטארבען אין מדבר, ווי דער ערב־רב, און וועט ניט די זכיה האבען אריינצוקומען אין „ארץ“ אריין — ווייל איהר זייט ווי דער עבד כנעני, וועלכער זאגט: אהבתי את ארוני — איך האב ליעב מיין האר...

א שרעק איז אנגעפאלען אויף קוזמין, און א שעהמעדיגקייט האט ארומגענומען די אידען. זיי האבען זיך געשעהמט איינער פאר'ן אנדערען צו קוקען אין די אויגען אריין. עס האט זיך מיט אמאל אויפגעוועקט אין זיי די אלטע אויסגעהאלטענקייט פון אידישען פאלק. דער אלטער קשי־עורף, וואס האט זיך ארויסגעוויזען שטענדיג ווען עס האט זיך געהאנדעלט אום עפעס ערנסטעס. עס איז מיט אמאל פערשוואונדען די שרעק פאר דער פרנסה; אוועק איז די וואכעדיגקייט

פון „תכלית“ וואס האט אזוי געפיקט זייערע מוחות און גענאגט זייערע הערצער. די קוזמינער לאנדסלייט האבן מיט אמאל דער־פיהלט א גאנץ אנדערען טעם אין קאמפף מיט אנקעל מאזעס. אז עס איז נים בלויז א קאמפף פאר א שטיקעל ברויט און א לעפעל זופ. נור אז עס איז א קאמפף פאר מעבדות — לחירות. און די אלטע קאמפפס־לוסטיגקייט פאר יעפעס ערנסטעס און וויכטיגעס האט זיך אויפגעוועקט אין אידישען בלוט פון די קוזמינער לאנדסלייט. און שלמה'לע דארפס־געהער האט זיך געגעבען א רוף אן פאר אלע:

— אידען, מיט מיר! קומט, מיר וועלען ארויסטרייבען די לאנדסלייט פון שאפ. אז ניט ארבייטען — זאל קיינער ניט אר־בייטען.

— שלמה, וואו געהסטו? איך וועל דיר ניט לאזען! — האט חנה־דאזע געשריען, אנכאפענדיג שלמה'ען פאר'ן לאץ.

— סטופיי, סטופיי אהיים. אידען, קומט!

און די לאנדסלייט האבען זיך ארויסגעלאזט בעלאגערען דעם אנקעל'ס שאפ.

---

.6

סעם האט זיך געריכט אויף די לאנדסלייט, און ער האט גע־מאכט אלע פארבערייטונגען זיי צו עמפפאנגען. ער האט זיך געזעהן מיט'ן קאזין מאנעס, דעם „אגיטאטאר“. קאזין מאנעס איז א דעמא־קראט, וואס רייסט זיך אוים דעם האלז פאר די פארטיי אין צייט פון די עלעקשאנס, און בעהענגט זיינע פענסטער מיט די פיקטשורס פון די קאנדידאטען פון זיין פארטיי פאר די עלעקשאן, און מיט ברומס און מיט סיינס „אי טאלד יו סא“ נאך די עלעקשאנס. דורכדעם איז ער א גאנצער „פאניבראט“ מיט'ן דזשאדזש, מיט'ן „טשיעף“ און מיט אלע קעפ פון זיין דיסטריקט. און ווען נור עס מאכט זיך טראבעל אין דער משפחה, לויפט מען צום קאזין מאנעס. איז סעם אויך יעצט אוועק צום אגיטאטאר. מאנעס האט אפילו וועניג וואס געהאלטען פון אנקעל, און וועניג וואס געהאט פון רייכען פעטער, נאר דער־

הערענדיג, אז דעם אנקעל'ס ביזנעס שטעהען אין געפאהר, און אז די „סאשעליסטס" ווילען רואינירען דעם אנקעל, האט זיך אין איהם ערוועקט דער משפחה־געפיהל. די גאנצע משפחה פון אנקעל האבען זיך נעגרויסט מיט'ן אנקעל'ס פערמעגען, און געהאלטען עס פאר א „האנאר" ווען זיי האבען עפעס געקענט טהאן פאר'ן אנקעל. מאנעס איז אוועק צום משיח און דערצעהלט פון די „טראבעל־מאכערס", און דער „משיח" האט געשיקט א „גענג" צו עמפפאנגען די לאנדס־לייט.

אז שלמה'לע דארפס־געהער מיט די לאנדסלייט זיינען אנגעקו־מען פאר די אלט־בעקאנטע שאפ פון אנקעל, אין וועלכער זיי זיינען אבגעזעסען טאג־איין, טאג־אויס זייט זיי זיינען אין אמעריקא, האט זיי עמפפאנגען א גאסען־פרוי, וועלכע איז פון ערגעץ־וואו ארויס און ארומגענומען שלמה'לען.

שלמה'לע איז דערשראקען געווארען. ער האט זיך געוואלט ארויסמאכען פון דער פרוי'ס ארעמס און אריין אין סטאר מיט די לאנדסלייט אראבנעהמען די ארבייטער. נור די פרוי האט איהם פעסט געהאלטען ביים ארבעל און געשריען:

— פאלים, פאלים, ער האט מיך בעליידיגט!

מיט אמאל זיינען ארויס פאלים, מיט קלאבס אין די הענד, ציוויל־געקליידעטע דעטעקטיווס און פערדעכטיגע פרויען, וועלכע האבען געריסען די אלטע אידען ביי די בערד, ביי די פאות.

— וואס איז געשעהן? — האט דער קאפ געפרעגט.

— ער האט מיך בעליידיגט, ער האט מיר אנגעבאטען א שענד־ליכע זאך — האט די פערדעכטיגע פרוי געשריען, האלטענדיג ביי די קלאפעס דעם ארימען שלמה'לען, ביי וועמען די פאות האבען גע־ציטערט פאר שרעק.

און דאס איז געווען דער סיגנאל. באלד זיינען געפלויגען קלאבס איבער די קעפ פון די לאנדסלייט. אייניגע זיינען געלאפען, איבערלאזענדיג ווער א פאה, ווער א שטיק בארד אין די הענד פון די גאסען־פרויען; טהייל זיינען אבגעקומען מיט צוקלאפטע קעפ, מיט ביילען אויפ'ן פנים; אנדערע, מיט שלמה'לען אין דער שפיץ, זיינען געווארען אבגעפיהרט צובלוטיגטע אין פאלים־סטיישאן בעגלייט פון

פאלים און גאסען־פראַזען, מיט זידלערייען און קלעפּ. אין א פערטעל שעה ארום איז שוין קיין זכר ניט געבליבען פון די לאנדסלייט, און פאר'ן אנקעל מאַזעס' שאפּ איז געווען שטיל און רוהיג, אויסער נור וואס שטיקער פון העמט און שטיקער קאפּאטע האט זיך ארומגע־וואלגערט אין דער בלאָטיגער גאס.

אנקעל מאַזעס איז געווען אין סטאר ווען די מהומה איז פאר־געקומען. ער האט צוגעזעהן וואס עס קומט פאר אין דרויסען. עס זיינען געווען זיינע לאנדסלייט, זיינע קינדער־חברים און קינדער־פריינד, וועלכע מען שלאָגט אין דרויסען פאר זיין סטאר אזוי אונדער־בארעמדיג. עס איז געווען שלמה'לע דארפס־געהער, זיין חדר־חבר, מיט וועלכען ער איז נאך היינט אויף „דו", וועלכען מען האט גע־שלעפּט א צובלוטיגטען אין פאלים־סטיישאן; ר' אהרן זשאבלינער, זיין רבי, א איד פאר וועלכען ער האט נאך דרך־ארץ ביז היינטיגען טאג, וועמען מען האט געריסען פאר די פאות. קיין אנדערע פריינד און קיין אנדער משפחה האט ער ניט געהאט אויסער די, וועלכע מען האט אזוי אונדערבארעמדיג בעהאנדעלט פאר זיין טהיר, צוליעב איהם, און ער האט ניט פערשטאנען ווי אזוי דאס איז געשעהן. ער האט זיך קיינמאל ניט געקענט פארשטעלען, אז עפּעס אזעלכעס זאל פאסירען. עס האט זיך איהם געדאכט, אז ער אליין איז געווען צוויי־שען די לאנדסלייט וואס מען האט געשלאגען. גאנץ קוזמין איז דארט געווען. ער איז צוגעלאָפען צו סעם'ען, וועלכער איז געשטאנען א בלייכער און געציטערט מיט די נאַז־לעכער.

— וואס טהוט מען דא ביי מיר? וואס טהוסטו? ווער האט דיר געהייסען? — סטאפּ! די מינוט סטאפּ!

סעם האט אויפגעהויבען אויף איהם די אויגען. אין די אויגען איז געלעגען א בליק וועלכען דער אנקעל האט ביי קיינעם ניט גע־זעהן, נור אנדערע האבען עס ביז איצט געזעהן אין דעם אנקעל'ס אויגען:

— אנקעל, מישט זיך ניט אריין, פּליעז.

— ווער זאל זיך ניט ארייִנמישען? איך בין דא דער באס!

— אז איהר זייט דער באס, אלל־רייט; צאהלט מיר אדויס מיין טהייל וואס איך האב אין די ביזנעס, און איך וועל אליין פיהרען ביזנעס ווי איך פערשטעה.

דער אַנקעל האָט זיך געשראָקען. צום ערשטען מאָל האָט ער עס אַזוי קלאָהר דערפיהלט, אַז איבער זיין קאָפּ איז אויסגעוואַקסען אַ מאַכט. ער האָט זיך געשראָקען צו בלייבען אַליין, ער האָט זיך געשראָקען פאַר דער ענערגיע און קראַפט וועלכע האָבען אויסגעשפּראָצט פון סעמ'ס אויגען און פּנים — און ער האָט דערפיהלט זיין שוואַכקייט.

— אָבער וואָס טהוסטו, סעם? מענשען שלאָגען? — האָט דער אַנקעל איינגעהאַלטען זיין כעס.

— ביזנעס! — האָט סעם אָבגעענטפערט איין וואָרט.

— אָבער לאַנדסלייט, משפּחה?

— אויס משפּחה, אויס לאַנדסלייט, אַנגעשטעלטע ארבייטער. איך'ל ניט געהן מיט זיי אין שוהל און איך וועל זיך ניט אוועקזעצען דערצעהלען מעשיות פון דער היים. איך קען ניט קיין משפּחה. ביי מיר דאַרף מען אַרבייטען, אַז ניט —

דער אַנקעל האָט נאָך געפּרואווט עפּעס רעדען:

— אָבער, סעם —

— אַנקעל, אי עם טאַירד אָוו איט! — האָט איהם סעם איבערגעשלאָגען. איך האָב מיין וועג אין ביזנעס ווי צו פיהרען, דער אַנקעל האָט זיך געהאַט זיין וועג, און איך וויל ניט אַז מען זאָל מיר קומען שטערען. און איך וועל זאָגען דעם אַנקעל דעם אמת: פיילייכט וואָלט בעסער געווען, אַז מיר זאָלען זיך צושיידען. איך וויל אָנהויבען טהאָן פאַר מיר אויך עפּעס. שוין צו לאַנג געווען אַלץ ביי יענעם. איך וויל עפּעס אָנהויבען אויף מיין אייגענער ריזיקע.

דער אַנקעל האָט שוין געשוויגען. ער איז בלייך געוואָרען און טרויעריג. אָן איינזאַמקייט האָט איהם אַרומגענומען. עס האָט זיך איהם געדאַכט, אַז גאַנץ קוזמין איז פערשעהמט געוואָרען, אַרויסגעוואָרפען געוואָרען אויף דער גאַס, און ער אין איינעם מיט זיי.

ער האָט פערלאָזט די סטאָר אָהן אַ וואָרט צו רעדען, און איז אַהיים געגאַנגען. ער האָט געוואָלט דערצעהלען מאַשאַ'ן דעם עגמת נפש וואָס ער האָט געהאַט, און געבענקט נאָך אַ טרויסט, עס זאָל איהם ווער זאָגען אַ גוט וואָרט.

ער האָט געוואָלט זעהן זיין קינד און עס קושען און פרעהען זיך דערמיט, ווי יעדעס מאָל ווען ער האָט פערדרוס, בערוהיגט איהם זיין

פאמיליען לעבען. ער האט אבער געפונען דאס קינדער־צימער, וואו מאשא איז מיט'ן קינד, פערשלאסען, און ראזע, די מאמע, האט צו איהם געוואונקען:

— מאזעס לאזט זי אליין יעצט. זי איז אויפגערעגט.

דורך דער טהיר האט ער געהערט מאשא'ס שלוכצען.

— וואס וויינט זי? וואס איז געשעהן? — האט זיך דער אנקעל דערשראקען.

— זי קלאגט אויף די לאנדסלייט; זי האט געהערט מען האט זיי געשלאגען. זי וועט זיך באלד בערוהיגען.

— מאשעלע, מאשא דיער, פליעז, מאשא! — האט זיך דער אנקעל געבעטען הינטער דער טהיר.

מאשא האט איהם ניט אבגעענטפערט. זי איז געלעגען אין קינדער־צימער, איינגעגורעט דאס פנים אין קינד'ס קישען און האט געוויינט. זי האט יעצט אלעמען געהאסט, ניט נור בלויז איהר מאן און סעם'ען — נור איהר קינד, וואס איז ארויסגעקומען פון זיי, האט זי אויך געהאסט. זי האט זיך געהאסט, וואס זי האט זיך פערקויפט צו זיי פאר א שטיקעל ברויט, און איהר פאטער און מוטער, וואס האבען זי געטריבען דערצו. איהר יוגענד איז אויפגעשטאנען פאר איהרע אויגען, מיט דער ארימער האפקינס סטריט, און איהר האט זיך געדאכט, אז גאר ניט האט זיך געענדערט דורך דער צייט; אז זי איז אויך איינע פון די לאנדסלייט, וועלכע זיינען פערשקלאפט ביים אנ־קעל אין שאפ און זיינען איבערגעגאנגען אין סעם'ס מאכט. סעם איז דער באס איבער די לאנדסלייט, און אויך איבער איהר. אינאיינעם מיט זיי איז זי איבערגעגעבען געווארען אין סעם'ס הענד, אלס דעם אנקעל'ס ירושה. אין דעם קאמפף פון די לאנדסלייט געגען דעם אנ־קעל האט זי געזעהן איהר אייגענעם קאמפף. זי וויל זיך אויך בע־פרייען מיט אלע לאנדסלייט צוגלייך פון אנקעל מאזעס און פון סעם'ען. און אויף דער גאס, פאר'ן אנקעל'ס שאפ, האט מען אויך זי געשלאגען. סעם האט זי געשלאגען פאר'ן אנקעל אינאיינעם מיט אלע לאנדס־לייט. זי סטרייקט אויך, זי וויל העלפען געווינען דעם קאמפף, דעם גרויסען קאמפף, צו בעפרייען זיך פון אנקעל און פון סעם'ען אינאיינעם מיט אלע לאנדסלייט...

זי האט זיך אויפגעכאפט פון געלעגער, צוזאמענגענומען איהר ציערונג, וואס דער אנקעל האט איהר געשאנקען, די פערל און די בלויע שטיינער — אלצדינג וואס זי האט געקענט צונויפנעהמען אין געלד און ציערונג, געמאכט דערפון א פעקעל, זיך איינפאך אנגע־קליידעט און איז ארוים אין צווייטען צימער אריין.

— מאשא, עס איז ניט מיין שולד, איך האב עס ניט געוואלט. איך קען ניט העלפען! — האט דער אנקעל געקוקט אויף איהר מיט בעטענדע אויגען.

א פעראכטונג האט זי ארומגענומען צו דעם אנקעל. גאר ניט האט זי פערמאגט אין איהר הארץ צו איהם, אויסער נקמה, דאס זיסע געפיהל, אז דאס לעבען נעהמט נקמה פון איהם. זי האט איהם אנגעקוקט מיט פעראכטונג און אויסגערופען:

— איך האב דיר פיינט; איך האב איך אלעמען פיינט:

— פאר וואס? — האט דער אנקעל אויסגעשטרעקט נאך איהר די הענד.

— אבער וואוהין געהסטו, טאכטער? — איז איהר די מוטער נאכגעלאפען.

זי האט זי גאר נישט אבגעענטפערט.

דער אנקעל איז אליין איבערגעבליבען.

האלב אין טונקעלען האט די איינזאמקייט אנגעהויבען צו קרי־כען צו איהם פון די ווינקעלעך פון די צימערען. ער האט זיך פאר עפעס וואס געשראקען — ער האט ניט געוואוסט פאר וואס. עס האט זיך איהם געדאכט, עפעס וואס קומט נאהענט צו איהם. נור אין קינ־דער־צימער האט זיך געהערט דאס קינד'ס געוויין און דער אם'ס געזאנג, און ער איז אריין זוכען טרייסט און פרייד ביי זיין אייגען בלוט און פלייש...

## 7.

### אויף דער צווייטער זייט.

מאשא האט געזוכט טשארלי'ן אין דער היים ביי דער מוהמע. טשארלי איז ניט געווען אין דער היים, און די מוהמע, וועלכע האט מאשא'ן געזעהן צום ערשטען מאל זייט מאשא איז א ווייבעל געווארען, האט זי אויפגענומען קאלט און שווייגענדיג. מאשא האט ניט פערשטאנען פאר וואס. פון דער מוהמע איז מאשא געוואהר געווארען, אז זי קען געפינען טשארלי'ן אין די „העדקווארטערס" פון די סטרייקערס, אין די „קאנגרעגיישאן שלחן ערוך אנשי קוזמין", אין דער חברה, פון וועלכע דער אנקעל איז פרעזידענט. מאשא איז געגאנגען מיט איהר פעקעל ציערונג וואס זי האט געטראגען צו די סטרייקענדע לאנדסלייט, צו דער קאנגרעגיישאן. ארום דער קאנגרעגיישאן האט זי שוין אנגעטראפען די ווייבער מיט די קליינע קינדער אויף די הענד, וועלכע זיינען געקומען צו לויפען הערענדיג פון דער „טרעוואגע" וואס איז געווען ביים אנקעל'ס שאפ.

אין די ווייבער פון די קוזמינער לאנדסלייט האט זיך געפיהלט אן ענדערונג. זייער קאמפפס-לוסטיגקייט האט געשטיגען נאך דעם, וואס עס איז פארגעקומען פאר'ן אנקעל'ס שאפ. געזעהן זייערע מענער צוריק אהיים קומענדיג פון קאמפפס-פעלד, ווער מיט א צובלוטיגטען קאפ, ווער מיט אויסגעריסענע פאות אדער אויסגעפליקטע בארד, האט זיך אין זיי ערוועקט אזא רעוואלוציאנערער נייסט, אז זי' זיינען גרייט געווען די מינוט צו צולויפען צום אנקעל'ס שאפ און איבערנעהמען דעם קאמפפס-פעלד פון וועלכען זייערע מענער זיינען אזוי שענדליך פון'ם „פיינד" אראבגעטריבען געווארען. א. זיי האבען שוין ניט געשיקט צוריק זייערע מענער צו דער ארבייט צו „פרעה'ן", האבען שוין ניט געהייסען זייערע מענער, אז זיי זאלען פאר'ן אנקעל'ס פיס פאלען, אז זיי זאלען סעם'ס הענד קושען. פערקעהרט, זיי האבען געשראקען זייערע מענער, אז זיי וועלען גיסען איבער זייערע קעפ מיט טעפ זודיגע וואסער, ווען זיי וועלען וואגען דעם אנקעל'ס שוועל איבערצוטרעטען.

— דו קענסט דיך שוין זוכען אן אנדער היים, אן אנדער ווייב, אז דו וועסט מיר וואגען צום אנקעל צו געהן — האט א אידענע גע־מאכט מיט'ן פינגער אויף דער נאז צו איהר מאן.

— און אלצדינג וואס טשארלי וועט דיר הייסען זאלסט דו טהאן — דו הערסט — טשארלי ווייסט וואס ער האט צו טהאן, אוי ווייסט ער, א געזונד אין זיין קאפ.

און טשארלי איז צוריק געווארען דער „משה" וואס געהט די אידען בעפרייען פון „פרעה מלך מצרים" און פון אונטער זיין שווערען יאך. טשארלי איז ווידער געווארען דער אויסלייזער, דער בעפרייער פון די קוזמינער לאנדסלייט.

געהערט, אז א „לידי" פרעגט זיך נאך אויף די קוזמינער לאנדס־לייט, איז געווארען א רעש, די פרויען האבען ארומגערינגעלט מאשא'ן און באלד האט זי איינע דערקענט.

— יא, זי איז דאך דעם אנקעל'ס ווייבעל, מאשא, דעם הויכען אהרן'ס מאכטער.

— פערשטעהסט שוין, זי איז אודאי געקומען רעדען פאר'ן אנקעל — אז זיי זאלען צוריקגעהן צו דער ארבייט — פערשטעהסט שוין — צו וואס זי האט בעדארפט טשארלי'ן.

— אז זי האט זיך פערקויפט צום אנקעל — מיינט זי וועלען מיר זיך אויך אלע פערקויפען.

— וואס עפעס צום אנקעל אליין — און וואו איז סעם? — האט א צווייטע געווארפען א ווארט אין דער שטיל.

מאשא'ס פנים האט געפלאמט ווי פייער פאר בושה. זי האט ניט געוואוסט ווי זיך צו רעטען פון די אויפגערעגטע פרויען וואס האבען זי ארומגערינגעלט, זי האט געפיהלט אז זי איז דער „שונא" פון די לאנדסלייט, צי זי וויל יא, צי זי וויל ניט, אין דיעזער מינוט האט זי נור געקלעהרט ווי אזוי זיך צו ראטעווען פון זיי.

— ווייבער, ווייבער, בערוהיגט אייך, וואס שרייט איהר? — האבען זיי א צוויי מענער, לאנדסלייט, איינגעשטילט און געהאלפען מאשא'ן ארויסנעהמען פון די פרויען.

— טשארלי איז ניט דא, ער לויפט ארום אין די קאורטס צו בעפרייען די לאנדסלייט וואס מען האט ארעסטירט, ער וועט באלד

צוריקקומען, זעצט זיך, מיסעם מעלניק — ער וועט באלד צוריק־קומען.

— ווער איז זי, ווער? — גיב נור א קוק ווי זיי רעדען מיט איהר, וואס פאר א פאראד זיי מאכען פון איהר. נישקשה, איהר פאטער האט אויך הויזען געניהט ביים אנקעל, געווען דער זעלבער קלאגעדיגער אפעריימאר, א גליק האט איהם געטראפען, דער אנקעל האט זיך פער־ליעבט אין זיין טעכטעריל — זעה נור וואס זיי מאכען.

— גאר איינער, אונז אלעמען האט געקענט טרעפען דאס גליק, אז מיר וואלטען געוואלט אונזערע טעכטער חתונה מאכען מיט אלטע לייט.

— צוליעב איהר שפאלט ער דאך אונזערע מענער די קעפ, אז ער זאל זיין שעהן ווייבעל קענען דעם האלז נאכגעבען.

— אודאי, אז מען האט חתונה מיט אן אלטען מאן, לאז באטש דאס חזיר רינגען איבער'ן מויל.

מאשא האט געקוקט אויף די פרויען מיט בעטענדיגע אויגען. זי האט זיי געוואלט זאגען, אז זי איז אויך אזוי אומגליקליך ווי זיי, אז אויך זי „ארבייט" ביים אנקעל — איז פערשקלאפט צו די פירם „מאזעס מעלניק ענד קאמפאניע", ווי זיי, און זי איז אהער געקומען סטרייקען צוזאמען מיט זיי, און צוזאמען מיט די לאנדסלייט צו בע־פרייען זיך פון אונטער דעם יאך פון אנקעל'ס הויז. נור די ווייבער האבען גאר ניט געקענט און גאר ניט געוואלט לעזען וואס ליגט אין די גרויסע פערטרעהרטע אויגען פון דער יונג ווייבעל. זיי האבען געזעהן אין איהר דעם שונא — אז וועלכען זיי האבען געוואלט נקמה נעהמען פאר יאהרען לאנגע פלאגען זיך, פאר לאנגע אלטע בעליידי־גונג און פאר די מענערס צושפאלטענע קעפ.

— גיב נור א קוק וואס פאר „פאראדען" זיי מאכען מיט איהר, דער אנקעל איז קלוג, ער וויל זיי אריינגנארען אין שאפ אריין, האט ער געשיקט צו זיי דאס יונגע ווייבעל. גיב נור א קוק ווי זיי זיינען שטיל געווארען — ווי זיי האבען מורא פאר איהר.

— דער אנקעל האט זי געשיקט? — דאס האט זי סעם אהער געשיקט... זי ווייסט שוין וועמען זי האט צו הארכען.

מאשא האט געפיהלט די ברענענדיגע שטעך־ווערטער, וועלכע די ווייבער שיקען צו איהר, און זי האט עס גענומען אויף זיך ווי

א שטראף. זי איז אין דעם מאמענט גרייט געווען אויף אלצדינג — אלעם אויסצוטהאן פון זיך, אראבצואווארפען פון זיך די שאנדע און די פערשקלאפונג וואס מען האט געווארפען אויף איהר און איבער־בלייבען דא מיט די לאנדסלייט אין די „קאנגרעגיישאן". טהיילען איהר גורל מיט זיי — און זי האט געווארט אויף טשארלי'ן, אז זי זאל איהם קענען אלצדינג זאגען...

איהר בלייבען אין „קאנגרעגיישאן" איז געווארען אונמעגליך. די פרויען זיינען געווארען אזוי ווילד אויפגערעגט, און זייערע ווער־טער אויף איהר חשבון זיינען געווארען אזוי בעליידיגענד, אז זי האט ניט געקענט לענגער דא פערבלייבען — און ווער ווייסט מיט וואס עס וואלט זיך געענדיגט, ווען טשארלי וואלט ניט געווען אנגעקומען.

— העלאו, מאשא — האט זי טשארלי בעגריסט מיט זיין גע־וועהנליכען שמייכעל, ווי ער וואלט זי ערשט נעכטען געווען געזעהן — וואס טהוסט ד ו דא?

מאשא האט איהם געקוקט אין די אויגען אריין. דורך די דריי יאהר וואס זי האט איהם ניט געזעהן, האט זיך טשארלי ווייניג וואס געענדערט; ער איז געווען אזוי קינדיש, ווי דענסטמאל, אויף דעם ברעג ים אין קוני איילאנד, און ניט ווילענדיג האט זי געצויגען א פאראלעל צווישען זיך און איהם, און עס האט זיך איהר געדאכט, אז זי איז דורך דער צייט זיין מוטער געווארען און ער איז אזוי קינדיש געבליבען. די שווארצע הערלאך וואס האבען מיט עקשנות זיך גע־ריסען פון הינטער זיין נאל מעסער אויף זיין פנים, האבען איהם א פאר שווארצע לאנגע שפאנישע באקען־בערד געשאפען ווי צוויי שווארצע פאות. דאס איז געווען די איינציגע ענדערונג, וואס זי האט בעמערקט אין איהם און דאס האט איהם געמאכט אין איהרע אויגען א סקוהל־אינגעל, וועלכער וויל פריה וואנסעס האבען, שווארצט ער זיך זיי מיט סאזשע צו. זיין אנבליק האט אויף איין מינוט געמאכט זי צו פערגעסען צו וואס זי איז אייגענטליך געקומען. עס האט זיך איהר אויסגעדאכט, אז ער האט זיך גאר ניט געענדערט דורך'ן דער צייט ווען זיי האבען זיך געזעהן דאס לעצטע מאל, און ווידער איז זי געקומען צו איהם ווי א יונגע חבר'טע צו א פריינד, ווי אמאל און ער וועט זי נעהמען מיט זיך אויף א שפאציער.

— איך וויל עפּעס רעדען מיט דיר, טשאַרלי — האָט זיך מאַשאַ אָנגערופען אויך מיט איהר געוועהנליך פריינען שמייכעלע, וועלכעס זי האָט זיך געבאַרגט פון דער צייט ווען זי איז נאָך אַ מיידעל גע־ווען. — קום מיט מיר אַרויס.

— איך בעדויער, נאָר דו ווייסט דאָך די סיטואַציע. די אַר־בייטער קוקען אויף יעדער זאַך מיט חשד, און זיי וואָלטען ווייס איך וואָס באַלד אויסגעטראַכט. זיי וואָלטען געמיינט, אַז איך געה זיי פערקויפען, לאָמיר רעדען דאָ.

מאַשאַ האָט זיך דערמאַנט, וואו זי געפינט זיך.

— יעס, דו האָסט רעכט, איך האָב עפּעס געוואָלט רעדען מיט דיר, אפשר אַן אַנדערס מאָל. נאָר יעצט בעט איך דיר, נעהם צו דאָס פּאָר די לאַנדסלייט, דאָס איז אַלצדינג וואָס איך פערמאָג, — האָט זי געוואָלט איבערגעבען טשאַרלי'ן איהר פּעקעל מיט ציערונג.

אָבער טשאַרלי האָט פערשעהמט געשמייכעלט:

— מאַשאַ, יו נאָו, אַליין קען איך ניט צונעהמען. מיר מוזען פרעגען די סטרייק קאָמיטע אויב זיי ווילען צונעהמען.

— יעס, יעס, איך וועל וואַרטען.

טשאַרלי האָט פעררופען אַ פּאָר לאַנדסלייט אין אַ ווינקעל און זיך מיט זיי דורכגערעדט. באַלד איז טשאַרלי צוגעקומען און געזאָגט צו איהר מיט זיין קינדישען שמייכעל:

— אַי עם סאָררי, מאַשאַ, אָבער די אַרבייטער ווילען עס ניט צונעהמען. זיי ליעבען ניט צו נעהמען קיין משאַריטיס, יו נאָו... און דאַן, דיין פּאָזיציאַן, — האָט טשאַרלי אָבגעהאַקט אין מיטען — דו פערשטעהסט, מאַשאַ, מיך פערדריסט.

— ניט קיין משאַריטיס. ס'איז מיין דאָנעישאַן אין סטרייק. איך סטרייק אויך, איך וויל אויך סטרייקען, טשאַרלי, איך וויל אויך זיין מיט זיי, אין איינעם — איך וויל אויך זיין אַזוי ווי זיי — ווי איהר, מיט אייך אין איינעם... און אין מאַשאַ'ס אויגען האָבען זיך בעוויזען טרעהרען.

— וואָס איז מיט דיר, מאַשאַ, פיהלסטו זיך ניט גוט?

— גאָר ניט, האָסט רעכט. יאָ, איך פערשטעה, איך בין דיר אַ פיינד — פון אַ פיינד קען מען ניט צונעהמען קיין דאָנעישאַנס. יאָ,

איהר האט רעכט — עס איז גוט אזוי — גוד ביי, טשארלי, איך דאנק דיר.

— אבער וואס איז מיט דיר? — ווארט א מינוט, איך וועל געהן מיט דיר. איך וועל דיך אהיים נעהמען.

— נו, געה ניט מיט מיר, די לאנדסלייט וועלען האבען א חשד. נו, נו, דו טארסט ניט געהן מיט מיר — איך בעלאנג צו דער אנ־דערער זייט — איהר האט רעכט, גוד ביי, טשארלי! און זי איז ארויס פלינק פון דער „קאנגרעגיישאן".

זי איז אנגעקומען אהיים מיט'ן אבענד צו. אין גאנצען הויז איז געווען טונקעל, נור אויבען, אין דער הויך, אין שלאף־צימער, האט זיך געוויזען ליכט. די פערשיעדענע קאלירטע ליכט־עפעקטען, וועל־כע דער אנקעל האט געלאזט איינריכטען. אויף די שטיגען ארויף האט זי געהערט דעם אנקעל'ס אלטע באסאווע שטימע און שווערען געלעכטער. א מינוט איז זי שטעהן געבליבען אין די אפענע טהיר פון שלאף־צימער און האט ארייגעקוקט. דער אנקעל איז געזעסען אויפ'ן דיוואן און געשפיעלט זיך מיט די הענטלעך פון'ם קינד, וועלכעס איז געלעגען נעבען איהם און דער אנקעל האט געלאכט און געפרעהט זיך מיט'ן קינד, האלטענדיג אין איין קושען זיינע הענטלאך, סמאקטשענ־דיג הויך. דער אנקעל האט זי בעמערקט אין דער טהיר און האט אויפגעפרעהט זיך מיט שטראהלענדע אויגען:

— קום אהער, מאשא, קום אהער, זעה, דאס שנעבעלע וואס עס גריגט — עס ווערט דאך עהנליך צו מיר — „אל בעטש יור לייף", עס ווערט עהנליך צו מיר.

מאשא איז צוגעגאנגען און בעטראכט דאס קינד. אז די שטארקע ענערגישע ליפעלאך, אז דעם לאנג־געשניטענעם נעזעל, אז דעם פעסטען ענערגישען אטהעם, האט זי דערקענט איהם. און דאס רויטע ליכט פון צימער האט זי דערמאנט אז איהר שאנדע, און זי האט זיך גע־פיהלט פון „דער צווייטער זייט".

## 8.

## מענשען, וואס טהוט זיך דא?

די משפחה מעלניק איז געווען פערזאמעלט ביים אנקעל מאזעס אין גרויסען עס־צימער. עס איז געווען שפעט אין אבענד און אלע זיינען געזעסען שטיל און שטום, ווי מען וואלט א טויטען בעוויינט. אהרן מעלניק איז געווען דער איינציגער, וועלכער האט נאך געגעבען צו זיינע געפיהלען אויסדרוק. מיט א צוגעבונדענעם קאפ האט ער זיך ארויף און אראב געדרעהט איבער דער שטוב און געקרעכצט „אוי, טאטע!" די איבעריגע האבען געשוויגען. די מוטער ראזע איז עלטער געווארען און קראנק געווען. און דער אנקעל איז איינגע־בויגען געווארען, און אויף זיין פנים האט זיך ארויפגע'גנב'עט א קינדיש גוט שמייכעלע. ער האט ניט געוויינט, ער האט ניט גע־קרעכצט, נור ער האט ארום זיך געקוקט גוטמוטהיג ווי אן אלט קינד, וואס ער אליין ווייסט גאר ניט, אוןווארט מען זאל איהם געבען אן עצה. אלעמענס אויגען זיינען געווען געריכטעט אויף סעם'ען, דעם איינ־ציגען נאך געזונדען פון אלע אנוועזענדע. זיין בלייבע לאנגע נאז האט דורשטיג געשעפט די לופט. ער האט געאטהעמט שווער, ווי ער וואלט ניט גענוג געשעפט לופט פאר די ענערגיע וואס ברענט אין זיינע אדערען. ער האט געזוכט צו בערוהיגען די משפחה, כאטש ער אליין איז געווען מעהר אונרוהיג און אויפגערעגט פון זיי אלעמען. ער האט נערוועז געביסען די שפיץ נעגעל פון די פינגער און גענויט זיך צו בערוהיגען:

— און איך זאג אייך, אז עס איז גאר ניט געשעהן. איך האלט מיך ביי דאס מייניגע — טשארלי האט אין דעם א האנד. גאנץ איינ־פאך, ער האט זי בעהאלטען, אונז אזוי ארום צו נויטען נאכצוגעבען די ארבייטער. עס איז א גאנץ איינפאכער „קידנעפינג".

ער האט געוואוסט, אז עס איז א „בבא מעשה" וואס ער דער־צעהלט זיי, און ער האט עס אזוי דערצעהלט ניט נור זיי צו בערו־היגען, נור אויך זיך אליין צו בערוהיגען. זיין יונגע ענערגיע און קראפט האט ניט צוגעלאזען, אז עס איז עפעס געשעהן אן אונגליק.

די משפחה האט געוואוסט, אז עס איז בלויז א תירוץ, און אלע האָ־בען געשוויגען ווי פריהער.

דריי טעג איז שוין געווען פארביי זייט מאשא איז פּלוצלונג שפורלאז פערשוואונדען. זי איז ארויס אין סטריט און איז מעהר ניט צוריקגעקומען. סעם מיט'ן קאזין מאנעס האבען געשטעלט די פּאָ־ליציי אויף די פיס, דעטעקטיווס אנגעשטעלט, מען האט זי געזוכט ביי בעקאנטע, ביי פריינד, ביי די סטרייקענדע לאנדסלייט, ביי טשארלי'ס מאמע האט מען אלעס דורכגעווארפען — מאשא איז ניט געווען צו געפינען. אויפ'ן דריטען טאג אז מאשא האט ניט געלאזט הערען פון זיך, האט יעדער איינער ביי זיך געדענקט אין הארצען, אז אן אונגליק איז געשעהן, כאטש ארויסגעזאגט האט מען עס ניט. און די משפחה איז געבליבען זיצען אין גרויסען עס־צימער שפּעט אין אבענד. זיי האבען ניט געוואוסט וואס צו טהאן און האבען זיך ניט געקענט פארנאנדערגעהן.

דערווייל האט זיך אויף דער גאס, פאר'ן הויז, בעוויזען א גע־שטאלט. זי איז שוין איינִיגע מאל צוגעגאנגען צו דער טהיר פון הויז און איז ווידער אוועקגעגאנגען און ערגעץ־וואו פערשוואונדען, אום באלד נאך אמאל זיך צו בעוויזען.

עס איז געווען מאשא. זי האט געצויגען צום קינד, וואס זי האט איבערגעלאזט נאך זיך אין הויז מעלניק. אומזיסט האט זי זיך געפּייניגט אויסצומעקען דאס לעבען, וואס זי האט געלעבט דורך די לעצטע יאהרען, אויסצושניידען עס און אנצוקניפּען איהר לעבען מיט יענע געוועזענע צייט, ווען זי איז נאך א מיידעל געווען. קיין איין טאג ווערט ניט פערפאלען פון א מענשענס לעבען, און יעדע געשע־הענים פון אונזערע טעג פערלאנגט דין וחשבון, יעדע אונזערע טהאט קומט און פאדערט, גאנץ גלייך צי מיר זיינען זי בענאנגען מיט אונזער ווילען, אדער ניט. אומזיסט האט זי זיך געפּרובט איינרעדען, אז עס איז ניט איהר קינד — עס איז דאס קינד פון דער פאמיליע מעלניק, פון די „קאמפּאניע מעלניק“, וועלכעס זי האט אראבגעווארפען פון זיך און איבערגעלאזט נאך זיך איינאיינעם מיט דער קאמפּאני.

אין דעם קליינעם שטיבעל, וואו זי האט זיך אויפגעהאלטען די פּאר טעג אלע א בארדערקע ביי אן ארימער אידענע, וואו זי האט זיך אנגעגעבען פאר א שאפּ־מיידעל, דארט אין דעם קליינעם שטיבעל

איז געקומען דאָס קינד און האָט געפּאָדערט זי צוריק. אַלעס האָט זי פערשטאַנען, אַז דאָס קינד איז אַ רעזולטאַט פון פערשקאַלפּונג, פון געצוואונגנהייט, און זי פּערזענליך האָט דערמיט גאָר ניט צו טהאָן, ווייל עס איז ניט געווען איהר ווילען און אַפילו ניט איהר לוסט — נור דורך אַ טעות, און דורך שוואַכקייט — און יעצט איז אַלעס אויס־געמעקט, אַלעס וואָס דער טעות און די שוואַכקייט האָבען געבראַכט. נאָכדעם ווי זי געהט פעררינכטען דעם פעהלער.

אָבער דאָס אַלעס זיינען געווען ווערטער. די פרייד פון קליי־נעם טונקעלען שטיבעל, די פרייד פון אַרבייטען אין שאַפּ וועלכע זי האָט היינט צום ערשטען מאָל געגאָסען, די פרייד פון איהר איי־גענעם קליינעם פּערזענליכען לעבען וואָס זי האָט זיך געשאַפען דורך איהר ווילען און דורך איהר שטאַרקייט, איז צושטערט געוואָרען. זי האָט ניט געקענט געניסען פון איהר בעפרייאונג. עס האָט זיך איהר געדאַכט, אַז דאָרט האָט זי איבערגעלאָזט אַ האַלב פון זיך, און זי איז ניט אין גאַנצען פריי. און עס האָט זי געצויגען צו ברענגען דאָס קינד מיט זיך אין דער קליינער טונקעלער שטיבעלע אַריין.

זי האָט ניט געוואוסט ווי אַזוי זי וועט עס איינריכטען. גע־פּרואווט געפינען מיטלען, גערעדט מיט דער אידענע, וואו זי האָט גע־וואָהנט, אַז זי וועט צונעהמען דאָס קינד צו זיך. און אויפ'ן דריטען טאָג אין אָבענד, אַהנע צו וויסען ווי אַזוי זי וועט איינריכטען איהר ניי לעבען מיט דעם קינד — איז זי אַוועק אַרויסנעהמען איהר קינד פון דער „קאַמפּאַני" מעלניק צו זיך.

אַ פּאָר מאָל איז זי שוין געווען ביי דער טהיר און צוריקגע־גאַנגען. זי האָט ניט מורא געהאַט פאַר שוואַכקייט. נור איהר קליי־נער מיידעלשער קאָפּ האָט ניט געקענט געפינען קיין פּראַקטישען פּלאַן ווי אַזוי איינצואָרדנען דאָס נייע לעבען מיט דעם קינד. נור דאָס קליינע מאַמע־האַרץ האָט ניט געוואָלט וויסען וועגען דעם. וואָס דער קאָפּ איז נאָך ניט פערטיג מיט זיין פּלאַן און האָט געהאַנדעלט אימ־פּולסיוו. פּלוצלונג אַנגעקלונגען אין דער טהיר — און מאַשאַ איז אַריין אין גרויסען עס־צימער, וואו עס איז געזעסען איהר משפחה שפּעט אין אָבענד און האָט זי בעוויינט.

זי איז געווען בלייך, מיט נאַסע פערקעמטע האָאָר, אויסגע־מוטשעט פון פּייניגען זיך, נור אַ שיין פון רוהיגקייט וועלכער קומט

פון אַ טיעפען שלום מיט זיך, איז געלעגען אויף איהר פּנים, און איהרע גרויסע אויגען זיינען קלאָהר געווען. זי האָט זיך אויף קיינעם ניט אָב־געשטעלט, קיינעם ניט געזעהן, נור איז גלייך צוגעגאַנגען צו דער טרעפּ וואו די קינדער־שטוב האָט זיך געפונען אין דער הויך.

אַלע זיינען געבליבען זיצען ווי צוגעשמידט צו זייערע ערטער און דערשראָקען.

דער אַנקעל איז געווען דער ערשטער וואס האָט אויסגעשריען:

— מאַשאַ, מאַשאַ לעבען! — האָט זיך אין זיין שטימע גע־הערט טרעהרען, און ער איז צוגעלאָפען צו איהר, מיט געוויין און פרייד אין פּנים און עס האָט אויסגעזעהן ווי ער פאַלט אויף די קניען פאַר איהר.

— מאַשאַ, מאַשאַ! — האָט דער פאָטער געשריען נאָכ'ן אַנקעל.

נור די מאַמע האָט זייביידען צוריקגעהאַלטען מיט ווינקען און מיט מאַכען מיט די הענד:

— לאָזט זי אָב, געדענקט אין גאָט, לאָזט זי אָב.

סעם האָט גאָר ניט געזאָגט. ער איז נור בלייך געוואָרען. זיינע ליפּען האָבען זיך פערקרימט צום וויינען און זיינע גרויסע נאָז־לעכער האָבען נאָך ענערגישער אָנגעהויבען צו שעפּען די לופט.

— מאַשאַ לעבען, עס איז דאָך שוין אַלעס גוט געוואָרען. ער האָט דאָך זיי שוין נאָכגעגעבען די לאַנדסלייט, אַלצדינג שוין נאָכ־געגעבען פאַר דיינעטוועגען — איז דער אַנקעל מיט טרעהרען אין די אויגען און מיט פרייד נאָכגעקראָכען איהר און נאָכגערעדט.

— שווייג יעצט, שווייג — האָט איהם די שווינער געצווינגען ענערגיש ביים אָרבעל.

מאַשאַ האָט גאָר ניט געהערט און גאָר ניט געזעהן. זי איז אַרויף אויף די טרעפּען, וואו די שלאָף־צימער זיינען געווען.

— מאַשאַ — האָט דער אַנקעל איהר געפּרואווט נאָכגעהן אויף די טרעפּ אַרויף.

— געה ניט יעצט, געה ניט, לאָז זי אַליין — האָט איהם די שווי־גער צוריקגעהאַלטען.

אין שטוב איז יעצט ווידער שטיל געווען, נור אַן אַנדער שטיל־קייט. איינער האָט זיך מיט דעם אַנדערען איבערגעקוקט און ניט געוואָלט שטערען די רוהיגקייט, ווי זיי וואָלטען מורא געהאַט פאַר

דער ערשיינונג וואס האט זיך בעוויזען פאר זיי, אז זי זאל ניט פערשווינדען. נאר דער איינציגער, וועלכער האט ניט געקענט איינ־צאמען זיינע געפיהלען, איז ווידער געווען דער פאטער אהרן מעלניק:

— גאט אין הימעל, טאטע, איינציגער פאטער, פאטער — האט ער געהעשעט מיט געוויין.

— אפשר וועסטו שווייגען? שווייג! — האט דאס ווייב גע־שריען אויף איהם.

— לאז מיך וויינען — האט דער איד געזאגט אין טרעהרען און הויך זיך צר־וויינט.

עס זיינען דורך די ערשטע פאר מינוט. די פאמיליע האט זיך שוין אביסעל בערוהיגט. אהרן מעלניק'ס וויינען האט זיי אלעמען בערוהיגט. די מאמע איז געווען די ערשטע, וואס האט געפרואווט ארויפגעהן אויף די טרעפען צו דעם קינדער־צימער. נור פון די טרעפען אראב איז איהר אקעגענגעקומען מאשא מיט דעם קינד אויף די הענד, איינגעוויקעלט אין א קאלדרע, וועלכעס זי האט געהאלטען פעסט צוגעדריקט צו איהר ברוסט.

— טאכטער, וואס איז דאס? — האט די מוטער געפרואווט ארויסנעהמען דאס קינד פון איהרע הענד.

— מאמע! — האט זי די טאכטער צוריקגעהאלטען מיט דעם בליק פון איהרע קלאהרע אויגען.

— מאזעס, קום נור אהער! — האט די מוטער גערופען דעם אנקעל.

— וואס איז ווידער געשעהן? — איז דער אנקעל און דער טאטע שוין דא געווען. נור סעם איז געשטאנען א בלייכער פון דערווייטענס.

מאשא האט זיי אלעמען אויסגעמיעדען און געפרואווט ווייטער געהן מיט איהר קינד אויף די הענד.

— וואוהין געהסטו, מאשא? — האבען אלע געשריען.

מאשא האט זיי ניט אבגעענטפערט און איז ווייטער געגאנגען.

— איך וועל דיר ניט לאזען — האט דער אנקעל זי ארומגע־כאפט, פערשטעלענדיג איהר דעם וועג.

— דו האסט ניט קיין רעכט, פליעז, לאז מיך —

איז שטוב האט געהערשט א טויטע שטילקייט. עס האט זיך

נור געהערט ווי סעס שפעט שארף די לופט און שלינגט דורשטיג דעם אטהעם.

— וואס רעדט זי? וואס זאגט זי? מאשא, וואס געהסטו טהאן? פליעז, בערוהיג זיך, עס איז דאך שוין אלעס גוט. אלצדינג שוין געסעטעלט מיט די ארבייטער, וואס ווילסטו? עס איז דאך שוין אלעס גוט.

— איך וויל ניט דא זיין — לאזט מיך ארויס פון דאנען.

— אבער וואוהין געהסטו? וואס טהוט זיך דא?

— פליעז, לאז מיך! — האט זי זיך ארויסגעריסען פון אנקעל.

— איך וועל דיר ניט לאזען, עס איז מיין קינד — האט ער גע־וואלט ארויסנעהמען דאס קינד פון איהר ארעם.

— עס איז ניט דיין קינד, דו האסט ניט קיין רעכט דארויף.

— ניט מיין קינד? — לאכט דער אנקעל — וועמענס דען קינד איז עס, דו נאריש מיידעל, וואס רעדסטו?

— עס איז ניט דיין קינד, און — פליעז, לאז מיך אב — האט זי געקוקט ערנסט דעם אנקעל אין די אויגען אריין.

דער אנקעל איז בלייך געווארען. ער האט זיך א מינוט ארומ־געקוקט אין שטוב, זיינע אויגען האבען איין מינוט צוריקגעקריגען יענעם גלאנצענדיגען בליק, פאר וועלכען מענשען האבען זיך אזוי געשראקען, און זיין שטים, דעם קלאנג פון מעטאל, און זיינע דיקע בעגאלטע ליפען זיינען בלייך געווארען און אנגעהויבען ציטערין.

— אי דאנ'ט לייק דהיס טאק, איך גלייך עס ניט, פליעז, מאשא — האט ער געזאגט ענערגיש.

— זי איז ניט געזונד, זעהסט דאך, אז זי איז ניט געזונד. לאז זי אב, מאזעס, מען דארף זי לעגען אין בעט אריין. מאזעס, קלינג אן נאך דר. וויינבערג, איך האב מורא דאס קינד איז מיר ניט גע־זונד — איז די מוטער צוגעגאנגען צו מאשא'ן.

— מאמע, פליעז, ער האט ניט קיין רעכט אויף דאס קינד.

— וואס זאגט זי, שווינער? וואס זאגט זי? איך ליעב ניט די ווערטער. וואס זאגט זי? — איך וועל דיר ניט לאזען געהן — איז ער פלוצים צו צו דער טהיר און פערמאכט זי — איך וועל דיר ניט לאזען צונעהמען דאס קינד — און מיט אמאל איז ער ווידער

איינגעקאַרטשעט געוואָרען, זיין פּנים טונקעל, שוואַרץ אונטער די אויגען, און ער האָט זיך אָנגעהויבען צו בעטען:

— וואוהין געהסטו, מאַשאַ לעבען? וואוהין געהסטו? וואָס טהוט זיך דאָ? וואָס זאָגט זי, וואָס? וואָס זאָגט זי? מענשען, וואָס זאָגט זי?

— זי ווייסט דען וואָס זי רעדט? זעהסט דאָך, זי איז ניט געזונד, לעג זי אין בעט אריין.

— מאַמע! — האָט מאַשאַ אויסגעשריען און צוריקגעהאַלטען די מוטער, ניט צולאָזענדיג זי צו זיך.

אַלע האָבען געשוויגען. מאַשאַ איז צוגעגאַנגען צו דער טהיר און געפּרואווט זי עפענען. די טהיר איז געווען פערשלאָסען. זי האָט זיך ארומגעקוקט און איז דאַן צוגעגאַנגען צום אָנקעל מיט רוהיגע טריט און האָט צו איהם געזאָגט:

— דו האָסט מיך ניט וואָס צוריקהאַלטען. איך האָב דיר געזאָגט דעם אמת: דאָס קינד בעלאַנגט ניט צו דיר.

אָנקעל מאָזעס איז שטעהן געבליבען און האָט זי אַ לאַנגע ווײַלע אָנגעקוקט, ווי ער וואָלט ניט פערשטאַנען וואָס זי זאָגט. דערנאָך האָט ער אויפגעהויבען די אויגען און האָט זיך ארומגעקוקט אויף אַלעמען אין שטוב. סעם איז שטעהן געבליבען ווי פריהער אַ בלייבער, געביסען זיך די נעגעל און אויסגעמיעדען דעם אָנקעל'ס בליק. דאַן איז עפּעס דער אָנקעל פּלוצים צו צו דער טהיר און האָט זי אויפגעעפענט, און געזאָגט ווי פאַר זיך:

— אָל־רייט.

מאַשאַ איז פלינק ארוים פון שטוב, אויף קיינעם זיך ניט אומקוקענדיג.

— קינד, וואוהין געהסטו? — איז איהר די מוטער נאָכגעלאָפען אין קאָרידאָר.

אין שטוב איז אַזוי שטיל געוואָרען, אַז מען האָט געהערט ווי סעם קייעט מיט די צייהן די נעגעל. דער אָנקעל האָט איהם לאַנג אָנגעקוקט — סעם האָט איהם ניט געזעהן — אין שטוב איז אַלץ שטיל געווען, ווי זיי וואָלטען אַלע פער'כשופ'ט געוואָרען, נור אהרן מעל־

ניק'ס קינדישע וויינענדיגע שטימע האט פלוצים צובראכען די שטיל־קייט מיט זיין דערשראָקענהייט:

— מענשען, וואס טהוט זיך דאָ? זאגט מיר, וואס טהוט זיך דאָ? איך פערשטעהע ניט, איך פערשטעהע ניט.

נור קיינער האט איהם ניט אבגעענטפערט.

---

## .9

## איינזאמקייט.

ביי „מעלניק ענד קאמפּאני" האט זיך ארומגעדרעהט אַן אַל־טער מאַן, וואס די מענשען האבען איהם גערופען אויס געוואָהנהייט האַלב אין ערנסט, האַלב אין שפּאס, „דער אַנקעל". דער אַלטער מאַן פלעגט זיין מייסטע צייט פערברענגען אין דער הויף אין שאפּ, צווישען די ארבייטער. ער פלעגט זיך אוועקזעצען צווישען די לאנדסלייט, און ליעב געהאט צו פערברענגען מיט זיי, פערצעהלענדיג מעשיות פון דער אַלטער היים, פון קוזמין. אפּטמאָל פלעגט דער אַלטער מאַן אַזוי ארום באַלמוטשען די ארבייטער, און אַז עס פלעגט זיך בעוויזען אין שאפּ דער פאָרמאַן, דער קאַזין מאנעס, וואס סעם האט איהם ארויפגע־נומען צו זיך אין ביזנעס — פלעגט דער קאַזין צוגעהן צום אַנקעל און איהם קלאפּען אויף די פּלייצעס: — קאם־אָן אַנקעל — און אַז דער אַנקעל פלעגט ניט הערען, איז דער קאַזין געגאנגען ארויפרופען דעם באָס סעם'ען. און ווי אמאָל האט דער אַנקעל ארויבגענומען מיט גוטע רייד זיין פאָטער פון די שניידערס, אַזוי האט עס יעצט סעם געמאַכט מיט'ן אַנקעל. סעם'ס ערנסטע געזיכט האט אָנגענומען אַ ליעבליכע מינע, און ער האט מיט ווייכקייט אַנגעריהרט דעם אַנקעל'ס אָרעם און געזאָגט צו איהם גוטמוטהיג:

— אַר יו נאָט אַ שעים, אַנקעל? קאם־אָן.

דער אַנקעל האט זיך טאַקע פערשעהמט און איז ארויבגעגאנגען מיט סעם'ען פון שאפּ, אָהנע צו זאָגען אַ וואָרט.

ער האט זיך נאָך אַ פּאָר מינוט ארומגעדרעהט אין אָפיס, אין

געוועלב, און פלעגט מאכען א פאר וויצען מיט די מענשען. עס איז איהם אבער לאנגווייליג געווארען האט ער זיך אויפגעהויבען און איז אריבערגעגאנגען אין סאלון וואס ס'איז געווען געגענאיבער דעם סטאר פון „מעלניק עט קאמפ."

פלעגט מען דאס פלינק זאגען סעם'ען, אז דער אנקעל איז אין סאלון. האט זיך סעם פערשעהמט וואס זיין אנקעל זיצט אין סאלון, האט ער אריבערגעשיקט דעם קאזין מאגעס, אז ער זאל איהם ארויס־נעהמען, און סעם האט שוין געזאגט צו איהם מיט אן ערנסט געזיכט, אהן דעם גוטען שמייכעלע:

— אר יו נאט א שעים, אנקעל? קאם־אן — און ער האט גענומען א באיטשיקעל פון סטאר, אז ער זאל דעם אנקעל אהיים ברענגען.

---

אפטמאל פלעגט דער אנקעל זיצען ביי זיך אין גרויסען שלאף־צימער, און שפיעלען זיך מיט די פערשיעדענע ליכט עפעקטען וואס ער האט געהאט אין זיין גרויסען שלאף־צימער איינגעריכטעט, ווען ער האט חתונה געהאט מיט מאשא'ן. אמאל פלעגט ער בעלויכטען דאס צימער מיט רויט און אמאל מיט א העלל־בלויע ליכט, און פלעגט צוגעהן צו דעם דיוואן אויף וועלכען ער האט זיך אזוי אפט געשפיעלט מיט'ן קינד, און פלעגט עפעס מורמלען צו זיך, צווישען די צייהן, און שמייכלען, און סמאטשקען מיט די אלטע ליפען — און מיט אמאל כאפט ער זיך אויף, קוקט זיך ארום ערשראקען און פערשעהמט, אויב די דיענסט־מיידעל האט ניט געזעהן פון דער צווייטער שטוב וואס ער האט געטהאן, און פלעגט פלינק ארויס פון שטוב, צוקלאפענדיג די טהיר נאך זיך, און איז ארויס אויף דער גאס אין גארטען אריין, אדער צוריק אין שאפ... מען האט איהם אויך געטראפען אויף די טרעפען פון א גרויסע טענעמענט הויז אין די בראנקס, וואו עס האט געוואהנט אן ארבייטער פרוי מיט א קינד — ביי פרעמדע מענשען. אפטמאל האט מען געזעהן אן אלטען בכבוד'ען מאן דרעהענדיג זיך אויף די טרעפען פון דעם טענעמענט הויז. און אז די שכנים האבען געפרעגט וועמען ער זוכט, האט ער געשמייכעלט און געזאגט: עס איז אלל־רייט. איינמאל האט זיך אויך געמאכט,

אז ער איז אריינגעקומען צו די פרעמדע מענשען, וואו די ארביי־טער־פרוי מיט'ן קינד האבען געוואהנט, און האט זיך אוועקגעזעצט אין הויז און געשוויגען. האט זיך פון דענסטמאל אז די ארבייטער־פרוי מיט'ן קינד ארויסגעצויגען פון דעם הויז. מען ווייסט ניט וואו זי וואהנט איצט, און דער אלטער מאן בעווייזט זיך ניט מעהר...

---

פאר דער טהיר פון א מענעמענט הויז אין א רוישענדע גאס אין די בראנקס, האט זיך ארומגעדרעהט אן אלטער מאן. די שכנים האבען איהם שוין לאנג בעמערקט. ווען זיי זיינען צוגעגאנגען און איהם געפרעגט אויב ער זוכט ועמען, האט ער געשמייכעלט און גע־זאגט:

— עס איז אלל רייט.

ער האט געשמייכעלט און ווייטער זיך געדרעהט אהין און צוריק, ביז ער האט בעמערקט א ווייבעל, צי א מיידעל, קומט אן פון דער ווייטען. דאן האט ער זיך אראבגעכאפט פון טראטואר, דערנאך איז ער אריין אין קארידאר, ארויפגעכאפט זיך אויף די טרעפען און אנ־געקלונגען אין א טהיר.

מען האט איהם אויפגעעפענט און געפרעגט וואס ער וויל.

— וואהנט דא א ווייבעל מיט א קינד, וועלכע מען רופט מאשא?

— האט ער געפרעגט.

— מיסעס מעלניק! דאס פרעגט ווער אויף אייך? — האט די אידענע אויסגערופען.

מאשא איז ארויסגעקומען פון שטיבעל. אין פינסטערען האט זי איהם ניט דערקענט.

— ווער איז דארט?

— מאשא, — האט זיך געהערט א שטימע פון אן אלטען מאן. מאשא איז ערשטוינט געבליבען.

— וואס זוכט איהר דא?

— איך וויל דיר עפעס זאגען.

זי האט זיך געשעהמט פאר דער אידענע און האט ניט געוואוסט וואס צו טהאן. זי איז אהן ווערטער אריין צו זיך אין שטיבעל. דער

אלטער איז איהר נאָכגעגאַנגען. אריינגעקומען, האָט ער זיך געשטעלט ביי דער טהיר און האָט זיך, ווי זוכענדיג עפּעס וואָס, ארומגעקוקט.

אין אַ ווינקעל פון שטוב, אויפ'ן בעט איז געלעגען אַ קינד, נעבען וועלכען מאשא האָט זיך איצט געשטעלט און האָט זיך אנגעהויבען צו בעשעפטיגען דערמיט, ווי עס וואָלט קיינער אין שטוב ניט אריינ־געקומען.

אז עס איז אדורך געגאַנגען אַ לאַנגע ווײַלע און דער פרעמדער אלטער איז געשטאַנען אין דער טהיר און מאשא האָט זיך צו איהם ניט געווענדעט — האָט זיך פּלוצים געהערט אַ וויינען, ווי אַ קראַנקע אלטע חיה וואָלט געוויינט — מיט אַן אויסגעמאַטערטע באַסאָווע שטימע.

מאשא האָט זיך דערשראָקען, איז צוגעגאַנגען צו איהם און האָט געזאָגט מיט מיטלייד:

— הערט אויף, מענשען וועלען זיך דערשרעקען, עס איז ניט שעהן.

דער אלטער האָט זיך בעמיהט אויפצוהערען צו וויינען. ער האָט געווישט די טרעהרען פון די באַקען, וועלכע זיינען גערונען זעהר היים איבער זיי, און האָט שטיל געשלוכצעט.

— בערוהיגט אייך. געהט אהיים, עס איז ניט שעהן.

— יעס, יעס, מאשא. שוין, נאָר אַ ביסעל — האָט זיך דער אלטער איינגעשטילט, ווי עס שטילט זיך איין אַ קינד וואָס וויל גוט זיין.

— איך ווייס, עס איז מיין שולד. איי עס ענ'אָלד פול. קיינעמס ניט שולד, נור מיינע. מיינע. נאָר פאר וואָס האָט מיך גאָט געשטראָפט, פאר וואָס ? וואָס האָב איך געוואָלט — וואָס יעדער פארמאַן האָט — אַ ווייב מיט אַ קינד — האָט זיך דער אלטער ווידער צואוויינט.

— אַנקעל, פּליעז, פייניגט מיך ניט און געהט אהיים.

— יעס, יעס, שוין, אָלל־רייט, — און דער אַנקעל האָט זיך גע־נומען ווי ארויסצוגעהן, אָבער ער איז געבליבען שטעהן ביי דער טהיר און געקוקט אויף מאשא'ן מיט בעטענדע קראַנקע אויגען:

— מאשא, איין וואָרט, פּליעז, איין וואָרט. — עס איז מיין קינד, מאשא, איי נאָו, איי נאָו — האָט דער אלטער געמאַכט אַ טריט נעהנטער צום בעט, וואו דאס קינד איז געלעגען.

מאשא האָט זיך פאַר איהם דערשראָקען און זי האָט איהם פערשטעלט דעם וועג.

— דאַנ׳ט בי יעפּרעיד, דאַנ׳ט בי — איך וועל איהם גאר ניט טהאָן. איך וויל איהם נאָר אַנקוקען, איינמאל נאָר אַנקוקען און אַוועקגעהן, פּליעז לאָז מיך איהם אַנקוקען, דאַטסאָלל.

דער אַנקעל איז צוגעגאַנגען צום בעט, אויף וועלכען דאָס קינד איז געלעגען און געשפּיעלט זיך מיט די הענטלעך. און איינגעגעסען זיך מיט די אויגען אין דעם קינד. פּלוצים איז ער געפאַלען אויפ׳ן בעט און אַנהאַלטענדיג זיך מיט ביידע הענד, האָט ער ווידער געוויינט:

— עס איז מיין קינד, מאשא, איי נאָו, דאָס איינציגע וואָס איך האָב אין לעבען. איך וויים, מאשא, פּליעז, מאשא, זאָג — עס איז מיין קינד, מיין אייגען, אייגענס.

א לאַנגע צייט האָט געדויערט, ביז עס האָט מאשא׳ן געלונגען מיט גוטען און מיט בייזען, דעם אַנקעל ארויסצוקריגען פון שטיבעל. מאשא האָט איהם בערוהיגט, צוגעזאָגט איהם, אַז זי וועט צוריקגעהן וואוינען מיט איהם, און לאָזען איהם זיין מיט איהר און מיט׳ן קינד. און דער אַנקעל איז אוועק א רוהיגער און א גליקליכער.

אויפ׳ן צווייטען טאָג, אַז ער איז געקומען צו דער וואהנונג, האָט ער שוין ניט געפונען ניט מאשא׳ן און ניט דאָס קינד. און קיינער האָט איהם ניט געקענט זאָגען וואו זיי זיינען פערפאַלען געוואָרען.

---

א לאַנגע צייט האָט זיך דער אַנקעל ארום געדרעהט און אַלעמען אויפגעפרעגט אויף מאשא׳ן און אויף דעם קינד. ער האָט אַלעמען דערצעהלט סיי בעקאַנטע און סיי ניט בעקאַנטע, אַז דאָס קינד איז זיינס, און מאשא האָט איהם צוגעזאָגט, אַז זי וועט צוריקגעהן מיט איהם וואהנען; ער איז אפילו געווען אין פּאָלים סטיישאָן און געבעטען זוכען זיין ווייב, און ער האָט זיך געהאַלטען אין איין ערקונדיגען נאָך א געניטען דעטעקטיוו, וועלכער זאָל זי אויסזוכען.

מענשען האָבען רחמנות געהאַט אויף איהם און אויסגעהערט וואָס ער האָט זיי דערצעהלט, און אַלע האָבען איהם פערזיכערט, אַז דאָס קינד איז טאַקע זיינס, און אַז דאָס ווייבעל וועט נאָך צוריקגעהן וואהנען מיט איהם.

---

איינמאל איז ער אריינגעגאנגען אין א סאלון ערגעץ וואו דאוּן טאון אין א גאליציאנער קווארטאל, וואו בעקערס און בוטשערס פּערקעהרען. אין דעם סאלון האט מען איהם אויפגענומען ווי אן אלטע בעקאנטען. נור אז דער אלטער האט זיך געהאט אנגע'שיכור'ט, האט ער אנגעהויבען צו רעדען ניט קיין אנשטענדיגע רייד און געפּלאפּעלט עפּעס וועגען קינדער וואס ער האט געהאט מיט דער ווייבעל פון סאלון און געפאדערט זיינע קינדער צוריק. דער מאן פון דער ווייבעל האט איהם גוט אויסגערעדט: אז עס פּאסט ניט פאר אזא אלטען מאן צו רעדען אזעלכע אונאנשטענדיגע רייד, אז פאר אזא אלטען פּאסט זיך ניכער אין בית־המדרש צו זיצען און תהילים צו זאגען, ניט אין סאלון זיך ארומצואוואלגערען, און אויפגעעפענט די טהיר און איהם געהייסען געהן...

---

אמאל האט זיך געמאכט, אז דער אנקעל האט פערבלאנדזשעט אויף א סעמעטערי מיט א לויה פון א לאנדסמאן. דער נאמען פון דער סעמעטערי איז איהם פארגעקומען בעקאנט, און ער האט זיך דערמאנט, אז ער האט דא וועמען — א גאנץ נאהענטען. ער איז אריין אין אפיס און געפרעגט זיך אויף זיין ווייב, וואס ליגט שוין דא בעגראבען א אכצעהן־צוואנציג יאהר. מען האט נאכגעקוקט אין די ביכער און מען האט מיטגעשיקט מיט איהם א שמש. צווישען ריין־געהאלטענע און ציכטיג בעפלאנצטע קברים איז געשטאנען א פערלאזטע מצבה, א ווילד בעוואקסענער קבר, ווי א פערגעסענער. דער אנקעל האט זיך צוגעקוקט צו דער מצבה — און עראינערונגען פון פריהערדיגע יאהרען זיינען אויפגעשטאנען אין זיין קאפּ. נעבען דעם קבר איז געווען ארומגעצאמט א פלאץ אויף אן אנדער קבר, וועלכעס איז ניט געווען פערנומען. דאס איז געווען די קרקע, וועלכע ער האט אנגעגרייט פאר זיך נעבען זיין פערשטארבענע פרוי.

און מיט אמאל איז איהם קלאהר געווארען: אין יענעם קבר איז געלעגען זיין לעבען, זיין יוגענד — ער האט עס פערזעהן. און נעבען דעם לעבען איז געלעגען זיין קבר און געווארט אויף איהם.

ער האט זיך געיאגט, געהאנדעלט, געקויפט ליעבע, אונטערטהעניג געמאכט לעבענס אונטער זיין ווילען — און דא איז אין דער

שטיל געלעגען א קבר און געווארט אויף איהם. און איהם האט זיך אויסגעדוכט, אז ער פערשטעהט שוין פאר וואס זיין לעבען וואס ער האט געבויט איז איינגעבראכען. ער האט געבויט אויף אן אפע־נעם קבר. און עס האט ניט לאנג געדויערט און ער האט פערנומען דאס אפענע קבר, וועלכעס איז געשטאנען די גאנצע צייט און געווארט נעבען זיין פערגעסענעם לעבען...

ע נ ד ע.